STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10725

ERD-ZAFT

L. Seifullina

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידיא סייפולין

ערד־זאפּט

אידיש — ש. גאדינער.

פ א ר ל א ג
אקציען געזעלשאפט „שול און בוך“
מ א ס ק ו ו ע, 1 9 2 4

WORKMEN'S
LIBRARY
MONTREAL.

רעכטברעכער

Главлит № 14346 Тираж 3000 экз.

Евполиграфшклоа. Москва, Мамоновский пер. 2.

איד. אר. ביבליאטעק
באם קילט. צענטער
מאנטרעאל

I.

מע האט אים געכאפט אפן וואקזאל. ער האט צוגויפגעקויפט שפייז בא די הענדלערינס. צו ארעסטן געוואוינט געווען,—האט ער עס באגעגנט אויפגעלייגט. צום גרויען מענטשן מיטן ביקס אונטערגעוואונקען און א פרעג געטאן:

— וואוהין וועסטו מיך פירן, באוער, אין רעטעטשעקא אדער אין גובטשעקא?

יענער האט אזש אויסגעשפיגן:

— אט א דורכגעטריבענער! ווייזט אויס, שוין אליין דורכגעמאכט.

מע האט אים געפירט אין ארטעטשעקא. דערנאך אין גובטשעקא. אין קאמענדאטור פון גובטשעקא איז ער רואיק אפן דיל געזעסן און געווארט זיין ריי. אפן פארהער געענטפערט גערן און לוסטיק:

— ווי רופט מען?

— גריגארי איוואנאוויטש פעסקאוו.

— פון וועלכער גובערניע?—האט מיט איבל און ניט דייטלעך געפרעגט דער קאמענדאנט.

— פון ווייט. מאל דיך,כ'וואלט שוין דעם וועג איצט אהין ניט געפונען. א איוואנאווא-וואזנעסענסקער.

— ווי זשע קומסטו אין סיביר?

— אויך מיר סיביר! כ'בין שוין געווען א טראפעלע ווייטער אויך.

אפגעזאגט און שטאלין באקוקט אלעמען.

— אבער ס'אַרא רואַך האָט דיך געבראַכט אַהער פון איוואַ-באַוואַ-וואַזנעסענסק ?

סאַליד פאַריכט :

— ניט קיין רואַך, דער צוג.

אַפן צוזאַמענדיקן געלעכטער פון די סאָלדאַטן און דעם מענטשן, וואָס האָט עפּעס געקראַצט מיט דער פען אַף פּאַפּיר, האָט ער געענטפערט נאָר מיט אַ סאָלידן שפּיי אַפן דיל :

— מיטן צוג, כאַוועך, געבראַכט. מעריקאַנער. פּיטערער קינדער מיט לערער אַף קעסט אַהער געבראַכט. רויטער קרייץ זייערער, מאַשמאַעס. ניט מיין זאַך. בעקיצער, מעריקאַנער. לעגין, מיסטאַם, האָט זיי באַצאָלט פאַר אונז : צערט זיי, הייסט עס, אונטער. נו, און דאָ נאָ דיר קאָלטשאַק. ווער ס'איז ווייטער אַוועקגעפאָרן, ווער ס'איז געשטאָרבן. איך בין דאָ אין אַ יעסוימים-הויז אַריינגעפאַלן. און געמאַכט די פּלייטע אין דאָרף.

— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן ?

— באַם גאַלער געאַרבעט. דו קוק ניט, וואָס איך בין אַזאַ דאַרינקער, אַף אַרבעט בין איך, ברודער, אַ מיידים !

— נו, און אַלס פּריוווּליקער באַ קאָלטשאַקן האָסטו געדינט ?

— געדינט. נאָר אַנטלאָפן.

— ווי זשע קומסטו זיין אַ פּריוווּליקער ?

— אַז די רויטע זיינען געקומען, זיינען אַלע אַנטלאָפן. בין איך אויך מיט זיי געלאָפן. נו און אַז קיינער דאַרף מיך ניט, בין איך אַלס פּריוווּליקער אַוועק.

— וואָס זשע ביסטו פון די רויטע געלאָפן, האָסט מוירע געהאַט פאַר זיי, צי וואָס ?

— נו, מוירע געהאַט... וואָס פאַרא שרעק ? איך בין אַליין פון דער רויטער פּאַרטיי, נאָר אַלע זיינען געלאָפן, בין איך אויך געלאָפן.

די סאָלדאַטן האָבן ווידער אַ מאָל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דער קאָמענדאַנט האָט אַף זיי אָנגעשריען און באַפוילן :

— באַזוכן.

פונקט אַזוי גערן זיך געלאָזט באַזוכן. געוואָוינשאַפטלעך אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. לוסטיק האָבן געגלאַנצט אַפן געלן, קינדערשן געזיכט גרויסע, גרויע אויגן. פונקט, ווי שפּיזלעך זוניקע

האבן זיי אליז געהעלט. דאס מאגערע צעקנייטשטע פעגיטל. דעם לייזיקן, צעשוידערטן קאפ מיט האר, ווי שמוציקע שטרוי. באב אינגל האט מען אפגענומען א גרויסע סומע געלט, א יארצייט־קאמייעלע מיט באזילבערטע דעקלער, א פונט טיי און עטלעכע ארשין מאנופאקטור אין פלייצע־זעקל.

— די געלט וואו האסטו אנגעקליבן ?

— ווענכע געגאנווענט, וועלכע פון האנדל געמאכט.

— מיט וואס זשע האסטו געהאנדלט ?

— מיט סיגארעטלעך, מיט פאפיראסן און א מאל גאר וואס צוגעלאטכנט—איז דערמיט.

— אט א יאלד !—האט זיך געוואונדערט דער קאמענדאנט—טאטע־מאמע דייגע וואו זיינען ?

— דאס מאטל אין טייטשער מעלכאמע געהארגעט, דאס מאמל אנדערע קינדער אנגעהאט. און מיט איר נייעם און מיט די קינדער ערגעץ נאך ברויט אוועק און מיך אין מעריקאנישן צוג פארשטעקט.

און ווידער—מיט לויטערן שיין פון די אויגן דעם קאמענ־דאנטס פארלאשענעם בליק באגעגנט. יענער האט געשאקלט מיטן קאפ. געוואלט זאגן : „פארפאלענער״. נאר ליכט פון גרישקעס אויגן האט אפגעהאלטן. האט ער א שמייכל געטאן און דעם גיידער זיך געקראצט.

— איז וואס האסטו געטאן בא־קאלטשאקן ?

— גארניט. זיך תארשריבן און אנטלאפן.

— ביסטו גאר פון דער רויטער פארטיי ?—האט זיך דער קאמענדאנט דערמאנט.

— רויטער. דערלויבט פייער.

— קלעפ ביסטו ווערט פארן רויכערן. נא, פארויכער ! ווי אלט ביסטו ?

— דאס פערצנטע געווארן נאך גריגארי דעם הייליקן.

— הייליקע קענסטו ? און דאס יארצייטל אף וואס טויג עס דיר ?

— דאס טאטל פארשריבן דארט. ט׳זיך דערוויסן דערפון אפן הימל. אים גרינגער זיין. דאס מאמל האט פארגעסן, און גרישקע געדענקט

— און מיינסט טאקע אפן הימל ?

— וואו דען? די נעשאמע דארף דאך ערגעץ זיך פלאנטערן. פונים גוף פונם מענטשישן דאך ארויס.

דער קאמענדאנט האט זיך ווידער פארוואלקנט.

— נו, געגוג! מע וועט דיך מוזן פארהאלטן.

— אין אסטראג? מאכטייסע. קעסט זיינען בא אייך אביסל ניט אזוי געהויבן.... נאר מיילע. וועלן זיצן. צום ווידערזעען.

גרישקען פלעגט מען לאנג דערמאנען אין טשעקא.

פון טפיסע האט אים אין קורצן ארויסגערופן די קאמיסיע איבער איניאנים פון מינדעריעריקע. אין קאמיסיע האט אים אויסגעוויזן ערגער, ווי אין גוב־טשעקא. דארט איז געווען פריילעכע בעוורע. מען האט געלאכט. און דא האבן אלע אף אים נאר ראכ־מאנעס געהאט, און דער דאקטאר האט לאנג געמאטערט.

— און צו וואס פלייסט זיך דאס אזוי א מענטש?—האט זיך גרישקע געוואונדערט—און דעם קאפ אויסגעמאסטן און די פינגער. אדער עפשער אים פארגלייכט מיט עמיצן? מען זוכט אפאנים, איינעם מיט אזא קאפ...

ניט לייטיש האט מען אים אויך א נאקעטן אזוי לאנג ארומ־געקוקט. אין באד האט מען אים ריין אויסגעוואשן, און דער דאק־טער האט איצט געקוקט אף אים אזוי, אז אים האט זיך געדאכט אז ער איז אין עפעס איינגעריכט. דערנאך האט ער אנגעהויבן פא־נאנדערפרעגן וועגן זאכן, וואס ס'איז א ביזאען. ניט פיין. מאלט אייך, גרישקע האט שוין א היבש ביסל געזען און געשטיפט מיט מיידלעך אויך. אבערריידן וועגן דעם דארף מען ניט. בלויז באם געדאנק איבלט עס. און צו שטיפן מער קיין כיישעק ניטא. ווען ער איז פון דאקטאר ארויס, האט דאס פאנים געפלאמט, און די אויגן ווי פארטונקלט געווארן. אין די בייגער איז ער אריינגע־קראכן—דער אין די שפאקולן.

נאר אין אוונט, אין יעסוימים־הויז, מיט די מינדעריעריקע פארברעכער ווידער געווארן פריילעך. דאס עסן געלויבט:

— דאס איז דיר, ברודער, ניט קיין סאוויעטישע קיי און שפיי פון א קיך. ס'איז דא מילך, קאשע־זיסע. אין זופ—פלייש־פעדעמלעך. נישקאשע...

באנאכט איז געווען שלעכט. די אינגלעך האבן זיך גערודערט און דער „לערער“ האט זיך געבייזערט. ער האט עפעס דערמאנט

דעם דאקטאר. גרישקע האט לאנג ניט געקאנט איינשלאפן, זיך געוואונדערט.

— אט א מייסע! פון קישן, ווייזט אויס, שוין אפגעוואוינט זיך, לאזט ניט שלאפן.

און א גאנצע נאכט צווישן כאלעם און וואר איז בענקעניש זיך געווארפן. דאס דערזעט ער גאר די מוטער. זי קעמט דעם קאפ און זאגט:

— וואקסט, גרישענקע, וואקסט, זונדעלע! וועסט א גרויסער אויסוואקסן, וועלן מיר אפרוען. וועסט געלט פארדינען טאטע־מאַמעלע באווארענען.... בלוט און פלייש מיינס!

און קושט.

מאדנע! די אויגן אפן, אין סטעליע א לעמפעלע ברענט. ער ווייסט: א קינדער־הויז איז עס, קיין שום מאמע איז דא ניטא, און אפן באק פילט זיך: זי האט א קוש געטאן. און וויינען ווילט זיך. נאר ער האט אן אך געטאן, ווי א גרויסער, דעם געוויין פאר־האלטן און אף דער צווייטער זייט זיך איבערגעדרייט. דערנאך האט זיך אים אויסגעוויזן דער דאקטאר. וועגן וויבער זיך דערמאנט. ווידער האט עס געאיבלט. ווידער האט עס פארקלעמט. ס'האט זיך געוואלט טפילע טאן, האט ער „פאטער אונזערער" זיך ניט געקאנט דערמאנען. און קיין אנדער טפילע האט ער ניט געוואוסט. אזוי האט ער זיך א גאנצע נאכט אפגעמאטערט.

אוועק טעג נאך טעג. געלעבט וואלט זיך נישקאשע, איז אבער שטארק לאנגווייליק. אינדערפרי צערט מען אן און מען פירט אוועק אין גרויסן זאל. אמאל לייענט מען. נאר אלץ וועגן לאנגווייליקס. איין אינגל געווען א גוטער, דער צווייטער א שלעכטער... געבן אים א פליק אין קארק אט דעם גוטן טאקע! אדער לערערקעס פלעגן קומען:

— לאמיר, קינדער, זינגען א ביסעלע און שפילן. נו, שטעלט זיך אין א קרייז.

שטעלט מען זיך. אין זאל צוזאמען מיט די מיידלעך. די מייד־לעך מאכן האוואיעס און האלטן אין איין זינגען וועגן ווייגאכט־בוימל און וועגן העזעלע, וועגן ברויטעלע. און דאס צעפירן זיי גאר אט אזוי מיט די הענט און בויגן דעם קאפ דאס אף איין זייט, דאס אף דער צווייטער.

— וואו ס'בויגן זיך ווערבעס איבערן אפגרונט.

לעבאטכילע איז עס געווען קאמיש. דערנאך האט דערעסן. דער קאפ איז דאך אויך ניט קיין קאהאלשער. שאקלסט אים, שאקלסט אים און עס ווערט דערעסן. בעסער פון אלץ איז געווען דער „אינטערנאציאנאל". א טייער ווארט אזא, אן אומפארשטענדלעכס. און מ'איז עפעס ענלעך צו גרויסע. דאס איז דיר, ברודער, ניט וועגן ווייגאכט-בוימל!

— שטייט אויף איר אלע, ווער ווי שקלאפן...

גוט! נאר עס האט אויך דערעסן. אלע טאג הייסט מען זינגען. אליין וואלט זיך געזונגען ווען עס פארווילט זיך. און אמאל דארף מען גאר ניט זינגען. און דא הייסט מען דאפקע אלע טאג. פונדעסטוועגן האט ער זשארזשען דעם געשטופלטן די צורע צעפראסקעט פארן „אינטערנאציאנאל". פון בורזשויעס איז זשארזשע. עפעס א מומע ברענגט אים אלע מאל געפילטע קיכעלער. נאגט אמאל זשארזשע גרישקען:

— מע דארף זינגען: די גאנצע וועלט זשידעס און זשידעניאטלעך.

און גרישקע איז פון דער רויטער פארטיי. גרישקע ווייס: זשידעס זיינען אויך מענטשן. דאס רייצט מען מיט זיי די ראכמאכט. נו, האט ער אויסגעפראסקעט די צורע זשארזשען. פון דאמאלסט אן איז אומעטיק געווארן. פאר ראטן-מאכט זיך איינגעשטעלט, און די מומע זינע און קאנסטאנטין סטעפאניטש האבן אים בוליגאן אנגערופן. און אז עס איז קאזיאנע וועש פארפאלן געווארן, האט מען זיי דרייען אויסגעפרעגט, דרייען, וואס זיינען אמאל גאנאווים געווען. גרישקע האט זיך געוואונדערט:

— פערדישע קעפ! צו וואס וועל איך דא גיין גאנווענען? קעסט איז דא דערווייל גוטע. וואס איז, אז מ'ר זיינען געווען גאנאווים? ווייסט אליין גאנווענען, אז דו ווייסט ניט האבן וואס צו פרעסן. אט אז איך וועל אנטלויפן, וועל איך דאמאלסט עפעס צוציען.

ס'האט זיך געשטארקט דער געדאנק: אנטלויפן. די הויפטזאך — לאנגווייליק. מע האט צוגעזאגט א מלאכע לערנען — לערנט מען ניט. א טערעץ: קיין געצייג ניטא. און די פליקאציע פון פאפיר אויסשניידן האט שוין דערעסן. די, וואס ער האט אויסגעשניטן

און אויסגעפלאכטן האט ער אין אפטרעט אפן וועגטל אנגעקלעפט און מיט א בלייפעדער אונטערגעשריבן: דא איז דיר דיין מאקעט, די דאזיקע אפטייק־קראם איז בארופן דעם מענטשן צו מאכן גראם גריגארי פעסקאוו.

שרייבן האט ער שלעכט געשריבן, קאטשערעס מיט לאפעטעס, און דאס האט ער אויסגעציקלט דאפקע שארף. פון יענעם טאג אן האבן אים די דערציער פארהאסט. אויך מיר א זארג. אט דער געלער קאנסטאנטין סטעפאניטש וואלט נאר געדארפט אף א גימארע שפילן און אף פאטאגראפישע קארטלעך ארונטערנעמען. פון אלעמען האט ער פאטאגראפיעס ארונטערגענומען. פרישצעוואטער! א ראשע, שלאגן זיך וואגט ער ניט, און מיט די אויגן שטעכט עס, ווי א שלאנג. קוקט אף אלעמען—פונקט ווי ער וואלט אויסגעשמעקט: וואס פארא מענטש ביסטו. אליין רויכערט ער אין צימער, אין לופטשיקל אריין און בעווריע זאגט ער:

— א רעכטפארטיקער מענטש דארף ניט רויכערן.

רויכערן—איז א פוסטע מייסע. שוין וויפיל צייט ניט גערויכערט. אפגעוואוינט זיך און עס ציט ניט. נאר אז קאנסטאנטין סטעפאניטש פארציט א פיזמען וועגן רויכערן און הויבט אן אויסשמעקן און אויספרעגן ווער עס האט גערויכערט, ווילט זיך פארציען א פאפירעסל. און די מומע זינגע רופט אלעמען ליבינקער. און גלעט איבערן קעפל. א קלעפיקע אזא. איר אליין ווילט זיך ניט, נאר זי גלעט. די נעשאמע נעמט זי ארויס מיט אירע ריידעלעך:

— דאס טויג ניט, ליבינקער! דיך האט מען דערוואראמט, אנגעטאן, דאס דארף מען שעצן, הארציקער. אלע קנעפלעך דארף מען פארשפיליען און דאס קעפעלע אויסקעמען. דו ביסט שוין א גרויסער. ווילסט, וועל איך דיר א ביכעלע לייענען? און דו מאל דערווייל

מאכשייפע זיסינקע! און ווידער, האט זי מיט די אנקעטעס פארמאטערט. אלע טאג שרייבן די קינדער, וואס זיי האבן ליב און וואס זיי האבן ניט ליב, וואס זיי ווילן און וואסער ביכל איז זיי געפעלן געווארן. און דא האט זי גרישקע אויפגעבראכט. דאס לעצטע מאל האט ער אף קיינע פראגן ניט געענטפערט און אנגעשריבן:

— אנקעטעס האב איך קיינע ניט ליב און וויל ניט.

זי איז אזש ווייס געווארן. אבער צעלאכט האט זי זיך אוי=

שטיל, די ליפעלעך אין א רינגעלע צונויפגעקליבן און ארויסגעזייט אזוי צעצויגן און שטיל־שטיל :

— או־או, און איך האב דיך ניט ליב ! אזא שייגאץ א אינגל.

איז האב ניט ליב. דיין זשארזשען האב ליב. יענער פארשפי־לעט אלע קנעפעלעך, און דאס פאפיר צעווירעט ער, און אף אלע פראגן ענטפערט ער, ווי עס באדארף צו זיין. נאר אז זי דרייט זיך אוים צו אים מיט דער פלייצע, באווייזט ער איר, וואס ס'איז א ביזאען. די מיידלעך אלע זיינען פאסקודעס. בא דער מומע זינע האבן זיי זיך אלע אויסגעלערנט ריידן מיט דינינקע קעלכעלעך און פארשטעלן זיך אזוי אניוועסדיק, אניוועסדיק. און אין דער שטיל קריכן זיי צו די אינגלעך. מאנקע פון די שאכטן, איז א נישקאשנע־דיק מיידל. לידער אומעטיקע זינגט זי און האט ליב א ביכל לייענען. נאר זי איז ווי פון וואקס אויסגעגאסן, א געלינקע, א שוואכינקע. נאר אויך מיט איר רעדט ניט גרישקע. האט מוירע. ער האט זיך שוין אנגעקוקט אף מיידלעך און האט זיי ניט ליב. קיינעם האט גרישקע ניט ליב. פארמיעסט געווארן אלין : די שלאפצימערן אלע מיט די דעקעס, וואס זיינען ווי פון איין שטיק, דער עס־צימער מיט די נייע הילצערנע טישן. אנטלויפן ! זייער קינדער־הויז איז געווען אין א מאנאסטיר. הינטער הויכע ווענט. און באם טויער איז א שוימער געשטאנען.

גרישקע האט געטראכט :

— ריכטיק ! רעכטברעכער זיינען מיר. אזוי שרייבן מיר זיך מאקע — מינדעריעריקע רעכטברעכער. געהויבן ! פראסט גערעדט הייסט עס גאנאווים, ארעסטאנטן, און אפן געלערנטן לאשן ר ע כ ט ־ ב ר ־ ע ־ כ ע ר.

דער דאזיקער נאמען איז אים געווען געפעלן, פונקט ווי דער „אינטערנאציאנאל“. גרישקע האט שטאלצירט מיטן נאמען און מיטן שוימער באם טויער. נאר איצט האט דער שוימער געשטערט. אנטלויפן גלוסט זיך.

ס'איז פרילינג געקומען. גייסטו ארוים אפן הויף, כאפט דיך א בענקעניש ארום, ווי בא א הונט, הויבן זיך אן באוועגן די נאזלע־כער און עס ווילט זיך פליען. די זון איז שוין אביסעלע בעסער גע־ווארן און ווארעמט גוט. דער שניי איז ווייך געווארן. מען האט שוין

אויסגעגראבן רינגשטאקלעך, און דאס וואסער רינט דארטן אונטער דינינקן, דינינקן אייז. די שליטנס סקריפען שוין ניט, שלעפן זיך קריצנדיק. די פערד מיט די שלאעס קלאפן שוין ניט קלאפ-קלאפ, נאר קוואטשען קוואטש-קוואטש... די צווייגעלעך אף די ביימער זיינען נאקעטע, דינינקע. אבער פריידפולע. אין הארבסט האבן אף זיי געלע, טויטע בלעטער געפלאטערט, און ווינטער — שניי. איצט האבן זיי אלץ פון זיך אראפגעווארפן. גרינינקע געווארן, גוט זיך אויסגעגלייכט, ווי נאך א קרענק. אטעמען זיי און קענען זיך אלץ צו זאט ניט אנאטעמען. בעטן זיי טרינקען באם הימל. איינגלעך הינטערן פארקאן אף דער גאס שרייען מיט געשריי און ליארעמען, זינגען א גאנצן טאג לויב-געזאנג דעם פרילינג. אוי, ווי עס ווילט זיך אנטלויפן! אפן הויף איז גוט, ווען מע לאזט שפילן זיך, ווי עס ווילט זיך. נאר אז די לערער קומען אן מיט זייערע קאראהאדן און ברויטעלעך ווילט זיך ניט. אין פילקע מיט שטעקלעך אפשלאגן — דאס יא.

אין הויף האבן נעזיריטעס געוואוינט. מען האט זיי צונויף-געפרעסט, אבער נאך ניט ארויסגעווארפן פון די דירעס. האט אלע אינדערפרי און פארנאכט נאך אלץ אומעטיק דער קלויסטער-גלאק געקלונגען. שווארצע שאטנס פלעגן פון זייערע ווינקלעך ארויס און לייכט, פונקט ווי זיי וואלטן שווימען, פלעגן זיי זיך לאזן צום קלויסטער. דער קלויסטער איז אין ווינקל הויף געווען און מיטן הויפט-ארויסגאנג צו דער גאס געשטאנען. פלעגן גיין נעזיריטעס יונגע און אלטע, נאר אלע פלעגן זיי זיך רירן ווי ניט לעבעדיקע. ניט אזוי ווי זיי פלעגן באטאג איבערן הויף אדער אין בעקעריי שמאיען. דארט זיינען זיי עמעסע ווייבער געווען, זיי פלעגן מיט די קינדער זיך זידלען און קווטשען. און די קינדער פלעגן זיך רייצן מיט זיי. אין ברוגזן שפייען, און איינמאל האבן זיי אפילו די קלויס-טער-טיר אויפגעעפנט און אריינגעשריען אהין:

— לעגין, טראצקי, סאפנארקאס!

די מאנאשקעס האבן אין גובפאלקבילד זיך געקלאגט, פון יענעם טאג איז א מילכאמע אוועק. פריילעך געווארן.

II.

אלץ דורשטיקער האט דער פריליגג געשלונגען דעם שניי. אין קלויסטער האט מען די טיר געעפנט. די לופט, וואס האט זון א זשליאקע געטאן האט טונקעלן געוועלב אפגעפרישט. אריינרייסן זיך פלעגט זי, די לופט, א פארשיקערטע און צעהוליעטע און פון קלויסטער אין הויף אריין, זיך ארויסטראגן צוזאמען מיטן ווייטאקדיקן, ערעוופייסאכדיקן גרויסטאנעסדיקן מענטשלעכן יאמער. מיטן געוויין וועגן פאלעץ, אין וועלכן ס'איז ניט באשערט אריינצוקומען. נעזירימעם פלעגן אפטער ווי שאטנס דעם הויף צום קלויסטער צו דורכשווימען. זיי פלעגן לענגער שרייען צום ריבוינו שעל אוילעם אין ברען פון טשואווע טאן. און אט די שטומע, שווארצע שאטנס אפן ליכטיקן געזיכט פון פריליגג, און אט, די גרויסטאנעסדיקע נעזאנגען און דער אויפברויזנדיקער הו=הא פון דער פרילינגס=גאס האבן אינגאנצן גרישקען צעמישט. די דערציער האבן געקוואלן. ער פלעגט זיך אונטערגעבן יעדער אנווייזונג. שאען=לאנג רואיס געזעסן. די אויגן זיינע נאר ליידיקע געווארן. און גרישקע האט געלעבט אין זיך. באנאכט פלעגט ער זיך פון שלאף אויפכאפן און טראכטן פון דער פרייער וועלט. אבער אנטלויפן איז געוועןן שווער. זעקס עלטערע האבן די עלטסטע נעזירימע באגאנוועט און זייערן אנטלאפן. מע האט זיי אבער געכאפט. האבן זיי גענומען בונטעווען. באכערים שוין, ווענצעלער האבן זיך שוין בא זיי געשאטן. אין לאגער אף ארבעט האט מען זיי אפגעשיקט. און אף די איבעריקע האט מען שטרענגער אכטונג געבן גענומען. נאך א שוימער, א טשעקיסטישן אגענט, און דערציער צוגעשטעלט. האט אבער א צופאל געטראפן.

די מילכאמע צווישן די נעזירימעם מיט די קיגדער האט זיך אלץ מער צעפלאקערט. אין דער נאגנדיקער ריי פון טעג זיינען די צוזאמענשטויסן מיט זיי געוועןן דאס סאמע העלסטע. מיט די דאזיקע צוזאמענשטויסן האט מען געלעבט אין דער לייהיק=גייערישער און זאטער פארשפארעניש. און דא האט נאך פופצן מענטשן די טפיסע צוגעשיקט. מע איז געגויט געוועןן ארויסצוזעצן די נעזירימעם פון קלויסטער=הויף. מע האט באפרייט פאר זיי א גרוים צווייעטאקיק הויז הינטערן טייך. נאענט צום עק שטאט. מען האט זיי פארגעלייגט אריבערפארן. די נעזירימעם האבן אונטערטעניק אנגענומע

דעם באשלוס פון דער מאכט. זיי האבן נאר אויסגעבעטן, מע זאל זיי דערלויבן מיטן מאנאסטירישן קלויסטער זיך באנוצן. אבער אין דער שטיל האט יעדערע איר ביטער הארץ אויסגעגאסן.

אלע אינדערפרי, אביסעלע אן דער זייט פון דער הויכער מאנאסטיר-וואנט, פלאגט זיך א פויעריש פורל אפשטעלן. און אנדערש מאל — צוויי דריי. איינגהויקערנדיק זיך, מיט שולדיקע פענימער פלעגן צוקומען צום קלויסטערשן טויער פויערים און פויערטעס. מאכנונעדיק-ווייך פלעגן זיי מיטן שוימער א געשפרעך פארפירן, דורכשמוגלען הינטערן טויער. דער הויף פלעגט זיי באגעגענען מיט א נייעם פרעמדן הו-הא. אין דערלופטן האבן געקלונגען ווערטער „כאוואר", „קינדער-הויז", „רעכטברעכער". דאס דווירעסדיקע קלויסטער-לעבן האט זיך שרעקנדיק פארבארגן אין דער טיף. אויסמיידנדיק די קלינגיק-שטימעוודיקע און שווייגנדיקע מיט פארטיקער פראגע אין די קינדערשע אויגלעך, פלעגן זיי גיין אין די הינטערשטע קליינינקע הייזעלעך. דארט פלעגן זיי באגעגענען בילדער פון הייליקע און יגע, בוימלדיקע שטימען. אט פאר די, וואס ברייגנען א מאטן-בעמייסער, פלעגן דאס די נעזירישעס זייער ביטער הארץ אויסגיסן. די עלטסטע פלעגט זיך אונטער די פאפירן אונטערשרייבן : אנפירערן פון נעזירישער ארבעטס-קאמונע, האכנאעדיקע יעווסטאליע. אף די פארזאמלונגען אין מאנאסטירישן קלויסטער, צוזאמען מיט די גלויביקע פלעגט זי איינטאינען : „יעדער מאכט איז פון גאט". נאר אויך זי האט ניט אויסגעהאלטן. א באקאנטער דאווגער, אסטאפיעוו, א מענטש, וואס האט פריער פארמאגט צוויי קינעמאטאגראפן, פלעגט פיינע נעדאוועס אפן קלויסטער געבן, און איצט געדינט אין גוב-פארבאנד און אז גאט אליין ניט פארגעסן, האט זי איר שמערין פארטרויט:

— פון גאטס געצעלט רייסט מען אפ.

האבן זיך שוין א לאז געטאן אנזאגערינס איבער די הייזער, וואו מען האט נאך גאט ניט פארגעסן :

— די מאנאשקעס זעצט מען ארויס !

— מעאטערן וועלן זיין אין מאנאסטיר.

— פון די איקאנעס נעמט מען די הייליקע קליידונג אראפ.

— פון ארן-קווידעש האט מען אליין דעם פארזיצער פון גוב-טשעקא אין דירע אראפגעפירט.

— די מוטער עלטסטע האט מען אין טשעקא געפייניקט.

די באפליגלטע יעדיעם האבן פון די הייזער איבערן מארק, וואס אפן פלאץ באם קלויסטער, זיך איבערגעווארפן. אין טאג, וואס איז אף איבערפארן באשטימט געווען, האבן ווייבער אף די פורן זיך גע־ציילעמט. אייגע האט אין געטומל דריי טויזנט רובל פאר קרויט פארגעסן באקומען. האט זי קרעכצנדיק געמישט די אויסגעשרייען צו גאט מיט קוויטשעדיקער ווייבערשער זידלעריי.

— מאמעלע, קיניגן פון הימל, דרייהאגיטקע... וואס זשע איז דאס, קיין כאלערע קומט גאר ניט אף זיי... שטופט געלט אין האנט אריין, און אליין מאכט ער פיס. קאמוניסט מעטורע־פער! שייוועט זשידעשער! דערבארעמדיקער מיקאלע... זעסט, די טפילעס האבן געשטערט... פונקט, ווי שיידים פאר ווייראך צי־טערן... יונג־פרויען קריסטוסעס, מאמעלעך אונזערע... און וואו ווען זיי זיך אהינטאן? אז דערווארגן זאלן זיי נאר ווערן, אנטיכרים־טישע זריע! און דא, נאדיר. כ'האב נאר א בליק געטאן: געווען א פארשוין, ניטא דער פארשוין.... נאר איך געדענק די צורע זיינע מיט די אקסענע אויגן! קום נאר צו נאך אמאל... קאדאכעס הינטישער!..

די פויערים האבן די צינגער זייערע ניט פאנאנדערגעבונדן. נאר, אז זיי האבן דעם האנדל פארענדיקט, זייגען זיי פון מארק ניט אוועקגעפארן. זיי האבן געענטער צום קלויסטער די פערדלעך זייערע צוגעטריבן.

מען האט דערלאנגט די פורן פאר די נעזיריטעס. די גרויסע טויערן געעפנט. ארום זיי האט זיך די שמירע אויסגעשטעלט. און פונקט ווי דורך א באהאלטענעם דראט האט זיך די יעדיע איבערגע־געבן. מיטאמאל האט עס א פלייץ געטאן אהער א פארשיידנפארביקע כוואליע אוילאם. שארף האט א בליץ געטאן פון אונטערן שווארצן קאפישאן די מוטער יעווסטאליע. אין טויער האט זי זיך אפגעשטעלט, א הויבע און כאשעווע אזא. געלאסן האט זי זיך אומגעדרייט צו דער איקאנע, וואס איז איבערן טויער געהאנגען. און א ווארף געטאן זיך אף דער ערד, קוראים געפאלן. ווייבער און אוילאם האבן זיך פאנאנ־דערגעכליפעט און די עלטסטע האט בא איר פורל נאך אמאל אין אלע פיר זייטן נידעריק זיך געבוקט. דער פאנים אירער ווי אף אן אל־טער איקאנע. א שטרענגער. ווי שווארצע שאטנס האבן זיך א לאז געטאן נאך איר די נעזיריטעס. ווי זי האט געטאן אזוי האבן איר אלע נאכגעטאן. בוילעטע אין בלויער פרילינגס־לופט, שווארצע פיגורן

האבן אומעט געזייט. האט זיך א שליידער געטאן א פויערטע צו די נעזיריטעם מיט א הילכיקן געיאמער:

— מאמעלעך אונזערע! בעטערינס! פארגיט אונז אין גאטס נאמען!

נאך איר נאך איינע. נאך העכער אויסגעשריען:

— וואוהין טרייבט מען אייך פון גאטס געצעלט?

די דריטע האט זיך פאשעט די פערד פון דער נעזיריטעס פור אונטער די פיס א ווארף געטאן. דעם האן אפילע פון די הענט ארויסגעלאזן:

— האט קיין טארומעס ניט אף אונז! באקלאגט זיך ניט פאר גאט אף אונז!

זיי האבן צערעוועט זיך מיט אן איבלדיקן יאכמער. האבן זיך אפגערופן צענדליקער ווייבערשע קוויטשעדיקע יעלאלעס. פון די גאסן האבן זיך די פארבייגייער אפן געוויין א לאז געטאן. א סאלדאט א רייטער מיט א פאקעט האט אין מיטן גרעסטן געלאף דאס פערד אפגעשטעלט. פארגליווערט געווארן אין נייגיר. די ענדלערקע פי־אטאווא האט דאס וועגעלע מיט די קיבעלעך איבערגעלאזט. צום רייטער צוגעשטאנען:

— פארוואס לעסטערט איר דעם גלויבן דעם קריסטלעכן? איר'ט געשטראפט ווערן!.. ווארט, ווארט,—איר'ט געשטראפט ווערן!

דער אוילאם האט זיך א רודער געטאן. ווייבערשע קוויטשערייען האבן זיך אויפגעטרייסלט. מאנסבלען האבן אנגעהויבן ברומען:

— מיר וועלן ניט לאזן דעם מאנאסטיר צעראבעווען!

— ווען האבן די נעזיריטעס געשטערט? וועמען האבן זיי אנגערירט?

א רירעוודיקער און גראאינקער לערער פון דער געוועזענער גייסטלעכער שול, קלויסטערשער גאבע, איז צו די פורן ווי פון אונטערן וואסער ארויסגעשוואומען. ס'האט א ציטער געטאן זיין זקיינישער אויסגעשריי:

— וואו זשע איז פרייהייט פון געוויסן? פרייהייט פון געוויסן, פון דער רעגירונג דערלויבטע, וואו איז?

דעם אוילאם האט אונטערגעהיצט:

— קיין רעכט ניטא.

— לעגינען אן אנקלאגע שיקן!

אר. ב. ... צענטער ... פאלקס

— ווילקיר פון אַרקטיקער מאַכט.

— גאָט=לעסטערער! אין זשידעשער שול האָבן זיי קיינעם ניט אַריינגעזעצט. זשידעס, קריסטוס=פאַרעטער!

— אהא! יאַ! אין מעטשעט און אין קאַשציאָל זיינען זיי ניט געגאַנגען. אין פּראַוואָסלאַווגעם קלויסטער האָבן זיי די הינטערן פלויט געפונענע אַריינגעזעצט. אין פּראַוואָסלאַווגעם... ניט אין קיין אַנדערן.

און די „הינטערן פלויט געפונענע" האָבן דערווייל אין אַ ליאַ=רעמדיקער מאַכנע פון הויף זיך אַרויסגעשאַטן. מיט קיילעכדיקע אויגן אַלעמען אָנגעקוקט, סקאַנדאַל=פרייד געזשליאַקעט. אונטער די פיס באַ אַלעמען, ווי הינטעלעך נאַרישע, זיך געשטופּט. „גרישקע האָט וועגן בענקשאַפט און אַנטלויפן פאַרגעסן. די גרויע אויגן האָבן געשיינט און דאָס קעפּל האָט ביי אים אין היסלאַוועס הין און הער זיך געוויגט.

— וואָונדערלעך!... ווייבער פּילדערן, באַ די פּויערים זיינען די גיידערס רויט. און די נעזיריטעס זיינען פּונקט ווי פּופּן שוואַרצע אַף פּרווזשינעס. בוקן זיך הין און הער. די ליפּעלעך צונויפגעפּרעסט.

— זעסטו, באַליידיקטע נעבעך!

און אַנשעפּנדיק פּולע לונגען לופט. אָן אַנגעשטאָפּטער מיט מוירדישער האַזע האָט גרישקע נעבן דער עלטסטער אַליין אויסגעשריען:

— אויסוואַרף שוואַרצעקיקער!

מיט אַ ווילדן קאַנצערט האָבן זיך די ווייבער אָפּגערופן:

— אַ מאַמזערל זידלט די מאַמעלעך!

— אונזער בעטערין, איז ער מעוואַזע!

מען וואָלט צעריבן גרישקען. נאָר דער שוימער האָט אים פאַרן קאָלנער אָנגעכאַפּט. צו מאַנאַסטירישער וואַנט אָפּגעוואָרפן. און אַליין זיך ווי נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעכאַפּט. אָפּן סקאַנדאַל זיך געהאַט פאַרקוקט. דער צווייטער שוימער איז אויך צו זיך געקומען און האָט אין הויף אַריין געשריען:

— גיט איבער דורכן טעלעפאָן! מען דאַרף שמירע!

נאָר דער געטומל האָט זיך שוין איבער דער שטאָט צוטראָגן. פון פאַרשיידענע עקן האָבן זיך רייטער געטראָגן.

— פאַנאַנדערגעגאַן... פאַנאַנדערגעגאַן...

— בירגער, וואס ניט פון מאנאסטיר מרעט אפ... צוריק !...

א נעזירימע איינע האט מיט א קוויטש אף דער ערד זיך א ווארף געטאן. א רייטער איז צו איר גלייך צו.

— זעצט ארויף די מאמעלע אף דער פור... אונטערן הענטעלע. אונטערן הענטעלע נעם. לייג... בירגערטע עלטסטע, זייט אזוי גוט אף דער פור. העלפט אונטער ! באגלייט !

א פריילעבער גלעזער, א פארשמעקטער צווישן אוילאם האט געכויזעקט :

— זעסטו ! א מיליטערישער קאוואליער האט זיך צוגעשארט. האט מען עם טייקעף אויפגעבאפט.

— הי,הי... הא־הא... א נעזירימע גלוסט זיך אויך מיט א קאוואליער.

— גלוסט זיך מיר, מיט א באבערל כאפן א שפאציר... בא—בא—כא...

— וואלד־שיידים פארשאלטענע. די פיסקעס צעלאזן. מאמע־לעך אונזערע ! וואס מיען זיך פאר אונז !

— אי—אי—אי, נאך אף א קאפיקע, מאמעלע, יאמער, א סא־וועטישן צענערל האק איך אריין.

— הולטאיעס, הינט, פארשאלטענע !

— אך, זייט אזוי גוט, רעדט ניט קיין גראבע רייד. קום, מאניע.

— הי—הי—הי... „קום מאניע״. טפרו—דו, נו—דו, פיסלער דודו... קליידל קלאש, טאש אף זייט... מיידעלער־דריידעלער !

— זע נאר, זע נאר, די נעזירימעס פאקן דאס גוטס.

— זעסטו, קלאפטעס, זיינען ארויסגעגאנגען מיט קלומעקלעך, ארימינקע ! און נאך זיי שלעפט מען קאסטנס גאנצע.

— בא דער אנפירערין, האט מען געפונען פארגראבן א טאפ מיט גאלד.

— הונדערט ארשין מאנופאקטור !

— ס׳ארא מערטירערינס, מאלט אייך ! ניט אין גאס, טרייבט מען ארויס. דאוונען און טאנייסים פראווען קאן מען דארט אויך א יא, וואסיא ?

— איך, ווי א קאמוניסט, באטראכט איך דעם גובאויספירקאם.

— און איך בין ניט קיין קאמוניסט, נאר דא פארשטיי איך זיי. ס׳איז ניטא די קינדער וואו הינצוטאן. איך פא—א—רשטיי.

— געוויינטלעך, אומקומען זאלן זיי, די קינדער, צי וואס?
זיי גיב דא צימערן מיט מאנאשקעס—דינערינס, און די קינדער הינטער די פלויטן.

— אטא די, וועלכע יעסוימים... הינטערן אייז זיי ווארפן, צי וואס?

— נו, נו, פאנאנדערגעגאנגען.... בירגער, בירגער, צוריק!

די נעזיריטעס האבן די קליידלעך אונטערגעקליבן. צעטרעגנערהייט די זאכן געפאקט. די איקאנעארטיקייט פארלארן. דער אוילאם האט גערוישט. דער מיטגעפיל די נעזיריטעס האט זיך אין די געשפרעכן אויסגעלאשן. גרישקע האט שטיל פון וואנט זיך אפגעטיילט און האט זיך אריינגעגליטשט אין אוילאם.

III

אט האט א פויער איינער אפן וואקזאל וועגן זיך דערציילט. וויפיל עס איז אים אויסגעקומען איבער פארשיידענע שטעט ארומשמאיען. און ער זאגט: א מאזל־שטערן האב איך אזא אן אומרואיקן. גרישקע האט דאמאלסט געלאכט, צוזאמען מיט אלעמען געלאכט און ניט פארשטאנען. און ערשט האט ער זיך דאס דערמאנט און אף זיך עס אנגעמאסטן:

— א מאזל־שטערן האב איך אזא אן אומרואיקן.

אט ערשט, אגעוו געזאגט, גיט מען דארט די כעוורע „בוטנבראדן" מיט טיי, און גרישקע גייט איבער דער גאס ארום און הערט זיך צו ווי אין בויך רודערט. צוריק אהין גיין גלוסט זיך פונדעסטוועגן ניט. קאן מען אבער מיטן בויך ניט דורכקומען. איין טאג—צוויי דולדעט ער, און דערנאך פארמאטערט ער דעם מענטשן. און שפייז איז שוין אויך אוים! איגנאנצן צורעכט געמאכט. זעקס זייערע באהאלטן זיך אפן ביים־אוילאם. פינף האט גרישקע אויסגעזוכט אזעלכע, וואס האבן דעם גובבילדישן לאגער מיטן שמייסער באגאנוועט און זיינען פון אויפנעם־פונקט אנטלאפן. נו, האט מען זיך אפן ביים־אוילאם אף נאכט־לעגער איינגעארדנט. אט יענע האבן געהאט געלט, אבער אויך גרישקע האט פון זיך דאס העמדל מיט די הויזן פארקויפט, דעם קאזיאנעם מאנטל אף א לייכטינקן אויסגע=

ביטן. מע האט נאך עפּיס צוגעגעבן. אלץ האט מען אויפגעגעסן. באטאג האט מען איבער שטאט ארומגעשליאנדרעוועט זיך און שרעק. ווער דארף עס זוכן? אלע טאג ברענגט מען נייע קינדער. סיידן דו טרעפסט אן אמאל אף א שלעכטן מענטשן, שטייט ער צו:

— דו ווער ביסט? פון וואנען?

און א גוטער גייט זיך זיין וועג, וועגן זיינע איניאנים, וואוהין ער דארף, און וועט אפילע קיין קוק ניט געבן!

היינט איז א שלעכטער טאג אויסגעפאלן. גרישקע איז בא דער סאוויעטישער קיך געשטאנען, קיינער האט קיין טאלאן ניט געגעבן. אין קינדער־קיך איז אמאל גיט מען אן א קארטל פון די טעלער די רעשטלעך דערעסן, און היינט האט מען ארויסגעטריבן. אף „ראב־קרינע” איינע ווארט מען עפּעס. ער האט זיך געפרואווט אין א שטוב אנקלאפן:

— גיט עפּעס גאט צוליב... דעם טאטן האט מען אף דער מילכאמע דערהארגעט, די מאמקע איז פון טיפוס אין שפּיטאל געשטארבן.

האט מען פארן קארק ארויסגעשטופּט:

— גיי, זאגן זיי, בא דיינע קאמיסארן בעט. מ'האט אייך אנ־געפּלאדעט. זאלן זיי אייך צערן.

וואונדערט זיך גרישקע.

— האבן עס דען די קאמיסארן אונז אנגעפלאדעט? טאטעס מיט מאמעס. און צו זיי אונטערגעווארפן... נו, גיי רייד מיט נארא־נים! און עסן ווילט זיך. די קיכן פארמאכט מען שוין. ער דו, ס'ארא ניטגעראטנס ס'איז ארויס!

פון אגמאס נעפעש האט ער געגעבן דעם באשקיר־יאטל,— אויך בא דער קיך געשטאנען—איבערן אויער, און יענער איז א פלינקער. מיטן פויסט אין בויך. האט ער א קרעכץ געטאן, דעם אטעם אפגע־באפט און איז ווייטער אוועק.

— כאווער... גיט אף ברויט...

— וועק פון וועג. ס'האט זיך עס א ביסל צעפרוכפערט, און קיין מאגייפע נעמט זיי ניט.

— קוק נאר אן, אוועק מיטן פארפעלעכל דרייענדיק! קאמ־צוינאי גראבהינטנדיקער!

א אינגל האנדלט מיט פאפּיראסן, איז ער צו אים צו.

— ווי מייער א צענדליק ?

— נעם דעם וועג, בערקום ! ניט פאר דיר צו רויבערן אועל־בע פאפיראסן.

גרישקע האט אן אויג אנגעשטשירעט :

— ס'ארא פאריסענע גאז ! און עפשער איז בא מיר צען טויזנט פאראן ?

— בא דיר פאראן צען טויזנט, אנדערע גענאר ! אנו, וויז !

— אט וועל איך טאקע איטלעכן נעמען ווייזן ! עפשער איז נאך בא מיר מער אויך געווען.

— געווען און פארזעען. טראג זיך אפ, טראג זיך אפ, אז ניט כאפסטו אין צורע אויך !

— אנו גיב !

— און כ'וועל געבן !

— אנו פרוביר נאר !

— און כ'וועל פרואוון !

האבן זיי זיך אנידערגעשטעלט אפן מיטן בריקל און שפרינגען איינער אפן אנדערן. און דא האט עס עפעס א מאראם אהער געבראכט צעטראגן :

— וואס איז דאס ? דו האנדלסט, אינגל ?

און בא יענעם זייגען די פאפיראסלעך אין האנט אין א קעמ־פעלע. האט ער זיך, דער נאר אונטערגערוקט :

— העכסטן סארט. וויפיל ?... א צענדליק ?...

און זי שלעפט אים שוין פארן ארבל.

— קום נאר מיט מיר אין מיליציע. דעם באפעל וועגן קינ־דערשער ספעקולאציע האסטו געלייענט ? אנאלפאבעט ? מירן צו די עלטערן צוגיין.

יענער שפארט זיך איין און זי שלעפט אים. און גרישקע, פאר־שטייט זיך, מאכט פיס. שיר ניט אריינגעפאלן. ס'איז נאך גוט וואס זי איז געוועזן אזא צעשוואומענע שטיק, ווען ניט וואלט זי נאךביידן פארכאפט. שוין איינמאל א טאג !

און דער טאג האט זיך שוין געלאשן. אומעטיק־גרוי איז גע־ווארן דער הימל. איין פאס נאר א פרייליכער, ראזער איז געבליבן. נאר ער ווארעמט ניט. מענטשן האבן אנגעהויבן אין די הייזער אריין איילן. דער ווינט האט בייזער אנגעהויבן בלאזן.

פלאנטערן זיך פיס איינע אן די אנדערע, און מאכן קאן מער גאר ניט. זיך אוועקגעשלעפט אפן ביים־אוילאם. צווישן וואקזאל און שטאט אף א פוסטקע איז ער געלעגן. מיט א שטיינערנעם פארקאן ארומגעצוימט, און דאס טירל איז אפן. די בוימער דארטן קרעכצן פון ווינט. און דער שניי איז נאך אויך ניט איינגאנצן צעגאנגען, קאלט זיינען נאך נעכט. נאר אין די גריבער בא זיי, אין ווינקל, צווישן צוויי שטיינער־ווענט איז עם אביסל ווארימער. צוויי מאל האבן זיי מיט מוט זיך אנגענומען: א שייטער געצונדן. נאר אפט טאר מען ניט: מע וועט זיך דערוויסן.

געקומען איז גרישקע א פאראומעטער, און דא האט אף אים א סימכע געווארט. כעוורע האבן שפייז „אנגעפיקט" און גרישקען אויך איבערגעלאזט. צוויי מיידלעך האבן זאט־צעפרידענע א לידעלע פארצויגן. און זיי, פיר אינגלעך, האבן איינע די אנדערע פון טאג זייערן דערציילט. אין גרוב איז מען געזעסן צונויפגעפרעסט. ענגער, אבער בעסער, ווארעמער. און באנאכט איז ניט אזא מוירע. ווארום באנאכט פלעגט אפן ביים־אוילעם א גרויל אנכאפן. ווען עס רוישט דער ווינט און עס איז פינסטער—איז בעסער. אז עס צעלייגט זיך אבער אפן הימל די לעוואנע און ארום איז שטיל—באפט ארום א שרעק. ווייט ערגעץ בילן זיך פאנאנדער הינט. ווייט, דארט וואו לעבנדיקע זיינען. און דא איז שטיל. בעקיצער—א קייווער. דאכט זיך, עמיצער האט זיך דא פארבארגן און דעם מויל צונויפגעפרעסט, קעדיי ניט צו אטעמען—און אליין קוקט ער. ניסט א קוק ארויס פון גרוב—די לעוואנע באלייכט די צלאמים. דורכאויס צלאמים און מאצייוועס שטייען גראדע, פארגליווערטע, ווי זיי וואלטן זיך אויך פארבארגן און דראען. הייגט איז א נאכט א פינסטערע, א ווינטיקע. דורך ווינט דערטראגט זיך פון שטאט אהער לעבעדיק לעבן. וואסקע, דער קלייענדיקער, אז ער איז זאט, דערציילט ער שטענדיק מייסעס. און היינט האט ער אויך אנגעהויבן. די מיידעלעך זיינען אויך אנטשוויגן געווארן. האבן זיך צוגעהערט.

עס איז אוועק א רייד וועגן דעם, אז מע איז אמאל מעקאבער לעבעדיקע מענטשן. האט וואסקע א מייסע פארצויגן:

— און אט וועל איך אייך, כאוויירים, דערציילן, וואס פאר א צופאל עס האט פאסירט. אין איינער א שטאט... נו, איז אט, האט א פרייליין איינע עפעס אזוי... א ריאליסטקע, צי א אימנא־

זוסטקע... איז זי געקומען אזוי אהיים און „אך, אך"... און...„אך, טאטעשי, אך, מאמעשי, כ'שטארב". א דריי, א קריי און אפן דיל א פאל געטאן, ווי א קוליע שטרוי. די מאמעשי אירע, הייסט דאס צו איר, דער טאטעשי צו איר, און זי „איך שטארב און כ'שטארב". נו, פארשטייט זיך, איז טייקעף נאך א דאקטער. געבראכט דעם דאקטער. אט אזוי און אזוי הער דאקטער, וויל מאכן א שטארבן. הער דאקטער האט זי אנגעהויבן ראטעווען. נו, פארשטייט זיך, כוואס געגעבן, שיקלאט געגעבן, און זי—„גיין,גיין, כ'שטארב". א דריי א קריי און זשיפעט שוין ניט. נו, דער דאקטער איז, פארשטייט זיך, אוועקגעפארן. די מאמעשי די האט געיאמערט, געיאמערט און אין ארן זי אויסגעריכט. נו, און מע האט זי מעקאבער געווען. אט פונקט אזוי, אפן ביים-אוילעם. זי, פארשטייט זיך, איז געלעגן דארט, געלעגן און האט זיך אנגעהויבן רודערן. הערט דער ג'עכטער: רודערט זיך! הערט ער, הערט און אנטלויפט צו טאטע-מאמע דער פרייליגס. יענע האבן מענטשן געדונגען, דעם קייווער צעגראבן, אבער זי איז שוין, פארשטייט זיך, א צווייט מאל געשטארבן. נאר מען דערקאנט: זי האט זיך גערודערט. א פיסל איינע אונטער זיך, אט אזוי, אונטערגעלייגט. איז האט דאמאלסט געזאגט דער דאקטער: ס'האט זי א ליסטארגישער שלאף אנגעכאפט. מע האט טאקע אזוי אין די בלעטער אפגעדרוקט, איך האב דאמאלסט מיין טאטל-מאמל באפוילן: מיך באגראבט ניט, ביז איך וועל ניט זויער ווערן און אנהויבן שטינקען.—יא-א.

כעווערע האבן געהערט מיט א פארהאלטענעם אטעם. און אז ער האט געענדיקט, האט פאלקע-טיפעש זיך פאנאנדערגערעוועט: „כ'האב מוירע".

גרישקע האט אין איר איינגעטאינעט:

— בעהיימע, וואס רעוועסטו? וואסקע האט דאס אלץ געהאקט ישקארים, אנגעטשאקעט.

אבער וואסקע שווערט זיך:

— אף מיינע געמאן, זאלן די אויגן בא מיר ארויסקריכן, אז עס איז אין די בלעטער געווען געדרוקט! א ריאליסטקע צי א גימנאזיסטקע.

פעטקע דער עלסטער, אליין נאך א שקאץ, אין איינע יארן

מיט גרישקען, נאר א שטרענגער, ער איז דא קאמאנדיר, האט ער אנגעשריגן:

— רעווע, רעווע שקאפע. דער שוימער וועט דערהערן, וועט ער דיר נאך שרעקלעכערעס פון וואסקעס מייסעס ווייזן. און דו משאקער, פארשטאפ ס'מויל!

וואסקע איז בייז געווארן:

— קוק נאר אן, „פארשטאפ ס'מויל"! איך האב דען אין די בלעטער געדרוקט?... אט אז איך וועל דיך דערלאנגען א רוק א רעכטן, וועסטו שוין גלויבן.

אין דער מינוט אין וואלד: באַבאך! הינטערן ביים־אוילעמ־צוים האט זיך דער וואלד גלייך אנגעהויבן.

די קינדער זיינען אנטשוויגן געווארן.

— מע שיסט,—האט אניוטקע א שעפטשע געטאן.

שטיל געזאגט. אבער קיין שרעק איז שוין אין דער שטים ניט געווען. ניט צום ערשטן מאל האבן זיי שאסן געהערט.

גרישקע האט אין דער פינסטער פאראייסעקט די ברעמען אנגערוקט:

— דאס איז די, וואס אף צעשיסן. קאנטר־רעוואלוציאנערן.

— און פארוואס? האט פאלקע אויסגעקוויטשעט.

פעטקע האט זיך אפגערופן:

— אט, א בעהיימע. שוין צום וויפילטן מאל זאג איך דיר: וואס אנטקעגן ראטן־מאכט גייען.

אנטראפקע דער שוויגער האט זיך א ריר געטאן:

— און איך האב מוירע ווען מ'שיסט מענטשנס. ס'טוט וויי.

און אין וואלד ווידער: באַבאך! זיי האבן זיך אין זיך איינגעשטיקט. געהערט מיט נייגיר. פאר טויטע האבן זיי מוירע געהאט, אבער טויט נאך ניט געקאנט, און עס האט זיי ניט געשראקן די ווייטאגן פון יענע, אין וועמען מען האט אריינגעבאכעט. נאר אנטראפקע האט אנגעהויבן ציטערן. ער האט אין זיין דארף די מילכעמע געזען. בא אים האט דאס הארץ אין א קייקעלע זיך צונויפגעדריקט. און אומעטיק, שלינגענדיק די טרערן, האט ער שטיל ארויסגערעדט:

— בעסער זיי אין אסטראג.

פעטקע האט מיט פאראכטונג אויסגעשפיגן:

— און ווי מיט אזעלכן, וואס איז שוין א פארפאלענער אויסוואורף, אליין וויפילען געהארגעט, מיט אים וואס זאל מען טאן ?

— אין אסטראג' אים....

— און ער וועט אנטלויפן און ווידער הארגענען.

— שטעלט מען סאלדאטן צו אים צו, אנטלויפט ער ניט...

— און ער וועט די סאלדאטן דערהארגענען.

— האט ער אבער קיין ליווארווער ניט, וועט ער ניט הארגענען...

גערעקט פעטקען. האט ער א טראכט געטאן און געזאגט נאר :

— ביסט א טיפעש, אנטראפקע !

און גרישקע האט גארניט געזאגט און געטראכט נאר :

— אז מען שיסט אין זיי, זשמורען זיי מיט די אויגן, אדער ניין ?

און פונקט, ווי ער וואלט עס דערזעען : זיי זשמורען. ווי בא אנטראפקען האט עס בא אים פארקלעמט דאס הארץ.

די שאסן האבן אויפגעהערט. די קינדער האבן אויסגעוואַרט : וועט ניט זיין נאך ? זיך ניט דערוואַרט. געקומען דער שלאף, די ברעמען צוגויפגעפירט און יעדן געדאנק פארטריבן. אנטראפקע נאר האט אין שלאף אונטערגעקווישעט.

אינדערפרי, אז די זון האט דערוואַרעמט, איז אלץ געווארן לעבנדיק און פרייליך. כווישער איז פארשוואונדן און האט מיט זיך אומעט אוועקגעטראגן. הינטער דער בייס-אוילעם-וואנט האט מען אין גובטשעקא און אין צעשיסן געשפילט. פעטקע איז פארזיצער פון גובטשעקא געווען. אין איין האנט האט ער קלוימערשט א רעוואלווער געהאלטן, און מיט דער צווייטער פון א קוילנוואַרפער געשאסן. פאלקען און אניוטקען האט מען צעשיסן געפירט. אנט-ראפקע און גרישקע האבן צעשאסן. גרישקע האט פרייליך קאמאנ-דעוועט :

— די אויגן זשמורעט ! זשמורעט די אויגן !..

אין הילכיקע קינדערשע געשרייען איז ניט געווען, ניט קיין לעסטערונג, ניט קיין גרויל, ניט קיין קאאס. זיי האבן אין פאשטעס קינדערשער דאס לעבן פון די גרויסע אויפגעפירט. און די זון

האט היים געוואָרעמט. פּונקט, ווי זי וואָלט מיט איר צערטלען צוזאָגן: מע וועט נאָך א ביסל שפּיל אויסטראַכטן, די וועט מען פארגעסן

א טאָג האָט זיך איינגעגעבן א פּריילעכער. די פּאַריזער קאָמונע האָט מען געפּייערט. אין דער קינדער-קיך האָט מען אַן טאַלאָנען עסן געגעבן. די בייסאָוילעם איינוואוינער האָבן א גאַנצע ריי געפּאַקט און זיך אונטערגעצערט. און דערנאָך מיטן אוילאַם איבער די גאַסן גאָך די רויטע פאָנען נאָכגעגאַנגען. דעם „אינטער-נאַציאָנאַל“ געזונגען. אף די פּלעצער—קאַסטנס גרויסע מיט רויטן שטאָף איבערגעצויגן. אף די קאַסטנס האָבן קאָמוניסטן מיט די הענט געמאַכט און וועגן דער פּאַריזער קאָמונע עפּעס געשריען. איינער האָט זיך גרישקען מער פאַר אַלעמען פאַרגעדענקט. א גרוי-סער אַזאַ און א פּאַטלעוואַטער, מיט א געמבע. ווייט הערט מען! לויפט אַרום איבער קאַסטן, טרייסלט מיט די פּאַטלעס, און דערנאָך, אַז ער גיט דאָס א קלאַפּ מיטן פויסט איבערן ווענטל פון קאַסטן:

— אַראָפּ די היטלען! כ'וועל ריידן וועגן די מערטירער פון דער קאָמונע!

פּעט און געשמאַק א זאָג געטאָן. גרישקע האָט די ווערטער פאַרגעדענקט און דערנאָך אַליין אין אוילאַם געשריען:

— די היטלען אַראָפּ! כ'וועל ריידן וועגן די מערטירער פון דער קאָמונע!

געבן איינע א פרוי האָט ער עס אַרויסגעשריען. יענע האָט אים א פּראַסק אַריינגעוואָרפן.

— באַזערוקל, רייסט זיך ווי א פערעדאָס! וואָס קאָמונע, ווער קאָמונע ווייס עס ניט, און פּילדערט!

גרישקע האָט א גלעט געטאָן דאָס אָרט, וואוהין דער פּראַסק האָט דערלאַנגט, און האָט זיך א פרייד־פולער געלאָזט ווייטער. וואָס הייסט, ער ווייסט ניט? ער ווייס. קאָמונע—דאָס איז די קאָמוניסטן. און די פּאַריזערן... א שטאָט אַזאַ פאַראַן. הינטער מאַסקווע ערגעץ. ער האָט געהערט נאָך אין קינדער-הויז: „פּאַריז—א שטאָט, א קראַך, פאַרסט אַריין אַהין, וועסט פאַרטשאַדעט גלייך“. ניין, גריש-קע, ברודער, ווייס. און ווידער מיט ווילדער היסלאַוועס אויס-געשריען:

— ...מיט אונזער אייגענער האַנט.

דער אווילאם האט זיך ווידער אפגעשטעלט. אפן אסטן—ניט צו דערקענען — א ווייבל, צי א פריצטע, האט מיט א דינענקן קעלבל געקוויטשעט, וואס—ניט פאנאנדערצוקלייבן, נאר קוקן — כאפט אן א געלעכטער. ארבעט אף אלע קיילים. גרישקע האט זי אויך מיט א דינענקן קעלבל איבערגעקרימט: אי-טי-טי-טי! און אוועק ווייטער. און פון אווילאם איז א שיקערל ארויסגעשפרונגען.

א מאנטל א ריינער, א היטל מיט לאנגע אויערן—אף א זייט, און אפן לאץ באמבלט זיך א רויטער באנד. א דארינקער, א געשטופלטער און שיקלדיקער. מאכט מיט די הענט און גוואלדעוועט:

— כאוויירים, איך בעט אויך אומוואָרפן דעם קאפיטאל!

פארן מאנטל האט אים, דאס ווייבל זיינס, ווייזט אויס, אנגעכאפט און ער רייסט זיך צום „קאסטן״:

— עך בעט אייך זייער אומוואָרפן דעם קאפיטאל!

צוויי רייטער זיינען צו אים צוגעלאפן און אים אונטער די הענט גענומען. אין אווילאם האט מען זיך פאנאנדערגעלאכט:

— אט האסטו דיר אומגעווארפן דעם קאפיטאל.

— און מיט וואס האט ער זיך דאס אנגעזויפט?—האט מיט קינע זיך געוואונדערט א כריפעדיקער באס.

גרישקע האט שוין א נייע פרייד. צום ביים-אווילאם מיט א קלונגענדיקן געשריי געלאפן:

— כאוויירים, איך בעט אויך אומוואָרפן דעם קאפיטאל.

און איינמאל באנאכט האט מען דעם ביים-אווילעם ארומגערינגלט. מע האט א הענט געזוכט און געפונען גרישקעס קאמונע. און אין א געשפענסטיקער שא א פארטאגיקער, פלאנטערנדיק זיך פון שלאף, האבן זיך געשלעפט די מיגדעריעריקע רעכטברעכער מיטן באקאנטן וועג. מידע רויטע ארמייער האבן זיך געזידלט, נאר ניט געשלאגן.

IV

נאך א נאכט אפזיצן האט מען ווידער אין פאלקבילד אוועקגעפירט, א כעווריע פון פופצן נעפאשעס. דריי מיליציאנערן האבן

באגלייט. דער עלסטער האט דעם גאנצן וועג געהוסט, געשפיגן און אין די קינדער אריינגעטאינעט:

— נו, וואס פאר א לייטן וועלן פון אייך ארויסוואקסן, אז איר זייט פון קליינווייז אן אונטער קאנוואי? מיסט זייט איר, און גאר! און צו וואס האט מען אייך געבוירן? טפו. און דו, לאפיטומל, נודזשע ניט, ס'קריכט די גאל אן דיר.

און דאס קאסאקע באשקירל האט אף רוסיש ניט פארשטאנען. געקוויטשעט און אנטלויפן געוואלט. דער געשטופלטער מיליציאנער האט אים געשראקן מיטן ביקס, דערנאך האט ער פארן לאנגן העמד אים אנגעכאפט און געשלעפט אים אזוי נאך זיך. די יארמעלקע איז אין בלאטע אריינגעפאלן. האט דער עלסטער מיליציאנער זי אויפגעהויבן און אן א זייט אים אפן קאפ ארויפגעהאקט. און דאס באשקירל האט זיך אן א זייט געריסן און געשריען. אומבאהעגלעך איז געבליבן דאס ביינערדיקע, געלע פעניםל, דער געשריי איז געווען א סקריפנדיקער, נאר מאנאטאנישער.

— איגא קאיטערגא טי=לע=עם! (אהיים וויל איך).

דער עלטסטער האט אלס ענטפער געברומט:

— קאטירגא, קאטירגא... פארשטייט זיך, קאטארגע. סאי פאר אייך, און סאי פאר אונז מיט אייך. און דו סקריפע ניט! האט שוין דיר דאס לעבן קאטארגע באשטעלט, סקריפע יא, סקריפע ניט—אלץ איינס. מיסט, אט, ווי איר זעט מיך, מיסט! וואיע ניט.

און דאס באשקירל האט געוואיעט. אט, ווי א הינטל, אף וועמען מענטשן האבן אין איילעניש אנגעטראטן. דורכגייער האבן זיך אף די קינדער אומגעקוקט. א גרויער הער, מיט א קאלנער, וואס איז אויך אין אזא ווארמען טאג געווען אויפגעהויבן, האט זיך אפגעשטעלט. ער האט מיטן קאפ געשאקלט און הויך געזאגט:

— ביזויינעם! קינדער באגלייט מען מיט ביקסן. דעם מאלאיקע האט מען אוודע געשלאגן?

דער עלסטער האט זיך צו אים א ריס געטאן:

— א, דו ביסט א בארמהערציקער, איז נעם צו זיך! יעדן טאג שלעפן מיר. בארמהערציק, און עסן געבן ווילט איר ניט.

דער הער האט זיך געקאכט. די קינדער האבן זיך ווייטער געשלעפט.

אין פאקלבילד, ווי ס'דארף צו זיין—אין צימער פאר איניאגים פון מינדעריעריקע. און דארט זיצט מען שוין פון פריער נאך אפן דיל. אן אלטינקער געשעפטס־פירער האט זיך אין די פאפירן פארפלאנטערט. מאטערט זיך און צעשיט די פאפירלעך אפן דיל. א פריילין מיט א געגרייזלט פייעלע גריבלט זיך אין שראנק. א צווייטע, אביסל עלטער, מיט גלעזלעך אף דער נאז, טרייבערט די שנירלעך פון די גלעזלעך און קאאסט זיך:

— אין גובאויספירקאם וועל איך זיי אלע אפשיקן. זאלן זיי אהינטון וואוהין זיי ווילן. וואס איז עס?..

און אין טיר—נאך מיט קינדער. פארשיידענע. אין קאזיאנע קליידער, איינע אויך בלויז אין וועש, און אין פארשיידענע טראנטעס.

גרישקעס פארטיע האט מען אין אויפנאם־פונקט אפגעשיקט. דארט האט מען געזאגט:

— ניטא וואוהין. מיר וועלן ניט צונעמען.

האט מען צוריק געבראכט. דער עלטסטער באגלייטער האט אויסגעשפיגן און איז אוועק. צוויי אנדערע האבן סיגארן צונויפגעדרייט און אפן דיל אף די שפיצן פינגער אפרוען זיך צוגעזעצט. גרישקע איז פאראומערט געווארן, פון הונגער און פון שווערע ליפט, וואס איז אין צימער געשטאנען. נאר מערער נאך פון אומעט. האט ער אפן דיל זיך אנידערגעזעצט, מיט פארטונקלטע אויגן אפן באלקן זיך אנגעשטעלט, פעסט די ליפן צונויפגעדריקט. דאס געזיכט איז געווארן א שמערצלעך און אלט. דערווייל איז אין צימער אריין א געגאלטער, לאנג־נאזיקער, מיט דינע ליפן, פארשוין. אפן קאפ פארשפיצטן אין דער הויך, א קעפי אן אנגערוקטע איבער די אויגן. געטראטן הארט. פונקט, ווי ער וואלט מיט יעדן טראט די ערד איינגעדריקט. און שיך—ווי לאפעס כאיעשע, אויסגעטראטענע. ווי ער איז נאר אריין, זיך אף א שטול א זעץ געטאן. דעם שטול אויך אין דיל איינגעדריקט.

— וואס? איר דרייט אן? אלץ מיט פאפירלעך, מיט פאפירלעך? אפן פייער וואלט מען זיי באדארפט אט די אלע פאפירעלעך. און דו, באשקורדיסטאן, וואס רעוועסטו? אוטאנאמיע בעטסטו?

די שמאלע אויגן געשטשורעט און די דינע ליפן געקרימט. פון אלץ געלאכט. אז ער האט גערעדט, האט ער אלין די ווענט

געריבן, זיך געקנייטשט, די פיס ביז די קני מיט די הענט פאנאנ־
דערגעגלעט. איינגאנצן געפלאטערט. קיין מינוט רואיק ניט געזעסן.
יעדער גליד האט בא אים ווי באוועגונג געבעטן. פאראייסעקט.

— ווארט צו, באוועל מארטינאוו, — האט קלאנגדיק אנגע־
הויבן די עלטערע פריילין, — שטענדיק קומט איר אראפ מיטן גערויש.
וואו זאל מען זיי הינטאן?

— אפטרעטן רייניקן, די ערד גראבן... וואוהין? ארט וועט
זיך געפונען. עי דו, ארבא באשקירישע, לאנג וועסטו נאך סקריפען?

און ענלעך איבערגעקרימט:

— אי הי־הי־הי.

באם באשקירל האבן די אויגן אויסגעטריקנט. די ליפן האבן
אין א געלעכטערל זיך אויסגעצויגן און ער האט אויפגעהערט צו
סקריפען.

— נו, פריילינס, איז ווי? אלץ פאפירעלער, פאפירעלער?
לויט דער אינסטרוקציע, מיט אנקעטעלער?

און ווידער די הענט געריבן:

— צען פון אטא די שלעפער וועל איך בא אייך נעמען. צען
קאן איך.

— אט איז אויסגעצייכנט, באוועל מארטינאוו, — האט זיך
דערפרייט די עלטערע. — מיר וועלן פאר אייך באלד אפקלייבן.
דא זיינען פאראן אזעלכע, וואס זייערע איניאנים זיינען שוין
דורכגעקוקט.

— איך וועל אליין אפקלייבן. איך האב זיך מיין אנקעטע.

און צו די קינדער מיטן שטול זיך אויסגעדרייט. אף א
הייסברעמענדיקן הויכוואוקסיקן אינגל מיטן בליק זיך אנגעשטעלט:

— היי, דו, ווייסלדיקער! גאנווענען קאנסטו גוט?

יענער האט זיך פארויטלט און צערודערט:

— מיך האט מען פאר אומזיסט פארנומען. דאס האט פעדקא
ביאטקאוו צוגעגאנוועט, — און איך...

— לייגן קאנסטו גוט. און שלאגן זיך האסטו ליב? מיט די
יאדאאים אדער מיט א מעסער?

— ניין, איך שלאג זיך ניט.

— שלאגסט זיך ניט? טיפעש. און וואס ביסטו עפעס אזוי
פארגרינגט?

דאס איז צו גרישקען.

גרישקע האט א קוק געטאן, ווי ער דרייט זיך אפן שטול און שקראבעט גיך־גיך די הענט איינע אן דער אנדערע און האט זיך צעלאכט. האט זיך דערמאנט:

— א מאלפע אזא, אן אומרואיקע האט ער אמאל אין א באיעס־גארטן געזען. ענלעך. הענט אזעלכע לאנגע, און מיט דער כארדע רייצט ער זיך פונקט אזוי.

— וואס איז דער געלעכטער? וואס איז בא דיר די פאציארע אזא גרינגע?

גרישקע האט מיט דער נאז א שמארע געטאן און אפגעענטפערט:

— מע קאן גרין ווערן. בין דא ניט געגעסן, ניט געטרונקען פון אינדערפרי אן!

— ניט געוואוינט דען צו ניט עסן?

— געוויינסט זיך צו, געוויינסט זיך צו, און דער בויך נאגט אלין.

— פון אסטראג, צי וואס געלאפן?

— וואס פאר אן אסטראג, איך בין א מינדעריעריקער. פון כאנאסטיר געלאפן.

— מע האט שוין פארמאנאכעוועט? דאס איז, פריינט, בא זיי ניט קיין מאנאסטיר, נאר מע־די־קא־פע־דא־גא־גישעס שטעטל הייסט עס,—קלאווים,—צוגעטראכט אביסל! פאר וואס זשע ביסטו אנטלאפן?

— אזוי. קיין בייטעק ניט אהין.

די עלטערע פריילין האט אנגעשטעלט געלערנטע אויגן און געזאגט:

— א דעפעקטיווער. ס'שיינט, פון דער קאטעגאריע, ארומשלעפער.

— אט האט מען שוין דיך אונטער א פונקט אונטערגעפירט. באכאמים! און ווי רופט מען דיך?

— פעסקאוו גריגארי.

— אהא. גו איז אזוי, גריגארי פעסקאוו. אין טפיסע, זאגסטו, ביסטו ניט געזעסן?

— וואס הייסט ניט געזעסן! געזעסן. נאך וויפיל מאל. נאר אזוי ווי איצט שיקט זיך ניט. מינדעריעריקע רעכטברעכער ט'מען איינגעפירט.
זיך צעלאכט ניט הויך. מיט די געדערים, און די צורע איז א מענטשישע געווארן, ניט קיין מאלפישע.
— איר הערט, כאווערטע שידלאווסקאיא, רעכטברעכער ט'מען איינגעפירט? כא־כא־כא. אפטרעטן רייניקן וועסטו?
— א רייאך הערט זיך פון זיי ניט קיין גוטער. נאר אז מע דארף—וועל איך.
— נו, געמאכט. מיט מיר פארסטו.
— וואוהין?
— וועסט שוין ־שפעטער זען.
— וועט לאנגווייליק זיין—אנטלויף איך. קיינע שאמרים וועלן ניט העלפן,— האט מיט א בייזער האזע גרישקע געווארפן.
— בא אונז זיינען קיין וועכטער ניטא. לויף. און וועסטו א טו־געניכטס זיין וועלן מיר דיך אליין ארויסטרייבן. מיט א קני אין הינטן! קיין שמאטעס באדארפן מיר ניט. דעם נעם איך.
און אנדערע קינדער מיט א געלעכטערל אנגעהויבן אויס־פרעגן. שטילע און ליבענקע האט ער ניט גענומען. דריי מיידעלעך, זעקס אינגלעך און דאס סקריפנדיקע באשקירל האט ער אפגעקליבן.
— אין דריי טעג ארום קומט אפן וואקזאל, און מארגן ווארט דא אף מיר. פארן לייב א צודעקעכטס וועלן מיר געפינען.
— דארף מען דאך זיי וואו ס'ניט איז דערווייל איינארדענען, אף די טעג, כ' מארטינאוו. מען קאן דאך זיי אן אויפזיכט ניט לאזן
— געוואַלד! א גווערנאנטין מיט פראנצויזיש דארף מען זיי שאפן. פארלע פראנסע, (רעדסט פראנצויזיש?) גריגארי פעסקאוו!
קומאט אלע קינדער האבן זיך פאנאנדערגעלאכט. אפילע דאס באשקירל, שוין א גאר גוטע צורע האט ער אויסגעשטוקעוועט, כ' מארטינאוו.
— שטענדיק מיט שפאסעלעך, כאווער מארטינאוו, ס'איז שוין איבערדריסיק אפילע! איר פארשטייט ניט, אז זיי זיינען דורכאויס דעפעקטיווע....
— נאך א מין פארשטייען. פאלקאמבילד האט אין אינסטרוק־

ציעם אלץ דערקלערט ווי עס געהער צו זיין. אנצערן דארף מען זיי, פריילין, און אף ארבעט, שטיינער וואלגערן! נו, אט וואס, די, וועלכע איך האב אפגעקליבן, לאמיר גיין פראדוקטן באקומען!

— נו, הערט, וואס איז פאר מיעסע שטיק! מען דארף דאך באטש א רעשימע צונויפשטעלן, קלאר מאכן, וואו אף די פאר טעג זיי הינטאן, א שמירע ארויסרופן. מע זאל זיי ביזן ארט באגלייטן.

— דאס אנבאלאנגט א רעשימע, איז רייבט, ווי איר ווילט זיך אליין אויב איר האט שטארק ליב שרייבן. און קיין שמירע באדארף מען ניט. איך נעם זיי צו זיך אף דער דירע. היידא, נאך פראדוקטן!

— זיי וועלן זיך דאך אלע צעלויפן בא אייך.

— וועלן זיי אנטלויפן, וועלן זיי בלייבן די נאראנים. וועלן זיי ווידער אין אייערע מעדיקא-פעדאגאגישן מאנאסטיר אריינפאלן. שרייבט א רעשימע. קינדער, איך קום באלד נאך אייך, איך גיי וועגן פראוויאנט א בוידעק טאן.

אין גייען האט ער גרישקען איבערן קאפ מיט דער האנט א שמיר געטאן און איז אוועק. גרישקען איז עפעס אף דער נעשאמע פריידיק געווארן. די לאנגע האנט איז זיך צערטלדיק איבערן קאפ דורכגעפארן. און גרישקע האט א טראכט געטאן:

— דאס מאכט ניט אויס. דער עמעסער מאן.

קיין איינער פון די צען איז ניט אנטלאפן. ניט דריי טעג — א וואך א גאנצע האבן זיי אפגעלעבט מיט מארטינאוון אין זיין קליינעם צימערל אונטער די זיפצן פון דער באלעבאסטע. נאך די זיפצן האבן זיי געהערט נאך דעם ערשטן טאג, פארנאכט ווען זיי זיינען געקומען. אין די איבעריקע טעג פלעגן זיי שפעט צוריקערן. גאנצע טעג האט זיי מארטינאוו איבער אלע עקן שטאט געטריבן נאך פארשיידענע קאבאלעס. אין איין ארט געפעם באקומען. אין צווייטן — מאנופאקטור, אין דריטן — גרויפן. דערנאך האט מען אין א פראכטוואגאן קאסטנס מיט גלעזער געלאדן. מיט ניקאלאי דעם שמייסער נאך בעהיימעס געפארן. פון אומעטום האט מארטינאוו, ווי א באלעבאס א יוסטער אין קאלאניע געשלעפט. צו אלע לאגערן, וואס פאר אנדערע זיינען זיי פארשלאסן, האט ער א שטעגעלע געפונען. באם פארזיצער פון גובטשעקא, א מענטש וועלכער איז געווען פון אויבן באשטימט אף פארבעסערן די לאגע פון די קינדער, האט

ער פון קאבינעט דעם וואנט־זייגער פאר דער קאלאניע אראפגע־שלעפט. און גייענדיק פלעגט ער אלין אזוי די הענט רייבן. איבער אלעמען אונטערגעכויזעקט. אף די קינדער אונטערגעשריען:

— היי, איר שמאטע קלייבער, וואס ט'איר די בייכער פאנאנ־דערגעלאזן? שניידט, טוט. באשקורדיסטאן, טראג מיט ניקאלאיע: וואסער! מע דארף די פי אנטרינקען.

און דאס באשקירל פלעגט פארשטיין דאס רוסישע לאשן לויט די לעבעדיקע זשעסטן. ארויסגעלאפן מיט א גארגלדיקן געשריי.

גרישקע האט אפגעלעבט. דער איקער—ס'איז פרייליער. וויפיל כיענטשן דו זעסט עס אן א טאג.

די ערד טריקנט שוין אויס. פון די בוימער איז א זיסער, פרילינגדיקער גערוך אוועק. די זון איז פאזראניש געווארן. קיטאט א גאנצן טאג ווארימט זי. טאמער גייט א רעגנדל, איז דאס אויך אזא פריידיקער, וואשט נאר אפ און לאזט גלייך, די זון זאל עס אפטריקענען.

ס'לויפט זיך גרינג! אין ערשטן טאג נאך, גלייך, ווי מע איז ארויס פון פאלקבילד, האט זיי מארטינאוו אלעמען אין שערעריי געפירט. אף הויל די קעפ אלעמען אפגעגאלט. אפילע די מיידלעך. דערנאך האט מען אין באד זיך ארומגעוואשן און אין קורצע־הויזלעך זיך אנגעטאן. אלע, די מיידלעך אויך. מאדנע! און גארנישט, זיך צוגעוואוינט. לייכטע האלבאשע. גיט ווילנדיק שפרינגט זיך אין איר. די הויזן ביז די קני, די העמדער אן קעלנער און ארבל.

דער גאנצער וועג אין קאלאניע איז געווען פאר גרישקען, ווי דער ערשטער, וואונדערלעכער כאלעם.

אין צוויי פראכט־וואגאנעס איז מען געפארן. דארע בעהיימעס און פערד צוזאמען מיט זיך געפירט. אף די סטאנציעס האבן זיי פון זיי געריייניקט. וואסער געטראגן. ברייט צעשטעלנדיק די פיס, האט מארטינאוו וואסער געפאמפעט. אף די קינדער אונטערגעשריען. ווען דער צוג איז געגאנגען, מיט די קינדער וועגן זיי גופע גערעדט. ער האט ניט אויסגעפרעגט, און זיי האבן איבערשלאגנדיק אייגע ־יי אנדערע אים וועגן זיך אלין אויסדערציילט. גרישקען האט ער געזאגט:

— ניטא קיין עלטערן—דאס איז, ברודער, גוט. עלטערן—

זיינען בעבעבעס! טרייסלט זיך די מאמע איבערן זון מיטן קליידל. וואקסט דער זון א ליידיק-גייער אויס. געבוירן און פארטיק. לעב אליין.

— יא, און דער מיליציאנער האט געזאגט: איר זייט ווי מיסט.

— מיסט—איז גוט. פון מיסט—קומט גוט ברויט ארויס. נו, נו, גוטע ברידער אף דער סטאנציע וועלן מיר די בעהיימעס א מעלק טאן. מילך טרינקען. מילך—דאס איז גוט!

קיין פלייש האט ער ניט געגעסן. פון די קינדער געלאכט:

— מיט קעלעוו פארבייסט איר? קייט, קייט.

גרישקע האט געקוויטשעט פון היספאילעס:

— דאס איז קו-פלייש, ניט קיין הינט-פלייש.

— אלץ איינס. איין שעד. קעלעוו! אט מילך איז גוט. דאס איז, פריינט, גוט! אין איין וואגאן איז מארטינאוו געוועז רעדלפי-רער.—אין צווייטן—דער שמייסער ניקאלאי. און דאס איז געוועז די גאנצע שמירע. כעוורע האבן זיך געביטן. דאס זיינען איינע מיט מאר-טינאוו געפארן, דאס די צווייטע, זיי האבן אליין א ריי איינגעשטעלט, וואס פאר א שטיק וועג צווישן די סטאנציעס זאל ווער מיט וועמען פארן. אפן דופטיקן היי זיך געוואלגערט. לידער געזונגען. וועלכע ויער עס האט געוואוסט און געוואלט. בעסער פון אלץ איז דאס באס באשקירל ארויסגעקומען. ווערטער אומפארשטענדלעכע, ניט צום פארגעדענקען. און ווי עס וואלט עפעס ארויסגעקומען:

— אי דין בינדי דינדי בינדי.

— אי דין בינדי דינדי בינדי.

מאדנע! פינף מאל האט ער עס אויסגעזונגען. כעוורע האט געבעטן. און ער—די אויגן פארמאכט, די פיסלעך אף טערקיש אונ-טער זיך, שאקלט זיך און זינגט. ס'אי גוט! גרישקע איז גרייט נאך פינף מאל הערן.

אין די ברייט געעפנטע טירן פון וואגאן האט זיך דער פרייער, דופטיקער סטעפ-ווינט אריינגעריסן און שטורעמדיקע פרייד מיט זיך געבראכט. גרישקע האט מיט געשרייען, קוויטשערייען, שפרונגען די היספאילעס זיינע צום סטעפ געשיקט. דאס טראגט זיך צוליב אים אט דער צוג. צוליב אים רעוועט דער לאקאמאטיוו. דעם ערשטן מאל אזוי דערפילט: אלץ איז גרישקעס, אלץ פאר אים! האט ער געשרי-

ען אין דער אפענער טיר אריין מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע לונגען:

— או הו—הו—הו—הו!...

אין אוונט, ווען ארום האט זיך א קילקייט אויסגעלייגט און עס האט זיך פארוואלט זיין שטיל, האט מען מילך געטרונקען. וואַ־רימע, נאר וואס פון אונטער דער בעהיימע. אליין אנגעמאלקן. אך איז דאס מילך! מע קאן דאס דען דערציילן? דעם ערשטן, וואונ־דערלעכן באלעם קאן מען דערציילן? נו, ווי וועסטו דערציילן ווי מען האט אליין די פערד פון די וואגאנעם ארויסגעפירט, אליין די וועגענער איינגעשפאנט? ווי מען איז אין דער פינסטערער נאכט איבער אן אומבאקאנטן וואלד געפארן. און מיט א זיסן פאכאד האט דיך דער וואלד ארומגעוויקלט. ווי אין א מאיסעלע!

.ו׳

גרישקע האט איבער דער אזיערע מיט א הילכיקן קאל בא די בערג געפרעגט:

— די ערשטע בסולע ווער איז געווען, כאווער?

די בערג האבן געענטפערט:

— כאווע—ע!

גרישקע האט געלאכט.

— זעסטו, שטיינערקעס ריידן.

און ווידער, די ברוסט מיט לופט אפפרישנדיק, געשריען:

— דער באלעבאס איז אין דער היים?

די בערג האבן הילכיק און קוילערדיק מיטגעטיילט:

— היי־יים!

— עכא רופט זיך דאס. גו—וט!

אין אלין צאפלען זיך דא לעבנדיקע אדערלעך. אלין שיקט ענטפער אף גרישקעס רוף. ניט אין שטאט איז עס דיר. דארט קאן א הונט בילן, און א בים טאן שארט ער זיך שטילינקערהייט. אינדער־היים וועט מען קיין מענטשלעכע שטים ניט אויפכאפן.

סא פרייד אפן שטיין צו שטיין. די זון האט נאך ניט באוויזן

זיך פאַנאַנדערגליען, און דער שטיין איז וואַרים. גנעכטיקע וואַרימקייט דורך נאַכט ניט פאַרלאָרן.

כוואַליעס טראָגן זיך אף שטיין, מיט רואיקער שטים ציען זיי:

— או או=או=ך... או=או=או=ך... או=ך.

איינע אַ גרויסע כוואַליע וואַקסט און צעהוליעט זיך. דעקט די הוילעם פון פריערדיקע און צעהילכט זיך:

— או איכ=כו=כו או=או!...

און באַגיסט גרישקעס באַרוועסע פיס. זיי זיינען צעדראַפּעט פון שטיינער און שטעכערלעך. אַז די זון הויבט אָן אָפּצוטריקענען— בייסט עס. ס'אָבער גוט.

— רייס, ברודער וואַסער, וואַש אָפּ.

די קורצע הויזלעך אַראָפּ. קיין העמדער טראָגן ניט די אינגלעך אין הייסע טעג. און אין וואַסער אַריין. וואַסער כאַפּט אַרום, טוליעט זיך צו און ווידער גלוסט זיך שרייען. מיט וועלן, מיט הימל, מיטן וואַלד, מיט בערג, מיט פויגל, כאַיעס און מיט מענטשבילן גלוסט זיך ריידן:

— האַ—האַ האַ—האַ!

און פון באַרג טראָגט זיך אַ קינדערשער ווידערקאָל:

— פּעסקאַ=אַ=וו! גריש=קע גאַר=גע=ל=ע=ע=!

און דריי כעוורע ביז אין גאַרטל גאַקעטע, אין קורצע הויזעלעך, טראָגן זיך פון באַרג. מיט די פיס שליידערן זיי שטיינדלעך פון משופּעדיקן באַרג=אַראָפּ. פריער פאַר אַלעמען איז טאַיטשינאַוו, דאָס באַשקירל, מיט וועלכן גרישקע איז צוזאַמען אַהער געקומען.

דעם קאָפּ אף אַ זייט, און הירזשעט, ווי אַ סטעפּ=פערד. דער= נאָך מיט אַ שפּרונג, אַ כאַאיש=גרינגען, פון לעצטן שטאַפּל צו גריש= קען אפן ברעג:

— אין האָרן בלאָזן דאַרף מען גיך! וואָס דער ערשטער אַנטלאָפן? ניט אַרבעטן איסטו, עסן איסטו דען?

— און איך האָב דען ניט געאַרבעט? מאַגאַמעט קלעפּיקער! פריער פאַר אַלעמען וואַסער פון פּעסל געטראָגן, מילך געמאָסטן. דו האָסט דאָך די אויגן גאָך ניט פאַנאַנדערגעקלעפּט?

— נו גוט, גוט. האַידאַ מיטן קאָפּ טונק, קוקן וויל איך.

און אַליין איז ער שוין אין וואַסער. קוויטשעט פון פרייד. גרישקע איז געהאַרכזאַם אפן זאַמד אַרויסגעלאָפן. אף די הענט מיטן

קאפ אראפ זיך געשטעלט, אין דער לופטן קונציק זיך איבערגעקערט און מיטן קאפ אין וואסער.

טאיטשינאוו האט זיך פארכלינעט אין היספאילעם.

— מיטן קאפ זיך טונקען! מיטן קאפ! אוי—אוי—אוי...

דאס בלוי־אויגיקע פאליאקעלע וואיצעכאווסקי האט אויך „מיטן קאפ זיך א טונק געטאן" מיטן ווייסן, ווי בראכיקן, נאר פעסטן קערפערל אין דער לופטן א בליץ געטאן.

סאליד האט געכארכלט אין וואסער דער קרעפטיקער, פלייציקער כאכאל גאדטאטשי און אין מיטן דריגען א רעווע געטאן:

— א־הא־הא־הא! אט דאס איז דיר אן אזיערע. איבער אלע אזיערעס אן אזיערע!

די אזיערע איז א גוטע. היינט א בלויע, פריידיקע. און ס'טרעפט זיך אמאל, אז פון אינדערפרי שטעלט זי זיך קאפויר. צארנט און שפייט זיך מיט ווייסן שוים. און אליין ווערט זי גרוי. און פילדערט שטענדיק. אין געפילדער טרעט זי ניט אפ פארן יאם. איז זי שטיל, יאזט זי דאס גאנצע אזיערע־לעבן קימאט ביזן דעק אנקוקן. עפעס מענטשן מיט מאשינעס פארשיידענע זיינען אהער געקומען. אין דער לענג און דער ברייט די אזיערע אויסגעמאסטן. בעוורע מיט זיך איז די שיפלעך נאך דער ריי גענומען. איז אטא יענע האבן געזאגט אפן געלערנטן אופן: דאס וואסער אין איר איז ראדיאאקטיווער. בעוורע האבן מיט שטאלץ איינער דעם אנדערן איבערגעגעבן:

— אין אונזער אזיערע איז דאס וואסער ראדיקטיווע

א גרויסע אזיערע. אז דו גייסט ארויס צו איר פון וואלד, ווערט עס דיר ברייט און ראכוועסדיק. די ברעגן האבן אין בערג זיך אויפגעטראסקעט. אין בערג הויכע, וואלדיקע, דראען מיט וואלקנס. נאר די אזיערע פרעסן זיי ניט. אין בארגיקן קאס וויגט זי זיך א פרייע און ריינע. און דער וואלד פרייט זיך מיט דער אזיערע. בערעזלעך בוקן זיך. סאסנעס שיקן איר זייער סמאלעדיקן גערוך. אין וואלד שטייען זומער־וואינונגען באהאלטן. און פון צווישן האבן זיך אייניקע נאענט צום ברעג ארויסגעסטארטשעט. אף איבער ברעגיקן שיפו, פיינען זיך אויס זומער־הייזער. א קינדער־קאלאניע. פון דארף און אנדערע זומער־הייזער אוועק. מיטן פלייצע זיך אויסגעדרייט צו זיי, מיטן פאנים צו דער אזיערע.

א פריילעכער ברעג איז בא די קאלאניסטן. באם האפן וויגן זיך

פיר שיפלעך. בעסער פאר אלע איז דאס ווייסע פארוס־שיפל „דיאנא“. פון צוויי הויכע שטעקנס רופט לײלעך ווייסער מיט העלן אויפשריפט :

— דורך ארבעט און וויסן איז די סטיכיע באזיגט.

גרישקע האט ליב געהאט דעם אויפשריפט. ווען ער פלעגט אפן שיפל צום האפן צוריקערן, פלעגט ער שטענדיק הויך לייענען :

— „די סטיכיע באזיגט“, א—אט !

א ווערטל דאס איז. סטיכיע. דו קאנסט דאס אפילע ניט פאר־טייטשן, נאר אז דו דערהערסט עס—גלוסט זיך דיר א גיבער ווערן. סטיכיע ! די אזיערע—איז אויך א סטיכיע. דעריבער רוישט זי אזוי.

דער גאנצער ברעג, איז מיט א שנירעלע א פארשיידנפארביקן באס וואסער אויסגעפוצט. מיט קיילעכדיקע, גראע און ווייסע שטיינ־דעלעך אין גאלדענעם זאמד אפן זון. איז אין איין ארט האט זיך אן אפגעזעגטער אלטער, גרויסער בוים־שטאם פון וואלד ארויס־געשטעקט. די קינדער האבן אף אים א קאפ פון אן אלטן אין א רויטן היטל אויסגעמאלט. מיט פארבן פארשיידענע. און עס קוקט דער שטאם, ווי א לעבנדיקער זקיינישער פאנים. ער שאקלט נאר ניט מיט דער ווייסער בארד. אבער אזוי איז ער מאמעש—לעבנדיקער ! אן קוקט ער פון ברעג אראפ.

און אפן פעלד, ווי א וואלד־כאיע, נאר אן פעל, דער נאקעט־פוסיקער מארטינאוו. אויך אין קורצע הויזן, ווי די קינדער, און אין א שיטער געשטריקטן העמד ביזן גארטל. געטראאטן—און די שטיי־נער אין פעלז ארייננעדריקט. פון דער ווייטן נאך געטרומבעט :

— היי איר ! אינטערנאציאנאל פארדריפעטער ! זיך דורכגע־שוועקט ? צייט אנדערע וועקן. פלינקער ! בא מיר זאל—כני !

פארשיידענע שטימען פון פיר אינגלעך האבן זיך אפגערופן :

— כני !.. כני !.. כני !.. סערגיי מיכאילימש, כני !..

קיינער אין דער קאלאניע האט ניט געוואוסט, וואס באטייט דאס ווארט. און בא מארטינאוון איז עס אלץ. כני—איז גוט. כני—שלעכט. כני—גיך און פלינק. וואס דו ווילסט איז כני. ערשט אין קאלאניע האט גרישקע דערהערט פון אים דאס ווארט. אין שטאט האט ער עס ניט ארויסגערעדט. דאס איז א היג מארטינאוויש ווארט, פאר אייגענע.

גרישקע איז דער ערשטער אין קיך געקומען צופליען. היינט

דעזשורעט גרישקעס קאמפאניע. אכט מענטשן. פיר מיידעלעך לייגן איצט אף דער טעראסע פאנאנדער ברויט. אך, וועט דאס זיין היינט א מיטאג! נעכטן האט מען זיך צונויפגערעדט מאנע־קאשע אף א נייעם שטייגער קאכן. מיט קירבעס. בעווארע פלעגן אליין קאכן, אליין דעם מיטאג צוטראכטן. יעדער קאמפאניע האט יעדן טאג די צווייטע געוואלט אריבערשפּייען, ווער וועט בעסער אנהאדעווען. ברויט באקן האט מען זיך נאך ניט אויסגעלערנט. א בעקערין געווען. דאס איבעריקע—אלץ אליין. האלץ, און א גאנצן בארג אף א טאג אנ־געגרייט! נעכטן פארנאכט נאך אנגעהאקט. גרישקע האט וואוי־לעריש און גיך געהאקט. מארטינאוו האט עם דערזעען, האט א צורע געמאכט. און די הענט געריבן:

— אהא, פעסקאוו—בני!

א גאנצן אוונט האט גרישקע מיטן לויב־ווארט זיך געפרייט.

נו, באלד איז אלץ פארטיק. מילך, געקאכט וואסער. ברויט האבן די מיידלעך צעשטעלט.

און זינגענדיק, נאך הערשעריש האט פארצויגן דער הארן:

— טו־רו־רו־טו־רו־רו־טורו.

דער ברעג איז גיך באשאטן געווארן. פארשיידנשטימיקע, פארשיידנקעפיקע, בלוי־אויגיקע, שווארץ־אויגיקע, אלערליי. זיי האבן זיך געוואשן, געשווענקט, געווארפן. די אינגלעך האבן געזאבקעט געאוכעט אף זייער באד־ארט. באם האפן האבן זיך די מיידלעך געבאדן. זיי האבן דין געקוויטשעט, שניידנד. נאר זיי זיינען געווען געשווירענע, לייכטע אפן שפרונג. צו אינגלעך ענלעך געווען.

דער הארן האט צום צווייטן מאל זיך צעזונגען.

דער הו־הא האט זיך פון אזיערע אין די הייזער א גאס געטאן. די מיידלעך האבן מיט די ווייסע אנארבלדיקע שירצלעך שעמערירט. בא די אינגלעך זיינען די נאקעטע טאליעס מיט זון געווען באגילט. צו דער טעראסע־עסצימער האבן זיך אלע אווארף געטאן, ווי אף שטורמעווען א פעסטונג.

א פיצינק שווארצקעפיק מיידעלע האט אויסגעקלונגען פון אוילאם:

— דעזשורנעס, קומט טיי טרינקען.

גרישקע, אין א גראען קיד־שירץ האט פון דער טעראסע געשריען:

— היי, היי !.. איך האב א פערז צונויפגעשטעלט. הע=ע=רט :

ס׳שאלט דער טרומיים :

טיי טרינקען גייט !

נארטאמשי האט אן ענטפער א ברום געטאן :

— ניט טיי, נאר קאפיי...

מארטינגאוו איז גלייך דא. א צורע געמאכט און ווי א דיאקאן אין קלויסטער ארויסגעבאסעוועט :

— אן טיי איז מיר גארניט שלעכט אזוי, כ׳גיס אן אפולן בויך מיט קאפיי. גראפן, ווילן זיי קאפע ?

א געלעכטער, האט ווי א כוואליע אלין ארום באדעקט. און מארטינגאוו איז שוין אפן הויף באם לאגער.

— ווער האט די ליקעם פאנאנדערגעווארפן ? כני ! היי, פאר=שלאפענע, קיין דינערשאפט איז דא ניטא, פעטרוכא פעדיאבי, דו ביסט נעכטן אף נאכט=פאשע געפארן ? ווער נאך ? שוין ווידער געיעגענישן געמאכט ?

מיט צענומענע פיס איז ער, ווי אין דער ערד, באם לאגער ארייגעוואקסן. נעבן אים, דער ווירשטאפטס=פארוואלטער מיט צו=נויפגעפרעסטע שמאלע ליפעלעך. זיך באקלאגט :

— קיין שמייסערס דערלויבט איר ניט דיגעגן, ניקאלאי איז מער אין וועג, ווי אין דערהיים. און די זייגעץ דען באלעבאטים ? זיי וועלן די גאנצע פי איבערפירן. אבי מע הייסט ארבעטער !

— ארבעטער—שמאטעס ! וועלן זיך אויסלערנען. פעסקאוו. וואס פארא שפרינגען ווי פערד מיט זודיקן וואסער ? זעסט דען ניט. אז פון טיי=קענדל גיסט זיך, כני !

און פעסקאוו האט אנא סערגעוונא דערזען. א הויכע, א ווייסע, א שטילינקע איז זי געגאנגען. מיט א ווינקל מויל קרימט זי זיך אף די קינדער. דאס איז א שמייכל אזא בא איר.

גארנישט און קיינעם ניט האט גרישקע פריער ניט ליב געהאט. אלין איז געווען אלין איינס. און אין קאלאניע האט ער אלעמען ליב באקומען, אנע סערגעעוונע מער פון אלעמען. ווי א זון איז זי, בערג, אזיערע, וואלד—דאס איז גוט ! אבער זון איז בעסער פאר אלין. פארוואס איז אנע סערגעעוונע א זון ? אזוי. גרישקע האט ניט געוואוסט. נאר ווען זי גיט א קוק, ווערט אלין ארום נאך שענער, אז זיי האבן צוזאמען דעזשורעט, האט ער מיט איר די

פאמעליצע, ווי א איקאנע געטראגן. מארטינאוו האט א מאל צוויי באמערקט. א ברום געטאן:

— ס'וואקסט א הולטיי! — א טראכט געטאן און „כני" מיט קאאס א זאג געטאן.

נאר דערנאך האט ער זיך צוגעקוקט. ס'איז פרילינג בא גרישקען. געזונטער, ריינער, פרילינג. ס'איז ניטא קיין טאפעניש און אומריינס אין בליק. די גאנצע שיילנדיקע קרעץ פון פריערדיקן ארומוואלגערן זיך האט אפגעטריקנט. קיין זייכער ניט געבליבן. געזונט. איז ער לויטער געווארן:

— גריגארי פעסקאוו, כני!

ער האט אנדערע אויך שארף נאכגעקוקט. ס'זיינען געווען בליקן צארטע מיט מיידעלער. ליסאיעוון האט כעוורע גערייצט מיט גיורע דער גרויסער, נאר עס איז ניט געווען קיין אומריינע גלוסטן, וועלכע זיינען צו פרי צייטיק געווארן. צו די מיידעלעך איז מען צוגעוואוינט געווארן. די אנרירענישן האבן ניט געבריט. דאס, וואס אין די גרויסע שטעט אין די קינדער־הייזער פלעגט טרעפן, איז דא ניט געווען. ער האט זיך אליין געוואונדערט:

— אט וואס הייסט די מאמע־נאטור און ארבעט! האבן אויסגעהיילט. וויפל אומריינקייטן האט די שטאט אף די קינדער אנגעקלעפט! אפגעוואשן זיך. וואקסן ווי עס באדארף צו זיין, געזונטע.

געמאכט א צורע, איבער די פאלקעס זיך א פאטש געטאן און אין גערדאנק פארענדיקט:

— אין זייער צייט וועלן זיי א גוטן צוואוקס געבן.

די ברייטע טעראסע האט גערוישט. די גאנצע קאלאניע איז דא. די קינדער, די דערציער, דער שמייסער מיט די בעקערין, די וועשערין מיט דער נייטארין. די דערוואקסענע איז ניט לייבט צווישן די קינדער אפזוכן. זיי זיינען אינגאנצן ניין מענטשן איז קאלאניע און א הונדערט קינדער.

נאכן טיי האבן זיך אלע פארטיעסוויים אין פארשיידענע זייטן צעשאטן. איין פארטיע איז אוועק אין וואלד, שוואמען אף ווינטער אנקלייבן. פערד און וואגן זיינען זיך שטיל אפן וועג געגאנגען. בעוורע האבן אין גראז זיך געקוליעט. דאס טאטערל, א דינינקעס, א לייבטס, ווי א יונג, שטאלץ מאסנע־בוימעלע איז פארויס געגאנ־

גען און דעם וועג צום שוואמען=ארט געוויזן. דער ערשטער גייער אין דער קאלאניע. פון אלע ערטער געוואוסט. מען איז אמאל פאר זיבן וויארסט אין וואלד נעכטיקן געגאנגען און די דעקעס דארט פארגעסן. איז ער אוועקגעלאפן—געבראכט די דעקעס. דערנאך א גאנצן טאג, אונטערשפרינגענדיק מיטן יעגער אף יאגד נאך פויגל געגאנגען. אויך איצט איז ער געגאנגען, ווי ער וואלט פליגלען אף די פלייצעס געהאט. מיטאמאל האט ער זיך אפגעשטעלט און אויסגעשריען:

— היידא! ד א ס ארט!

מען האט זיך גענומען פאר דער ארבעט.

א צווייטע פארטיע איז מיט לידער אף שיפלעך אפגעשוואומען. אפן צווייטן ברעג נאך רויטע ראבינעס. ס'האט זי נאך דער פראסט ניט געכאפט, דארף מען אנרייסן אף טריקענען. בא די ברעגן רוישט די אזיערע און אין מיטן—קיין איין קנייטשעלע ניטא. שוין איינמאל א טאג היינט!

גרישקע איז אין דער דריטער פארטיע מיט די סאמע גרויסע, אף א פערמע, א וויארסט דריי פון דאנען, מיט לידער אוועק. מארטינאוו איז מיט זיי. א נייע שטוב אפגענומען. א גאנצע נאכלע. דארט האט מען אין בויען געהאלטן. די קאלאניסטן האבן שטאלן געבויט, גריבער געגראבן, ברעטער געפירט, שטיינער געשלעפט, מיט האמער שטיינער געלעכערט. איינגעאקשנט.

די פים אף דער ארבעט ביז בלוט צעקלאפט — און פרייד פלעגט פון ווייטאג ניט אויסגעלאשן ווערן. מארטינאוון איז איינגעפאלן אן אראנזשעריע דארטן אף ווינטער איינאָרדענען.

אין פאלקבילד האט מען געלאכט:

— עלעקטראפיקאציע אין אייער קאלאניע רעכנט איר נאך ניט איינפירן?

האט ער אונטערגעשמייכלט, די הענט געריבן און דערקלערט פעסט:

— כ'רעכן. צו ווינטער צו שטעל איך אן עלעקטרישע מאשין.

בויזעק געמאכט פון אים האט מען אלע אייניק. אבער א מאשין האט ער פון גובערניע=שטאט ווירקלעך געבראכט.

אין פאלקבילד האט מען זיך געוואונדערט:

— שוין איינמאל א בעריע!

און בעוורע האבן גערעדט:

— מארטינאוו, דאס איז—כני!

און ווען מארטינאוו פלעגט מאלן, ווי די קאלאניע וועט דעם גאנצן קרייז באלייכטן, ווי זי וועט דריי, צען, צוואנציק אזעלכע קאלאניעס ארום און פאנאנדערשפרייטן, האבן די קינדער געגלויבט. און נאר אנדערש געלאכט. פון פרייד. געלאכט אזוי, ווי מען לאכט ווען דער אטעם פארכאפט.

גרישקע האט געטראכט:

— פארשיידענע מענטשן געזעען, און אזוינעם האב איך נאך ניט געזעען. א רייסער!

אין קאלאניע זיינען פארשיידענע קינדער געווען. פון ארימע עלטערן געגומענע. פון די שאכטעס. יעסוימים פון קינדער=הייזער, און רעכטברעכער, ווי גרישקע. נאר שוואכע און קראנקע, האט מאר=טינאוו ניט גענומען.

— סענטימענטן! מע דארף די ערד רייניקן. זאלן קראנקע שטארבן. אז ס'איז דא איין ביסן—גיב עס אוועק דעם געזונטן. דעם וועג די געזונטע! א גאנעוו, א שווינדלער—אהער. איז נאר דער גוף געזונט, וועט ער שוין זיך פאריכטן.

נאר ניט אלע האבן זיך פאריכט. געווען אזוינע, בא וועמען ערגעץ וואו אינווייניק האט זיך פעסט פארווארצלט די פוילעניש, זיי האבן זיך געמאטערט אין אומשטענדן פון שטענדיקער מי. אפגעשטאנען אין דער ארבעט, פארפינסטערט אויסגעזעען. דערנאך פלעגט מארטינאוו א גרימאסע מאכן און אין שטאט זיי צוריק אפשיקן.

אסאך דערציער צוריק אין שטאט אוועק געטריבן.

— שרייבט אינסטרוקציעס. דאס קומט בא אייך ארויס גוט.

א פריילין איינע, א ווייסינקע, א שייניגקע געקומען צופארן. געוואלט לערנען צייכענען. אלין בלימעלעך געמאלט און שאלעכ=עך אפן קאפ אלעמאל אנדערש איבערגעבונדן. איינמאל, נאך דער באד, האט זי איבערגעבונדן אזוי, אז זי איז אף א איקאנע ענלעך געווען.

גרישקע, אז ער האט עס דערזעען, האט ער זיך הויך צעזונגען:

— מיט גאטס מאמע—יונגפרוי פריי זיך!

און אזא צוגעמעגיש האט זי שוין באקומען. גאטס מאמע. און פלעגט זי זיך שוין אנטאן, ווי אלע דערציערנס אין ברייטע הויזן מיט אן אויבער־העמדל, פלעגט אפן האלז בא איר א גאלדן קייטל מיט א ברעלאקל זיך באמבלען און אף דער האנט א בראסלעט. בעווער איז עס געווען קאמיש. אז מען פלעגט זיך קלויבן אמאל פארן ערגעץ א ביסל ווייטער פלעגט זי אלץ פרעגן:

— און קיין רעגן וועט ניט גיין?

טאיטשינאוו פלעגט קווטשן:

— אוי־אוי... ס'אשרעק! ט'צעווייקט ווערן.

לאנג גיין האט זי ניט געקאנט. פלעגט צעקראכן ווערן. איינמאל איז זי מיד געווארן און געבעטן בעווער זאלן זי טארגן. וואס ארט עס בעווער? האבן זיי צוגויפגעפלאכטן הענט, אוועקגעזעצט און זי שיקט שמייכעלעך, ווי מאטאנעס אין אלע זייטן.

מארטינאוו האט עס דערזען. האט ער א רעווע געטאן:

-- ניקאלאי! מארגן פרי וועסטו אף דער סטאנציע קלאוודיע פעטראוונע אפפירן. מע דארף זי דרינגענד אין שטאט ברענגען.

און מע האט זי מעשאלייאך געווען.

ביז מיטאג האבן אלע אין פארשיידענע ערטער געארבעט. נאך מיטאג אין קאלאניע. ווער ס'האט זיך וועש געוואשן, ווער דעם הויף צוגעקליבן, ווער מיט די בויער געארבעט. געענדיקט די ארבעט, איז מען אין ביבליאטעק געגאנגען. ביכלעך געלייענט. נאר לייענער איז וויניק געווען. דער בוך האט ניט געצויגן. ווערטער אין די ביכער האבן נאך טויט זיך אויסגעוויזן. בילדלעך האט מען ליב געהאט קוקן, אין שאך און דאמקעס זיך געשניטן. פארנאכט פלעגט מען, ביז ס'איז פינסטער געווארן נעבן קולטור־הויז שפילן. אזוי האט געהייסן די שטוב, וואו די ביבליאטעק און דער זאל פאר פארזאמלונגען איז געווען. מע האט געשפילט אין באסקעט־באל, אין שטעטעלעך, אין פילקע. נאך אוונט־עסן פלעגט מען זינגען. אמאל מאיסעס געהערט, אמאל געטאנצט. מע פלעגט זינגען גרישקעס באליבטן „אינטערנאציאנאל” און רוסישע לידער.

בא איין דערציער איז א שיינע שטים געווען. און בא גיורען דער גרויסער. אך, האט מען געזונגען! בא גרישקען פלעגט איז גארגל שטשיפען און ווי מוראשקעס פלעגן איבער פלייצע ארומקריכן. מאיסעס זיינען געווען גוטע און ערגערע. הערן האט מען

נים גענויט. גרישקע האט איין מאיסע בעסער פאר אלע ליב געהאט — ווי אזוי א גאנצע מלוכע איז פון הונגער אף גייער ערד אוועק. אין גרויסע בערג זיך באזעצט, און א שיסער אייגער איז געווען בא זיי. אן עפל פון אייגענעם זונם קאפ אראפגעשאסן. ווילהעלם טעל האט מען אים גערופן. אך, גוט! ווען כ'וואלט, זאגט ער, נים אראפגעשאסן, איז די צווייטע פייל פאר דיר געווען אנגעגרייט. דאס זאגט ער דעם מלוכע-פירער, דער וואס, ווי א מיילעך איז.

און געדאכט האט זיך גרישקען, אז דאס אלץ איז פארגעקומען אט אין די בערג, וואו די קאלאניע שטייט. פאראן אויך אן אזיערע... אלץ איז ענלעך. פון ביכלעך פלעגט מען אויך לייענען וועגן מאראם בולבע איז זייער שיין.

נאר גרישקע אליין האט, ווי דאס ראוו קינדער, נים ליב געהאט לייענען. דאס לעבנדיקע לעבן האט דעם בוך פארשטעלט. נאכן אוונט-ברויט פלעגט די צייט ווי איין מינוט אדורכלויפן. און האגאם מען איז מיד געווארן פאר א גאנצן טאג, נאר ווען מארפינאוו פלעגט שרייען: „שלאפן, שלאפן", — פלעגט זיך נים וועלן אוועקגיין. אבער ער פלעגט לאכנדיק און רייבנדיק די הענט אלעמען פון קולטור-הויז ארויסטרייבן. פלעגט מען זיך איבער די הייזער פאנאנדערשיטן. אף די בעטן גלייך זיך א ווארף טאן. און גלייך פלעגט דער שלאף ארויפאלן א לייכטער. אן שווערע באלוימעס. אויך דא האבן די אינגלעך פון אנהויבם געהאט פאסקודעט. נאר איצט פלעגט עס גרישקע נים זען. דער איקער א גאנצן טאג זעצט מען זיך אפילע נים צו. בארואיקט גלייך די בעט.

און דער זומער שנירט אף א פעדימל טאג נאך טאג. און ס'לאזט זיך שוין אוים באלד דאס פעדימל. די זון האט אנגעהויבן זיך אונטערגעבן, נים מיט אלעם געווארן. נים א ווארים און נאך א ווארים—און באהאלט זיך אף אפרו. שפינוועבעכץ האט צווישן בוימער ציטערן אנגעהויבן. די בלעטער האבן פארן טויט פאר זייערן, באגילטן זיך אנגעהויבן.

וועגן מארטינאווס קאלאניע זיינען ריידערייען אוועק. פון שטאט איז מען באקוקן געקומען צופארן. נים געגלויבט.

— איין קאמיסיע האט געזאגט:

— קיין בילדונגס-ארבעט נישא. צופיל פיזישע מי. שעדלעך פאר אזא עלטער.

מארטינאוו האט זיך געקרעמפט, די הענט געריבן און אונ־טערביביקעט:

— צוליב אייך זאל מען נאר פארא געמעלענדל ארבעטן? טאנצט ווייטער, ווייטער פון אונז. דא איז א אייגענע בילדונג. ס׳וועט קומען ווינטער, וועט מען זיך פארן טייפער נעמען. איצט איז קיין צייט ניטא. מ׳דארף ארבעטן, אז מען זאל ווינטער ניט פייגערן. ווינטער וועט איר די קינדער־הייזער פארמאכן, און מיר וועלן איבערלעבן. קראנקע האט איר בא מיר געזען? כני!

א געלע אויסגעדארטע מאסקווער פרוי איז געקומען צופארן. אונטערצערן זיך האט מען זי אהער געשיקט און אגעוו־אורבע געשעפטלער. האט זי אומעטום אלץ געשמעקט און די ליפעלער צונויפגעפרעסט:

— דא זיינען מאראליש־דעפעקטיווע פאראן. מיט זיי פירט זיך ניט קיין שום באזונדערע ארבעט.

מארטינאוו האט זיך איבער די פולקעס געפאטשט און ווי־דער געלאכט:

— שרייבט א ביכעלע וועגן דעם אז. ס׳וועט אונז צום אונ־טערוויישן זיך צונויץ קומען.

און מיט אמאל אויפגעבראכט:

— גאנאווים פון שטאט געבראכט. וואו האט איר שלעסער דא? נאר אף די לאגערן. און די זיינען שליסל בא וועמען? אט בא דידאזיקע גאנאווים. וואס איז פארפאלן געווארן? באנאלט לאזט מען איבער אין אפענעם ניי־ווארשטאט די גאנצע מאנו־פאקטור. וואס איז פארפאלן געווארן? מיר און טויער אפן. א שוימער—ס׳הינטל מיכריוטקע נאר. אז איז דער רעכטברעכער גרי־גארי פעסקאוו. גאניץ סיביר אויסגעשפרייזט. דעם גאנצן מאמע־אריין לעקסיקאן אויסשטודירט. און איצט קוקט זיך צו. אפילע איז אייער מיסטגרוב אים אראפלאזן—וועט זיך שוין אויך צו אים גארניט צוקלעפן. בא מיר זיינען אסאך רעכטברעכער פאראן? ווייזט וועלכע! נו, נו! אזא מאיסע! כני!

די מאסקעווערין האט מיט די פלייצעס געקוועטשט:

— מיט די עלטערן זייט איר זייער גראב. אז ארימע מאמע קומט דאס קינד אנקוקן, טרייבט איר זי אף מארגן צוריק.

האט ער איבער די פאלקעס זיך געקלאפט און פרייליך מאס־קים געווען.

— דאס—יא. מאמעס האב איך ניט ליב. זיי קלאפן דא מיט די צינגער. און בעווערע האבן קיין צייט ניט מיט די צינגער קלאפן. אז זיי אליין ווילן מיט זיי ניט זיצן. „אך, מאמעשי"... אך, זונעלע". דאס קאן מען, באווערטע מאדאס, ווען מען לעבט ווי א גנידע, אף יענעמס בעשבן. און איצט איז עפעס אנדערש. אליין ראטעווע זיך. כני!

האט זי די ליפן אנגעבלאזן און איז אוועקגעפארן, די מאס־קווערין, מ'ע האט זי אויך צו דער ארבעט געהאט אנגעהויבן שלעפן.

אין א האלבן וויארסט פון דער קאלאניע זיינען זומער־וואוי־נונגען דורכן געזונט־אפטייל פארנומען געווען. א קורארט. ראטן־אנגעשטעלטע האט מען אהער אף אפרו געשיקט. מאדאמען האבן שמאלץ געקליבן. פלעגן קומען און איבער דער קאלאניע מיט קאוואליערן שפאצירן געגאנגען. מארטינאוו האט עס איין מאל פארשוויגן, א צווייט מאל פארשוויגן. דערנאך איז ער איינמאל פון קיך אין זייסן כאלאט מיטן קעכערל ארויסגעשפרונגען. ער האט גראד אין יענעם טאג דעזשורעט. האט ער אנגעהויבן דעקן:

— יאס, בולווארן איז דא פאר אייך? מאדאמען, פאר־לאנגט איר ניט אמאל די געפעס אויסוואשן? ניין? איז זייט מוילל דורכן טירל. טראגט זיך אף! ניט דא פלאפלט מען. קלאגט זיך, קלאגט זיך! אין סאוונארקאם שיקט א דעפעש. כני!

יענע האבן קוים דאס טירל געפונען.

בעווערע האבן דערנאך א בילדל אנגעמאלט. א פארקאן פון גראטעס. אפן פארקאן זיצט מארטינאוו אין געשטאלט פון א בער און רעוועט. אונטן בילט מיכריוטקע. און אן אונטערשריפט:

— צי איז ניט מעגליך שפאצירן גיין מיט אנדערע שטעגלעך?

מארטינאוו אליין האט געהאלטן אין איין ארומלויפן. קיין ביכלעך ניט געלייענט. ניט דערציילט. קיין צייט ניט געווען. דרייט אן אין דער קאלאניע און לויפט אין שטאט נאך מעל. דערנאך קריגט ער געהיליץ פאר דער קאלאניע. אליץ שלעפט ער צו זיך אין מוראשקעס נעסט אריין. די מוליערס האבן געדארפט טירלעך הער־מעטישע פאר די אויוונס. די קאלאניע האט זיך צום ווינטער גע־גרייט. קיין טירלעך זיינען ניט געווען. איז ער אליין אוועק מיט

*

גיקאַלאַיען אין די הייזער פון געזונט=אַפּטייל און די טירלעך פון דאַרט אַרויסגעדרייט. די קוראַרט=מאַכט האָט אין גובערניע זיך באַקלאַגט: הייזער שטייען טאַקע ליידיק, אָבער מיר וועלן דאָך זיי רעמאָנטירן, און ער האָט די טירלעך צוגעצויגן. צום רעמאָנט האָט דער געזונט אַפּטייל זיך אַ גאַנץ יאָר שוין געגרייט.

מאַרטינאָוו האָט אַ פּאַפּירל פון שטאָט באַקומען.

— כּני!

און דאָס פּאַפּירל צעריסן. וואָס קאָן מען מיט אים מאַכן?

האַרבסט האָט זיין פּעדימל ביזן מיטן דערשפּינט. די בערעזעס זיינען אָפּגעפּליקט געוואָרן. דאָס וועלדל איז טויט, פינסטער=אומעטיק געוואָרן. הימל האָט זיך אָנגעכמורעט. בייז געוויינט מיט גוס=רעגן. די אַזיערע האָט ניט געבלויט מער. דורך און דורך שוואַרץ געוואָרן און מיט גוואַלדן די ברעגן געשמיסן. פויגל זיינען אַנטלאָפן. אַ וואַלף האָט מען געזען אויפן אַקער פעלד. אין די הייזער האָט מען די אויוונס אָנגעהויבן הייצן. די אינגלעך האָבן לאַנגע הויזן אָנגעטאָן. די מיידלעך—קליידלעך. פּוסט איז געוואָרן דער קוראַרט. פון די בערג האָט אַ בייזער ווינט בלאָזן אָנגעהויבן. אין די ליידיקע הייזער געהוליעט, אין דאַך פון קאָלאָניע צאַרנדיק געקלאַפּט, אַראָפּרייסן געוואָלט.

און ניט נאָר רעגן און כמאַרעס זיינען מיט האַרבסט געקומען. הונגער האָט זיך גענענטער צו דער קאָלאָניע צוגערוקט. מאַרטינאָוו איז אַ בייזער פון שטאָט געקומען. מיט זיין „כּני" ניט געצערטלט, נאָר געזידלט זיך.

אויף אַ פאַרזאַמלונג האָט ער די קינדער געזאָגט:

— וויפל מעל ס'זאָל ניט זיין מוז אויף אַ כוידעש קלעקן.

די ווירטשאַפט=קאָמיסיע האָט אויסגעבעשבנט און באַשטימט אַ ראַציע: אַ פונט אָן אַ פערטל ברויט. פלייש איז ניט געוואָרן. פיש פון אַזיערע האָט אַביסל אונטערגעהאַלטן. נאָר שווער איז געוואָרן פאַר די קינדער. אַרבעט שווערע, פעלד האָט מען געאַקערט. ווייניק אַרט געווען פאַר אַקער פעלד. האָט מען וואָרצלען איז וואַלד געריסן. אויף דער פערמע האָט מען די אַרבעט באַם פאַרענדיקן געהאַלטן. אַ טעכניק איז געקומען די עלעקטריע אַריינצוציען. האָט מען זיך דערפרייט. פאַרגעסן אָן מידקייט.

גרישקע האט מיט א שטיקל צייט צוריק וועגן אמעריקע גע־הערט, און איצט האבן בא אים די אויגן געשיינט:

— כאווײרים, בא אונז אף דער פערמע איז נייע ערד. דאס איז—אמעריקע און אין דער אלטער קאלאניע—אייראפע. אט האסטו דיר!

און כעוורע האבן אונטערגעכאפט:

— היידא אין אייראפע! ווער נעבטיקט הײנט אין אמעריקע? ווּעמענס ריי?

פארטיעסוויים פלעגן זיי נאך דער ריי נאך מיטן טעכניק בלייבן. אין אוונט דעקעם געשטעפט. אלע, די מיידלעך און די אינגלעך. מע האט געדארפט זיך צוויילן. וואטע שפעט געקראגן. נאך איין נייטארין געבראכט צו פירן. האבן אבער די נייטארינס אויבער־קליידער גענייט.

און דער בארג־ווינט איז אלץ ווילדער געווארן. מיט א בייזער וואיערײ אין די פענסטער זיך געווארפן, אין די קוימנס געפייפט. גיך פלעגן זיך די אויוונס אויסקילן, האלץ דארף מען אסאך אנהאקן און אראפפירן. שניי־בערגלעך וועלן זיך אנידערלייגן, וועט מען ניט דורכקריכן.

א דערפל איז ניט ווייט פון קאלאניע געשטאנען. איז עס אינגאנצן געפאלן. אין דערפל האט אפילע זומער קיין ברויט ניט געקלעקט. מיט יאגדעס, שוואמען און קארטאפל האט עס זיך גע־שפייזט. איז קארטאפל ניט געראטן. האט מען אין ברויט אנגעהויבן קארע צומישן. מאכנעסוויים פלעגן קינדערלעך הונגעריקע אין קא־לאניע אריין קומען צו לויפן. ווי שפערעלעך נאך ברעקעלעך. אין דארף איז א קינדער־הויז געווען. אויסגעמאגערט האבן זיך דארט די קינדערלעך. אפילע זומער איז דארט געווען ערגער ווי אין קא־לאניע, און איצט האט דארט דער טויט געהויבט. אינגלעך פון קינדער־הויז האט מען באם פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט אין קוראַרט אין הויף געכאפט. פלייש האבן זיי געגאנוועט.

מארטינאוו האט עס די קאלאניסטן דערציילט.

גרישקע האט אויפגעציטערט. די אויגן זיינען אים פינסטער געווארן, און ער האט זיך געבעטן:

— מע דארף זיי צו אונז נעמען, אין קאלאניע!

האט מען אף א פארזאמלונג באשטימט דאס קינדער־הויז פאר

4*

אַן אָפּטיילונג פון קאַלאָניע רעכענען. אויסטיילן ברויט אויך פאַר זיי. צו האַלבן פונט איז אַף יעדערן אָנגעקומען. שלעכטע באַלעבאַטים נאָך דערווייל געווען. וואָס מע האָט זומער אָנגעגרייט—אויפגעגעסן. שוואַמען איז גאָר ווייניק געבליבן. קאַרטאָפל האָט מען שפּעט אויסגעגראָבן. העלפּט האָט דאָרף צוגעגאַנוועט, דער גאָרטן האָט ווייניק געגעבן. און פון שטאָט—קיין ברעקל ניט! גרויפּן האָבן געהאַלטן באַ ענדיקן זיך. בעקלעך באַ די קינדער זייַנען אָפּגעוועלקט און אייַנגעצויגן געוואָרן. פלעגן גיכער מיד ווערן. פריער שלאָפן גיין. נאָר גרעבסטער פלעגט נאָך אַפט קלינגען.

מאַרטינאָוו פלעגט נאָך אונטערשמייכלען און קאָמאַנדעווען:

— די גאָרטלען שטייפער! די טשעמאָדאַנעס ציט צונויף! כני!

נאָר זעלטענער פלעגט ער צורעס מאַכן און אָפט אָפּן וואַקזאַל פאַרן, איינמאָל באַנאַכט האָט זיך די אַזיערע פאַנאַנדערגעשפּילט. מיט אַ ווייטאַקדיקן געפּילדער אין די שטיינער זיך געקלאַפּט. דערנאָך מיט בייזקייט אויפגעזאָפּט און פאַנאַנדערגעקייַקלט:

— או—אוך... או—אוך. או—אוך!

דער ווינט האָט די ווענט געריסן. צעוואָרפן געוואַלט. אין קוימען געפייפט: אוויי ס, אוי-וי-ויס! איז ער שטילער געוואָרן—האָט זיך אַ וואַיען געהערט. וועלף אָדער הינט הונגעריקע. עלעקטריע האָט מען נאָך ניט דורכגעצויגן. צו די שויבן האָט נאַכט שוואַרצע זיך געקלעפּט און די הייזער אין כוישעך שווידערלעכן דערטרונקען. די קינדער פלעגן ניט קאָנען אייַנשלאָפן. אַ געשפּרעך פלעגט זיך ניט בינדן. האָבן זיי זיך צוגעהערט, ווי די ווענט פלעגן טרעשטשען. און ווי די אַזיערע וואַיעט. פּונקט ווי זי וואָלט די בערג געוואָלט צערייסן. יעדערן, ווער עס איז נאָענט געווען, האָט זי אַ קלאַפּע געשיקט.

גרישקע האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— סטיכיע.

נאָר אַ גיכער ווערן האָט ער שוין ניט געטראַכט. די גאַנצע קאָלאָניע האָט זיך אַזאַ קלייַנינקע און שוואַכינקע אויסגעוויזן. און פון אַלעמען פאַרגעסענע. איינע אַליין צווישן בערג. און הינטער די ווענט ווייַנט עמיצער, דראָט, יאָמערט מיט אַ קוואָרע-ניגן. פאַרוואָס איז דאָס אַף אַלעמען הייַנט אַזאַ פּאַכאַד אָנגעפאַלן? טאַיטשינאָוו האָט נאָגנדיק געזאָגט:

— טויט שפאצירט דא נאענט ארום.

די ארייננאנגס-טיר האט א קלאפ געטאן. אלע האבן א ציטער געטאן. וואיצעכאווסקי האט דערשראקן א געשריי געטאן. נאר שווע-רער טראט האט בארואיקט.

גרישקע האט מיט פרייד באגעגנט:

— סערגיי מיכאליטש?

— איך!

און אין שלאף-צימער אריין.

גרישקע איז בא דער טיר געשלאפן. האט ער זיך אין זיין בעט שווער ארייגגעזעצט:

— איר שלאפט נאך ניט? מיט שמועסלעך פארנעמט איר זיך? כני!

בא גרישקען איז דער פאכאד פארשוואונדן. אנדערע אינגלעך האבן אויך פרייליך אנגעהויבן זיך רודערן.

— מירן באלד איינשלאפן! איך, פעסקאוו, קאוויר פאר אלעמען. אין איין רעגעלע שלאפן מיר איין!

און מארטינאוו האט מיד געזאגט:

— מיט דעם פוטער אראפ, גריגארי פעסקאוו. די געשעפטן— כני!

— וואסי?

טאיטשינאוו האט פון בעט צו מארטינאוון א שפרונג געטאן. אלע האבן אנגעהויבן זיך רודערן.

— א דעפעש פון גובילד. מען הייסט אייך אין שטאט, אין קינדער-הייזער אפפירן. קיין פראדוקטן וועט מען אונז ניט געבן. און אליין וועלן מיר דאך—כני! ניט דורכלעבן:

גרישקע האט אויפגעברויזט.

— סערגיי מיכאליטש, דא פייגער איך און גיי ניט. ניט אומ-זיסט איז נאגעניש היינט!

ער האט זיך אינגאנצן געטרייסלט און מיטן קאפ מארטינאוון אין די קני אריין. קיינמאל האט מארטינאוו ניט ארומגענומען און ניט געקושט קינדער. אז ער פלעגט זען, ווי מיידעלעך נעמען זיך ארום, פלעגט ער ברומען:

— סענטימענטן!

און דא האט ער גרישקען צו זיך צוגעדריקט, און ווי יענעמס ציטער וואלט אים איבערגעגעבן געווארן. האט ער זיך אומרואיק א צאפל געטאן אפן בעט.

כעוורע האבן אנגעהויבן פילדערן:

— צו וואס אין שטאט? אויב שטארבן איז דא!

— מיט קארע וועלן מיר דורכלעבן!

— און דארט מיט וואס וועט מען צערן?

— קריך ניט, וואסקע! דא פלאצט די קאלאניע און ער ששעפעט זיך.

— סערגיי מיכאילימש, דערלויבט ניט.

און אלע האבן אף פארשיידענע שטימען געפילדערט:

— דא בלייבן מיר. אין ערגעץ פארן מיר ניט.

— יא־א, גוטע ברידער... אט איצט די מיידעלעך. האבן געוויינט און פונקט דאס זעלבע געזאגט. דא דארף מען אלץ מיט סייכל. כני! איר פארשטייט דאך אליין, ארבעט פאראן, און עסן ווייניק. שטארבן וועלן מיר ניט שטארבן, אבער די קויכעס וועלן מיר פארלירן.

גאדטאטשי האט בארואיקדיקנד ארויסגעבאסעוועט:

— צי דען וועלן מיר ביז צו דעם גייעם שניט ניט דערציען? דערציען. אקער־פעלד האבן מיר אייגנס.

גרישקע האט זיך אן מארטינאווס האנט אנגעכאפט.

— איך, סערגיי מיכאילימש, וועל איבער א טאג עסן. זאל מיך דער רואך נעמען, אויב אלע טאג!

און מיטאמאל זיינען בא אים אין שטים אלע קינדערשע נאטן ניט געווארן, פונקט, ווי ער וואלט מיטאמאל א דערוואקסענער געווארן. און מיט טיפער בענקשאפט האט ער ארויסגערעדט:

— גיב אונז ניט אפ צוריק פאר העכטברעכער.

האט א קוק געטאן מארטינאוו אים גלייך אין די אויגן אריין, ניט דערזעען, נאר דערפילט אין זיי א שרעקלעכן מענטשלעכן שמערץ. האט ער א צאפל געטאן, געמאכט א צורע, די הענט א ריב געטאן און געזאגט:

— כ׳וועל ניט אפגעבן.

איבערמיסטיגונג

וועגן לעניגעז זיינען פארשיידענע קלאנגען געגאנגען. פון דייטשן
שטאמט ער. א רוסישער איז ער, נאר פון דייטשן גערונגען און אין
רוסלאנד אין א פארבאסמעטן וואגאן אריינגעפירט. אף מאכן א
בעהאלט. דער געוועזענער דארפס־סטארשינא זשיגאנאוו האט זיך
מיט דעם מענטשן זייער אינטערעסירט. שטענדיק פון שטאט א
נייעם קלאנג געבראכט. נעכטן האט ער זיך שוין נאך האלבע נאכט
אומגעקערט. אבער זיך ניט געקאנט איינהאלטן: אין דער זעמסקע
ביבליאטעק אין פענסטער אנגעקלאפט. דערשראקן האט זיך א
ווארף געטאן פון טיש צום פענסטער דער דאריקער קליינוואוק־
סיקער ביבליאטעקער, סערגיי פעטראוויטש. איבער צייטונגען גע־
האט זיך פארזעסן.

— ווער איז דארט? וואס איז?

זשיגאנאוו האט הארט צום שויב זיין שווארצע בארד צוגע־
דריקט און דורך דער צווייענדיקער ראם הילכיק אריינגעשריען:

— ר'איז אנטרונען! שרעקט זיך ניט. א גוטן אוונט אייך!
נאר וואס פון שטאט. ר'איז אנטרונען!

— גוטן אוונט, אלעקסיי איוואנאוויטש! ווער איז אנטרונען?

— לענין. פון די בענק אליין צוגענומען! אפגערייניקט! נע־
לעם געווארן. מען יאגט זיך אים כאפן. מארגן וועל איך אליין
דערציילן!

— קומט אריין, אלעקסיי איוואנאוויטש, איך מאך שוין
אויף.

— ניטא קיין צייט. מ'וואַרט אין דערהיים. מאָרגן דערצייל איך אַלץ!

— צייטונגען ט'איר געבראַכט?

— געבראַכט. נאָר אַלטע. און זיי איז עס נאָך ניט אָפּגע־דרוקט. אַ טעלעגראַם... נו, דו, באַלשעוויסטישע כאַלערע, ט־פּר־ו־ו!

און אין שליטן שווין צו זיך אַליין אַרויסגערעדט:

— ס'שטייט ניט איין! אַהיים גלוסט זיך עס, פּרעסן! אַז מען זאָגט—אַ בעהיימע!

אָבער אַף מאָרגן איז די פרייד געפאַלן. מע האָט אָפּגענאַרט אין שטאָט: אינדערפרי איז עמיצער מיט אַ בעלמע אַפן אויג מיט אַ „מאַנדאַטע" געקומען צו פאָרן און אומפאַרשטענדלעכע ווער־טער אַף דער פאַרזאַמלונג געלייענט: „דער ראַטפאָלקאָם—צו די אויספירקאָמען פון אַלע סאָוועטן". ניט אַנטלאָפן איז לעגין. אַף אַזאַ שפּראַך רעדט ער.

וועגן לעגינען גייען גרעסערע ריידערייען אין ניעבעסנאַווקע *). אַ לאַמדיש פאָלק וואוינט דאָרטן, סעקטאַנטן. אַז זיי זיינען פון רוסלאַנד אַהער געקומען, האָבן זיי אָנגעהויבן דאָס לאַנד ליבן. צום הימל געטראָפן, האָבן זיי געזאָגט. האָט מען עס טאַקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן. ניעבעסנאַווקע, הימל־דאָרף. אַלע סעקטאַנטן זיי־נען אין לייענען די הייליקע שריפט באַהאַוונט. פון טאַמבאַווקע, האָגאָם דאָס איז איין דאָרף טאַמבאַווקע־ניעבעסנאַווקע האָבן זיי זיך דורך אַ סטויס מיט ברעטל אָפּגעצוימט. און דאָס ברעטל איז אויך פאַר זיי, פאַר די לאַמדים. וויים אַף שוואַרץ אָנגעשריבן: ניעבעסנאַווקע: מענגלעכער געשלעכט—495 מענטשן, ווייבלעכער—581. האָרט הינטערן ברעטל שטייט די לעצטע שטוב פון טאַמ־באַווקע און שוין גאָר אַן אַנדער פאָלק. אין ניעבעסנאַווקע איז ריינער. אויך אין טאַמבאַווקע איז וואָר עס איז געבילדעטער און איינגער איז אינפאָרמירט וועגן לעגינען, און ווייבער און אַלטע לייט האָבן וועגן די באַלשעוויקעס געהערט, נאָר איינס: די מילכאָמע ענדיקן גיי. פון וואַנען באַלשעוויקעס—אַזוי אין פינטל האָבן זיי ניט גע־קוקט. ניט קיין איבערגעשפּיצטער אוילאָם. באַנעמט ניט. דער סטאַרשינאַ זשיגאַנאַוו איז פון ניעבעסנאַווקע געווען. טאַמבאַוו־

*) הימלדאָרף

סקער סאלדאטן-געזינדל האט אים פון בענקל אראפגעווארפן. און ערשט—גיי טרעף, וואס פארא מלוכע-פירונג איז איצט. א סאלדאט סאפראן איז דער רעדל-פירער. אף דער פארזאמלונג איז ער צו זשיגאנאוון צוגעשטאנען:

— היי דו, קלאפער מאלאקאנער! וואס פארא קלאנגען וועגן דער נייער מאכט פאהשפרייטסטו עס?

ניט קיין קליינוואוקסיקער איז סאפראן. און א ברייט פליי-ציקער איז ער. אבער זשיגאנאווס אויגן רייצן זיך מיט אים פון אויבן ארפ מיט זייער שווארצן גלאנץ. אף א קאפ העכער איז זשיגאנאוו. ניט קיין שרעקיקער איז ער, אבער א דורכגעטריבענער. גלאט אזוי וועט ער אין א געשלעג מיט א טיפעש ניט קריכן.

— וואס שפרינגסטו, ווי א האן אף א הון? דאס וואס איך האב אין שטאט געהערט, דאס האב איך דערציילט. מיר האט מען געהאקט, האב איך אויך געהאקט. פאר וויפל געקויפט, פאר אזוי פיל פארקויפט.

די פויערים אטעמען שוין אף זיי. זיך צוגויפגעפרעסט ארום זיי. דער געקומענער מיטן מאנדאט איז טיי טרינקען אוועק. די פארזאמלונג איז זיך ניט פאנאנדערגעגאנגען. ארויסשלעפן פון די הייזער איז שווער, אבער אז עס קומען זיך שוין צונויף דארפס-לייט,—וועט מען מיט קיין שטעקנס זיי ניט פאנאנדערטרייבן.

שווער רירט זיך אין די מויכעס. ביז וואנען זיי וועלן אלץ אויספרעגן, וועט א סאך שאען אוועק. פאר זשיגאנאוון האט זיך דער סעקטאנטישער דארשן קאטשעראוו איינגעשטעלט:

— בירגער סאפראן ארטאמאנאוויטש, ניט שיין אזוי גלייך אין צורע קריכן! אלעקסיי איוואניטש איז א מענטש מיט א אינטערעס. ער האט געהערט אין שטאט—האט ער די יעדיע צוגעשטעלט. און אויב ס'איז א פארבלענדעניש ארויס...

סאפראן איז א מענטש אן א רעזאן. פון דער שטילער, לייטישער קאטשעראווס דראשע איז ער ארויס פון די קיילים, האט זיך צעגעוואלדעוועט הויך איבערן גאנצן גרויסן קלאס. אלע פאר-זאמלונגען פלעגן זיך צונויפקלייבן אין שול.

— כאוויירים! בירגער! גאנץ ניעבעסנאווקע—דאס זיינען באלעגופים! זיסינקע ריידעלעך האבן זיי, גלויבט זיי ניט! באלד

זאג איך אייך א ווארט! אט ווי איך בין אליין א פארזיצער פון דעם מיטינג, זאג איך א ווארט!

און גלייך צום טיש פון וואנען די רעדעס האבן זיך געהאלטן, כאלדאטן, וואס זיינען אין אורלויב געקומען, האבן גלייך צו אים זיך א לאז געטאן. סאלדאטקעס און אפגעריסענע פון הינטער־גראבן, דארט וואו דאלעם האט זיך באזעצט, אויך צו אים. די ניעבעסנאווקער, קוקנדיק אפן סויבער פון טאמבאווקע סיטשוגאוו, האבן צו דער טיר געהאט זיך א לאז געטאן, נאר זשיגאנאווס איינרוימען האט זיי גלייך אנגעיאגט:

— גייט זיך פאנאנדער! קאטשעראוו וועט שוין מיט סאפראנען א לערן טאן באלאק!

די געקרייזלט געלע האר סאפראנס שטייען־שטענדיק אויס־געשטעלט איבער זיין קאפ, ווי א מין שיינען. די בארד איז אויך א געלע און פארמאגט ניט קיין סאלידקייט: א צעפאטלטע אין אלע זייטן. אין די אויגן—ניטא קיין שטרענגקייט. בלויז א בלוי וואס ווערט אין צארן פארמוגקלט, אבער אן בליי. שרעקט דער־פאר ניט.

— באוויירים! די ניעבעסנאווקער גווירים פארטומלען אונז. מיר האבן אפן פראנט בלוט פארגאסן, און זיי, וואס פאר גאט האבן זיך באהאלטן. די עמונע, זעט איר, דערלויבט ניט אף דער מילכאמע גיין. און איצט גיי דערלאנג זיי שוין ווידער אונזער בלוט! א וועלכע מאכט איז פאר מילכאמע, אטאדי, דארפן זיי. אונזערע דארפן זיי ניט!

מיט א געפילדער האט זיך די פארזאמלונג אפגערופן:

— ריכטיק! הינטער גאט זיצנדיק האבן זיי בייכער אנגעקליבן!

— אונזערע זיינען אויך אף דער מילכאמע געוועזן! דאס האבן די דאבראליובאוווער נאר זיך אפגעזאגט!

— מיר האבן פאר קאטארגע קיין מוירע ניט געהאט, זיינען אף מילכאמע ניט געגאנגען.

— טעפלאאוכאוו האט נאר וואס פון קאטארגע זיך צוריק־געקערט...

— צו דער זאך רייד! דאס האט מען שוין אלץ געהערט!

— טעפלאאוכאוו איז בא זיי אין קאטארגע! און בא אונ־זערע זיינען העמט און פים אפגעריסענע! דאס איז דיר א הונט?

— דאם האלטסטו פאר גארניט ?
— ט'איר אויך ניט געזאלט גיין !
— אך דו, אנגעבלאזענעך טרעלבוך ! ערד האט איר אנגע־באפלאפט אף אייביק ! אף ווייב און קינדער וועט קלעקן, קאן מען אף קאטארגע גיין...
— וואס פאר טאינען מיט זיי ! שלאג זיי די פעטע מארדעס !
— שטילער ! לאזט אווארט זאגן !
— פרייהייט פון ווארט....
— רייד, סאפראן !
— ניטא וואס צו ריידן ! אלץ געהערט שוין !
— פראלעטאריער, וואס צעפראלן אלץ. איר וואלט זיך גע־ספארעט, וואלט בא אייך אויך געווען אף אייביק...
דער גערויש איז געוואקסן. די שטימען זיינען אלץ בייזער געווארן.
סאפראן, מיט דער גאנצער ברוסט, קדיי אלעמען איבערשרייען:
— כאוויירים ! מירן זיך נאכדעם צערעכענען ! אזוי הערט מען ניט ! נאך דער ריי וועלן מיר אלץ זאגן.
זשיגאנאוו בארואיקט זיינע :
— שווייגט ! שווייגט ! קאטשעראוו וועט שוין אים אויס־מאכן אן אויער !
איז מען אנטשוויגן געווארן. אין טויבן, צערייצטן, נאר שוין פארשפילט וועדנדיקן ברומען האט סאפראנס גערירכטע און העלע שטים זיך צעשפילט :
— כאוויירים ! אן יענע, די אפגעשליסענע הינטערגראבנ־דיקע.... דידאזיקע זיינען איצטער אונז כאוויירים ! מיר, הייסט דאס זיינען אייך כאוויירים ! און די ניעבעסנאוויקער פויערים, זיי נען רייכע. זיי איז אלץ איינס. וועמען ערד געהערט. זיי איז אלץ איינס אויב מע וועט אונז באלד צוריק אין די טראנשייען שיקן. דארדאנעלעס באדארפן זיי ! אט וואסערע זיי זיינען ! זיי דולן אייך, אז אלץ איז פון גאט. פון הייליקן שריפט. זיי לויגט אף גאט זיך פארלאזן ! א רייכן איז גרינגער אין גאניידן אריין. אף דער ערד ווערן זיי מיט שמאלץ פארגאסן, און שטארבן זיי...
זשיגאנאוו האט ניט אויסגעהאלטן. א גוואלדעווע געשאן פון אוילאם ארוים :

— רעכילעסט אפן הייליקן שריפט! דארט שטייט: אן ארי־מאן איז גרינגער אין גאניידן...

סאפראן האט מיטן קודלאטן קאפ געטרייסלט. האט צעפלאמט, פלאקערנדיק, העכער ווי פריער נאך, פונקט ווי ער וואלט זיך געקליבן די קעפ שפאלטן, און אוילאם אריינגעשריען:

— ס'איז א פארזעען אין די הייליקע שריפטן ארויסגעקו־מען! א רייכער מענטש האט כיין בא גאט. א רייכער פויער איז ריין, ליבנסווירדיק. פארוואס זאל איך ווי א הונט זיך ווארפן אף יעדערן, אז יעדערער נעמט פאר מיר דאס היטל אראפ? און דעם ארימען גיט יעדער איבערן קארק! דעריבער קאכט אין אים שטענדיק די בייזקייט. אומבאדינגט! דער רייכער וויטעט זיך מיט פריצים פאר די הענטלעך, איז אף אלץ געלערנט. און דער ארימער דרייט אפילע די טפילע אף אין דער מאמען אריין אוים, ווייל ער פארשטייט גארניט! אין די הייליקע שריפטן שטייט: „לוי סינגעוו". וועסט שוין זיכער עפעס אוועקלאקכענען, אויב דו האסט ניט וואס צו קייען! אין די שריפטן ווידער שטייט: „לוי סירצעד" וועסט שוין הארגענען!...

די ניעבעסנאוועקער האבן זיך צעפילדערט:

— אט דאס איז גו—ו—ו—ט! הייסט דאס: גאנווע, הארגע!

— אט איז זי, די נייע טוירע!

— אן צונג דערקענט מען גלייך דעם פארשוין!

— ט'געהערט, וואס הייסט באלשעוויקעס!

— טאקע, אפדערעמעסן, ארעסטאנטן זיינען בא זיי רעדל־פירער!

און די הינטערגראבנדיקע זייערס:

— פארשטאפ דעם פיסק גראבבייכיקער!

— ווען האט מען געהארגעט? ווען האבן אונזעריקע געהארגעט?

— ס'וואלט זיי דאפקע געקומען. שלאג זיי די שיידים די אויסגעפוצטע.

מיטראפאניכע די אלטיטשקע האט זיך גלייך געכאפט: ס'איז א וויקואך איבער דער עמונע אוועק. האט זי א טרייסלדיקן אויס־געשריי פון הינטערגראבנדיקן אוילאם ארויסגעווארפן:

— אין פראוואסלאוונעם קלויסטער איז הייליקייטן פאראן און אין זייער מאלאקאנישן ווא ?

אין גערויש זיינען אירע ווערטער דערטרונקען געווארן. ס'האבן זיך א ריר געטאן הענט, ס'האבן אנגעהויבן רויטן, בארבלען, קלינגען שטימען פארשיידענע, אלץ האט זיך צונויפגעגאסן אין איין ווילדער מוזיק פון סטיכישן אויפגעריסענעם געפילדער.

סאפראן האט לעבאטבילע מיטן פויסט איבערן טיש געקלאפט, דערנאך האט ער א בענקל אויפגעהויבן, מיטן זיין-ברעטל האט ער איבערן טיש אנגעהויבן האקן. ס'איז געוועזט שטילער אביסל געווארן, נאר מיטאמאל האט רעדקינס אנגעריסענער אויסגעשריי זיך דורכגעריסן :

— אונזער מאכט ! גענוג ! זיי האבן זיך שוין אויסגעצערטלט !...

און ווידער א קרעכצעניש, א ווילדעווען פון א האמוין, וועלכער איז ניט געוואוינט געווען צו ריידן, פון אן אוילאם, וואס האט נאר פון וואיען און ווילדן געפילדער געוואוסט. מע איז אף אן ארט ניט איינגעשטאנען. געקראכן איינער אפן אנדערן, געדראט מיט די פויסטן, געשטויסן, געדריקט, געשטיקט. ס'האט זיך געגעענטערט א געשלעגעריי.

קאטשעראוו האט זיך דורכגעשטויסן צום טיש, אפגעשטויסן מיט זיין שטארקער האנט עמיצנס שטארקן פויסט און ארויסכאפנדיק בא סאפראנען דאס בענקל, אפט און שטארק אנגעהויבן קלאפן מיט אים איבערן טיש. די ניעבעסנאוועקער זיינען פארשטילט געווארן. סאפראן האט זייניקע איינגעשטילט. ווידער א טויבער שטילער ווערנדיקער געפילדער. קאטשעראווס ווייך, גלעטנדיק אנגענעם באסל האט זיך אויסגעטיילט :

— ברידער ! בייזקייט איז פאר כאיע איבערגעלאזט געווארן. מענטשן דארפן מיט פרידן און ליבשאפט דורכקומען.

אין דער ווייכער שטים איז געווען צוגעוואוינטע הערשערישקייט, זיכערקייט פון א מאגיד. האט עס גענומען. רעדקין נאר האט אויסגעשפיגן און מיעם זיך אויסגעזידלט. די איבעריקע זיינען שטיל געווארן.

— אין קאאם—זיינען בא א מענטשן די אויגן בלינד, די אויערן טויב. צו וואס דארף מען דאס אזוי ? צו וואס האט ברודער

סאפראן זיך געלאזט פון קאאס פארפירן? פאר אונזער עמונע פלעגן מיר פון דער אלטער רעגירונג גרויסן שטראף באקומען. פון רוסלאנד האבן מיר אהער אונזער עמונע צו ראטעווען געבראכט. אין פרעמדן, קאלטן לאנד פלעגן מיר צופום מיט אונזערע הויזגעזינד גיין. אין אייביקן באזיצן ערד געקויפט. אבער ווי? דאס האט איר, ברידער, ניט געזעען? קאהאל, גאנצער קאהאל האט געקויפט! ניט נאר מיט שווייס, מיט בלוט איז אונזער ערד באגאסן. יא, יא! אז די אלטע רעגירונג האט אונז אף קאטארגע געטריבן, האט איר דאמאלסט אף אונז ראכמאנעס געהאט. אף דער מילכאמע זיינען בא אונז נאר די פון ברודערליבע ניט געגאנגען. א סאך זיינען זיי דען פאראן בא אונז? מיר, עוואנגעלישע קריסטן, זיינען יא גאגאנגען. בא מיר איז א זון אין מיליטער-דינסט, מיר טראגן צוזאמען מיט אייך די לאסט!

קאטשעראוו האט עמעס געזאגט. די שטימע זיינע, וועלכע וואלט ווי מיט היליקן אייל אויסגעשמירט זיין, איז געווען א צערטלעגדיקע, דורכדרינגנדיקע און בארואיקנדיקע. דער עולם האט זיך איינגענומען און צונויפגעפרעסט. נאר סאפראן האט א קרעכץ געטאן; און רעדקין האט מיטן קראנקן, קלינגענדיקן אויסגעשריי פראטעסטירט:

— ביכערפרעסער! אפן כומעש זיך אנגעטראסקעט... ,

מע האט א שיקע געטאן און ער איז אנטשוויגן געווארן.

גלאט און איבערצייגנד האט גערעדט קאטשעראוו. פונקט ווי ער וואלט טראפנס בארואיקנדיקע א קראנקן דערלאנגט:

—וואס איז שאיעך די באלשעוויסטישע לערע—זיינען מיר גארניט קעגן. קיין מילכאמע ווילן מיר ניט, ווי אין דער טוירע שטייט—לוי סירצער. און ארימען דארפן מיר, לויט דער טוירע, אויך העלפן זיך אויפהויבן. נאר די מענטשלעכע לערע איז ניט קיין געטלעכע. זי טראגט שטענדיק מיט זיך די אומריינקייט פון אונזערע זינד. אפנעמען און אפגעבן—איז אן אוולע און רישעס. אונזער ערד לעמאשל,—ווי קאן מען זי אפנעמען? מיר האבן זי ניט אלס מאטאנע געקראגן. דאס אלץ דארף מען באטראכטן פרידלעך, שטיל, רואיק. איך האב זיך מיט דער באלשעוויסטישער לערע פאראינטערעסירט, אין שטאט געפארן. זיך דערוואוסט אז זייער הויפט-לערער איז געווען קארלא מארקסאוו. גו—ו—ט. געווען איז ער א מענטש

ניט קיין רוסישער, די לערע זיינע אף אויסלענדיש פארשריבן. **אט** **דערוויסן** זיך דארף מען גענוי וואס האט דארט **אינדערעמעסן** קארלא **מארקסאוו** אנגעשריבן. דאס רוסישע פאלק **איז בא אונז** לייכטגלויביק. ווי מען טראגט אונז אונטער, **אזוי** שלינגען מיר **אראפ, פאנאנדערקלייבן** זיך—**אזא** מידע האבן מיר ניט. בענויגייע בילדונג, וואס **איז** שאיעך פרעמדע שפראכן איז שוואך. אויב דאס **אויסלענדישע** **אומצווייפלהאפט** דערלאזן, איז ווי אזוי קאן מען זיך דערוויסן, **וואס האט** לענין דערצו צוגעשריבן? מע דארף **אויסלענדישע שפראכן** דערגיין **און** קארלא מארקסאווס שריפטן מיטן רוסישן **פארגלייכן.** אט דאמאלסט קאן מען: פראלעטאריער פון אלע לענדער! צו **אזא** זאך ווי פאליטיק טאר מען אן פינקטלעכקייט ניט צוגיין. אף באגרייפן **דארף מען צייט, איבערגעגעבענע** מענטשן, רו **און** פרידן! **און אזוי, האלז און נאקן ברעכנדיק, אין א נייעם שפאן** ארייננקריכן...

עמעסער **וויטאק האט** פון שטילקייט דעם פייפנדיקן אויסגעשריי רעדקינס ארויסגעשפארט:

— ער דולט! כאווירים, די **אויגן פארשיט ער אייך, אט דער** **מאלאקאנישער באקי!**

גלייך קאטשעראוון אפגעהאקט די פליגל—ער האט זיך אף א מיטן ווארט פארהאקט פון אומגעריכטקייט.

סאפראן האט שטארק, **בייז און** הערשעריש **אויסגעשריען:**

— ט'קלעקן! א נעפל **אנגעלאזט!** מיר קענען ניט **אזוי!** כאווירים, ער האלט זיך פאר דער ערד! ט'זיך אין איר **איינגעקלאמערט,** פארדרייט אונז! ט'קלעקן!

און **ווידער א** פילשטימיקער געשריי:

— גערעכט! ריכטיק! ער פארדרייט! פארמאך אים דאס מויל!

— לאבוסעם! פון א גוט ווארט **אפגעוואוינט זיך!**

— **זאל** ריידן יעפים **קאטשעראוו!**

— ריכטיק ט'ער גענעבן **צו פארשטיין!**

— **ווארף אים** ארייז א פליק אין קארק **אריין,** וועט ער **פארגעסן ווי געבן צו פארשטיין!**

— **סאפראן, דיין ווארט!** דו רעדסט **אף אונזעריקן** לאשן! נאר אפן טיש האט זיך שוין רעדקין באוויזן. א דארער, א צע=

פארענער, מיט אנטצינדענעם בליק אין די שווארצע בייזע אויגן, מיט העלע פלעקן אף די איינגעפאלענע באקן. האט ער זיך געקלאפט מיטן פויסט אין איינגעפאלענער ברוסט און האט געכריפעט מיט א פייף:

— איך האב גיין מיילער! מיינע קינדער, —כאפש קלייניקע נאך, —וואלטן מיט די ציין די ערד אויסגעבאראנעט. וואו איז זי? וואו איז מיין ערד? נו, וואו? מיין ברודער ט'מען אף דער מיל־באמע דערהארגעט. און וואו איז בא זיין פאמיליע ערד? און דער־דאזיקער ברודער, אנדרעי, איר ווייסט דאך, צו די סעקטאנטן אוועק. קאטשאראוו ט'אים אנגעצערט? געגעבן אים ערד? אט מאקע באלד! ר'האט בא אים די פלייצעס אין ארבעט געבויגן. א זון האט מען בא קאטשעראוו צוגענומען! מיר ווייסן עס! זיצט ער אין שניידעריי, אין רו! אים, קאטשעראוו יעפימען, וויפל גוטס ט'ער געבראכט צו פירן, ווען ער איז אף אורלויב געקומען. און ער שיט אונז זאמד אין די אויגן! ווען איך האב נאר די כאווע!...

אויסגעשריען, זיך פארהוסט, א גרויסן שטיק בלוט אין הויפן אריין אויסגעשפיגן, א מאך געטאן מיט דער האנט און קוים פון טיש אראפגעקראכן.

סאפראן איז גלייך אף זיין ארט אויסגעוואקסן. דער פאנים איז אים אינגאנצן ווייס געווארן, די אויגן, —ווי זיי וואלטן מיט סאזשע זיך באשאטן, און צום ערשטן מאל איז זיין בליק שטרענג געווארן.

— כאווײרים! ניטא וואס לאנג צו ברייען! מיר זייגען ניט קיין זאגער, מיר קענען עס ניט. היידא, אט וואס מיר ווען אפ־טאן: פארשרייבן זיך אלע צוזאמען אין דער באלשעוויסטישער פארטיי, מער האבן מיר גארניט וואס צו טאן! היי, מיטראכא, שרייבער, היידא, פארשרייב!

האט מען זיך א רודער געטאן, זיך אויפגעטרייסלט, געשריען יעדערער באזונדער:

— אט דאס איז א קאמאנדיאר!

— לייג נאך צו א כסימע! דער אנטיכריסט איז שטענדיק מיט א כסימע!

— קאאין איז אויך מיט א סימען!

— פארשרייבן זיך! ריכטיק!

— פארשרייבן זיך! פארשרייבן זיך!

סאפראן האט זיך געפלייסט אלעמען אריבערשרייען:

— אלע איינינעם, מיט גאנץ קאהאל וועלן מיר אונזער שטעטל באשטיין! זיי ווילן אונז די קעפ פארדרייען! היי, דאלעם הינטער־גראבנדיקער, ריר זיך! אוועלכע וועלן זיך ניט פארשרייבן, וועט פאר זיי קיין ערד ניט זיין!

— ריכטיק! זיי ווילן ניט מיט פאלק, איז ווי שלעכטע גראז פון פעלד ארויס!

— היידא, ווארף זיך ארויס, די וואס ניט פון אונזעריקע!

— מיטראכא, פארשרייב!

זיבציערנדיקער געלענהדיקער, ווייכלדיקער מיטראכע, פאר־שטעלנדיק דאס מויל מיט דער האנט, האט זיך צום טיש גע־שטופט. גלייך האט זיך געבן אים א ביין גראער פאפיר באַ־הויז.

נאר דער ביבליאטעקער האט אויסגעשריען:

— כאווירים, בירגער! כ'בעט אווארט.

די גאנצע צייט פון דער שטורעמדיקער פארזאמלונג איז ער אפגעשטאנען מיטן הייפל מענטשן, וואס באם פענסטער. דארט זיינען געווען די לערעריגס, דער גאלעד און ער. זיי אלע האבן שוין לאנג זיך געטווידעט, נאר אין דער מאכלויקע זיך ניט אריינגעמישט. דער גערויש האט אין דער טיף פון קלאס ניט איינגעשטעלט זיך, נאר באם טיש איז מען אנטשוויגן געווארן.

— אזוי, בירגער, קאן מען ניט! אין א פאליטישער פארטיי ברעט מען אזוי ניט אריין!

סאפראן האט זיך איינגעקלאמערט אים אין דער שמאלער פלייצע אריין.

— דו וועסט זיך מיט, אונז ניט פארשרייבן? זאג, דו ביסט ניט מאסקים?

דער ביבליאטעקער האט דעם קאפ אין די פלייצעס אריינגעצויגן, נאך קלענער געווארן, נאר געענטפערט פעסט:

— ניין! איר פארשטייט אליין ניט, וואוהין איר קריכט!

— אך, אזוי, גוט. מיר פארשטייען ניט? און אט אזעלכיקע פארשטענדיקע באדארפן מיר ניט! ווארף זיך ארויס צו דיינע גווירים!

מיט אן אומגעריכטן מאך מיט דער האנט האט אים סאפראן אנגעכאפט פון הינטן פארן קאלנער און מיט א הינטערקלעצל א שטויס געטאן אין אוילאם אריין. דער ביבליאטעקער איז ניט געפאלן נאר דערפאר, ווייל ער האט זיך אנגעשטויסן מיטן קאפ צו א וואוקסיקן אלטינקן אין ברוסט אריין. אומדרייענדיק צו סאפראנען דעם בלייכן צעקרימטן פון באליידיקונג פאנים זיינעם, האט ער קינדעריש ארויסגעקוויטשעט:

— גוואלדאווניקעס! טעמפ געזינדל!

די הינטערגראבנדיקע האבן זיך אף אים א ווארף געטאן, נאר די ניעבעסנאוועקער האבן ווי א פעסטע וואנט אים פארשטעלט. און סאפראן האט מיט א נייעם אויסגעשריי אפגעשטעלט:

— דערנאך עמיר זיך צערעכענען! גייט פארשרייבט זיך! ווער ס׳וועט זיך ניט פארשרייבן, על מיר זיך צערעכענען! מירן שוין וויסן ווער ס׳אי ניט פון אונזריקע!

די ניעבעסנאוועקער האבן זיך צעליארעמט.

נאר מיטראכא האט שוין געשריבן:

— קרוטשעניך פאוועל מיט דער פאמיליע...

באם טיש האבן זיך געשפארט די, וואס האבן געוואלט זיך פארשרייבן. קאטשעראוו האט מיט דער האנט א מאך געטאן און איז אוועק צו דער טיר. די ניעבעסנאוועקער זיינען קימאט אלע נאך אים אוועק. פינף נאר זיינען געבליבן.

באם טיש איז געווען א געפילדער:

— סאפראן, הא סאפראן, דאס ווייב באזונדער פארשרייבן, אדער אף זיך?

— די ווייבער, צום כעשבן, באזונדער. איצט איז רעכט פאר זיי ארויס! קינדער דארף מען ניט פארשרייבן.

— אוי! און אז מ׳וועט אף זיי קיין ערד ניט געבן?

די סאלדאטקע אוליאנע האט זיך צו סאפראנען א ווארף געטאן:

— וואס פאר א רעכט זיינען פאר ווייבער ארויס?

דער אוילאם האט זיך צעלאכט. מיטראכא האט פון הינטערן טיש הילכיק אויסגעשריען:

— אף די מאנספערשוינען פון אויבן ליגן! היידא פארשרייב זיך!

דער צעשויבערטער ווי אן אנגעפּודזשעטער שפּערעלע, קור־צינקער אַרטאַמאַן פּעגיך האָט די סאַלדאַטקע אָפּגעשטויסן:

— מ׳האָט דיך פאַרשריבן און קלאַפּ ניט! ס׳טאָר געהערט צום כעשבן!

דער אויפגעלעבטער סאַפּראָן איז ווי אויסגעוואַקסן, ווידער האָבן די אויגן בא אים מיט פרייד געשיינט און, זיך אויסדרייענדיק אין אַלע זייטן, דערקלערונגען געגעבן:

— אַן אישע, איז, אין דערעמעסן, אַ בעהיימע! און אַגעוואָרכע—אַ מענטש! ערשט גייט עס אַזוי, איר שטים דאַרף מען צונעמען.

אין צוויי שאַ אַרום האָט סאַפּראָן איבערגעגעבן אין איינפאַר־הויז דעם רעדנער פון שטאָט אַ צעטל:

— אַטאַ דאָ האָבן הונדערט אַכט און פופציק מענטשן זיך פאַרשריבן פאַר באַלשעוויקעס. גיט איבער דאָס צעטל, און אונז זאָל מען אַ דאָקומענט אַרויסשיקן, אַז מיר זייגען שוין איצט די באַל־שעוויסטישע פּאַרטיי.

בא יענעם האָט פון פרייד אַפילע די בעלם אָפּן אויג אַ שיין געטאָן:

— ווי קומט עפּעס אַזוינס? אָט דאָס איז אַן ערפאָלג! וואונדערבאַר! וואָס הייסט צו דער צייט קומען. אַדאַנק, כאַווער! מיט פרייד וועל איך איבערגעבן. אין קורצן וועל איך ווידער קומען. איר, כאַווער, זייט אַ פראַנטאַוויק?

סאַפּראָן האָט גערן און מיט פרייד דערציילט וועגן זיין סאַל־דאַט זיין, פאַרוואונדעט ווערן, וועגן אורלויב און וועגן דעם, ווי ער האָט אין דער אַרמיי וועגן די באַלשעוויקעס זיך דערוואוסט. אים האָט זיך געוואַלט ריידן וועגן זיך לאַנג און אויספירלעך, נאָר דער אַנגעפאַרענער רעדנער האָט זיך פאַראייסעקט, אין שטאָט אַריין זיך אַנגעהויבן קלייבן, און סאַפּראָן איז אַרויס.

דער סקריפּנדיקער שניי אונטערן פוס, דער ווייטער, שווייגנדי־קער, הימל, ווי אַ פאַרגליווערטער אין אויסרייד דער אומרואיקער ערד, די אָפּקלאַנגען פון געשפּרעכן אין ניט אַנטשלאָפענער גאַך גאַס, פיצלעך לידלעך,—דאָס אַלץ האָט סאַפּראָנען גערעגט, געוועקט אַ נייעם געפיל פון ניצאַכן און אומרו. פּונקט ווי ער וואָלט אַ מאַכנע אָף דער מילכאָמע אַרויסגעפירט.

לויט זיין פאראָרדענונג איז אין דעם מאָמענט אַרטאַמאָן פעניך צו דער ביבליאָטעק צוגעפאָרן, דעם ביבליאָטעקער אויפגעוועקט און דערקלערט:

— פאַק זיך! אין שטאָט אַריין וועל איך דיר באַלד אָפּפירן.

— וואָס הייסט אין שטאָט? נאָך וואָס?

— די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן. אַזעלכן דאַרפן מיר ניט. היידאַ, פאַק זיך.

— אָבער איך וויל ניט פאָרן! דאָס איז אַ גוואַלדטאָט!

— וועסט ניט פאָרן, וועל איך סאַפראָנען אויפוועקן. ער האָט באַפוילן.

שפּייענדיק און זידלענדיק האָט דער ביבליאָטעקאַר אָנגעהויבן די זאַכן זייַנע צונויפבינדן. די אוולע האָט אַף רויט דאָס פּאַנים געברענט. סאַפראָן, אַ שיקורניק, פון אַלעמען אַ פאַראַכטער אין אַ מאַליקע טעג! ער איינער האָט זיך מיט אים אַרומגעשלעפּט. האָט אים אויסגעטיילט, געשעצט זיין ביישעק צום בוך. און איצט איז ער צוריקגעקומען פון פראָנט אַ גאַנצער קאָמאַנדיר! אַרויסגעשוואומען אַ נייער, אַ פינסטערער, אַ בייזער. מיט אַן אַנדער ברויז פאַרשיקערט און צעברויזט. אַ־זוי־וי! ס׳איז אַפּאַנים אַן עמעס פאַרפאַלן איז רוסלאַנד...

ווען ער איז צום לעצטן מאָל אַריין אין ביבליאָטעק אַ קוק טאָן, צי האָט ער ניט פאַרגעסן וואָס, האָט ער זיך דערמאָנט:

— און די שליסל וועמען?

— סאַפראָן האָט געהייסן, אים אַריינטראָגן.

— נו, גוט. אים, זאָל זיין אים! מיר פאָרן!

און סאַפראָן איז שוין געשטאַנען בײַ דער פור געבן דער ביבליאָטעק. ווען דער ביבליאָטעקאַר איז צוגעגאַנגען, האָט ער צו אים אויסגעצויגן אַ פאַרמאַכטן הויפן:

— גאָ־דיר.

— וואָס איז דאָס? אַ?

— אַ דרייערל. דיר פון מיר. אַזוי ווי איך בין גאַנץ צופרידן. קיינמאָל ניט באַליידיקט נעם עס, דאַרט, אין שטאָט וועט עס דיר צונוץ קומען!

פון אונטער די אָנגעפּודזשעטע ברעמען דעם שעמעוודיק אויפגעבליצטן ליכט און דעם ווייבן שרעקיקן שמייכל צוזאַמען מיטן

דרייערל בא סאפראנעו, מיט א קלאפנדיק האַרץ צוגעגומען. ניט
לעקאנט זיך אפזאגן.

II

— אף דריי וואלפיש שטייט די ערד, האבן אלטע לייט גע=
זאגט. איין וואל=פיש, ווייזט אויס, האט מען ארויסגעשלעפט פון
אונטער איר. איז זי א וואקלדיקע געווארן. פון יולי טויזנט ניינ=
הונדערט פערצנטן יאר. ניט געווארן קיין פעסטקייט און אומצע=
שטערבארקייט אין קיין זאך. בא דער ערד האט מען זיך געלערנט
לעבן. זי האט א גוזעץ נעשטעלט דעם מענטשן: אלץ, וואס לעבט,
דארף ברענגען פרוכט. און בא די מיידלעך האט די פארב אין די
באקן מיט געלבס אנגעהויבן זיך בארעקן. זיי האבן אנגעהויבן
פארהארמעוועט ווערן, פארלירן די יונגטלעכע בויגעוודיקייט, א מאן
אויסווארטנדיק. סאלדאטישע ווייבער זייגען אן קינד אין בויך ארומ=
געגאנגען, אנגעהוליעטע שוואנגערשאפט פלעגן גלייכגילטיק=אכזא=
רישע באבעס=הייבאמס בא זיי פון די בייכער אויסראטן. דעריבער
פלעגן זיי אפטער זיך מאטערן פון זייערע באהאלטענע ווייבערשע
קרענק. דעריבער פלעגן זיי אין דער ארבעט אפשטיין. צעקראכן
געווארן. דעריבער פלעגן פון טראכט, וואס בענקט פון אומפרוכ=
פערקייט, געבוירן ווערן מאיווע און זינדיגעלוסטן. דארפישע ווי=
בער און מיידלעך זייגען, ווי שטאטיקע, פון ערדס גוזעץ אפגעריסן
געווארן. אווירע צוליב אווירע, ניט צוליב קינדער האבן, האט
אנגעהויבן ציען. מערער קליידער געקויפט. צו שמעקעדיקער זייף
געוואוינט געווארן, פון שטאט פודער געפירט, ביליקן פארפום און
העסלעכע בלעכלעך—בראשקעס. ס'איז אוועק א מאדע, אנשטאט
פעלצן ברייטע—קורציגקע „מארענעטקעס", פון הינטער דעם פו=
ביקן טיכל א קרייזעלע אויפגעשלאגענע האר ארויסגעשטעלט.

געלט א סאך האט זיך אין דארף באוויזן. די זין פארקויפט.
אפטרעט=געלט באקומען. שטיצע פאר סאלדאטישע פאמיליעס איז
אוועק אף סבאר דעם יעיצער הארע. באווייבטע פויערים האבן
געקראגן ביישעק צו זנות מיט פרעמדע ווייבער, מיט בסולעס.
דעריבער האט דאס אייגענע בלוט און פלייש געקווארט. שוואכער

האט זיך באפרוכפערט אויף די ערד. ס'האט קיין הענט ניט געקלעקט. אפן אויסגעגלעטן פאר די מילכאמע־יארן וועג האבן זיך פון שטאט אין דארף אריין געקייקלט אירע מומים, מיעסע קרענק און אומרואיקע, שויבערנדיקע געדאנקען. און פון יאר טויזנט ניין הונדערט זיבצן האט שטאט דאס דארף אין א געווירבל פארדרייט. נייעס, נייעס. ווערטער אומבאקאנטע האבן געגאגלט, געקבערט דעם מאטן געדאנק, וואס האט לאנג געלעבט מיט זיין איינגענער אלטעגלעכקייט. ארדענונגען, וואס האבן מיט זייער נייקייט געשראקן, זיינען אן אויפהער אין באפעלן געפלויגן. אלדאס אלטע האט מען אף בראכווארג פארמישפעט. און ווען דעם אלין האט מען געדארפט טראכטן. א קלאפ נאך א קלאפ און אלין אין טויאך, אין מויאך: ריר זיך מיטן מארך, דארף! איז עס בארוישט געווארן, דאס דארף. א מעטורעפס כאדראם אוועק. פאר פירער בלינדערהייט זיך אנגעכאפט. ניט געווארן איז בא אים די פעסטע אנגעהעריקייט צו זיין דוירעסדיקן, דארפישן. געווען א לעבן א פאריאכטס, א שווערס, נאר א געשטעלטס, א געמאסטנס, פון אסאך דוירעס פריערדיקע איינגעפונדעוועטס. ווען דער שטילער גאנג פון טעג פלעגט אויפרייסן אין שלעגערייען, שלאכטן אף די גאסן, אין שיקערן, טשאד, סרייפעס, מיסעס, פלעגן אטאדי אומרוען אליין זיין אלטע, פארשטענדלעכע. שיקרעס און געשלעג אין יאנטויווים בא זייער גאנצן ברויז און ווילדקייט זיינען געווען געוויינטלעך און ניט שרעקלעך. שפילט דאך דער טייך אין איר פולוואסער־צייט, דראט און ברעכט, און דערנאך לייגט ער זיך איין ווי א רואיקער פרידלעכער אנטרינקער. איצטער איז עס ניט דאס. די סאמע שרעקלעכסטע סטיכיע—מענטשלעך בלוט—האט מען אויפגעוועקט, מיט וואס און ווען וועסטו זי איינשטילן?

דאס אלין האט איבערגעטראכט ניט איין מאל און ניט צוויי מאל, אסאך מאל דער קלוגער, ברייט־שטערנדיקער קאטשעראוו. און נאר אין די דאזיקע מאכשאוועס איז ער דערגאנגען אז אויך דעם פארגופטיקן אין לעבן טרעפט זיך אמאל א שטערונג. פארזוכנדיק אנמאכט, האט ער אליין שוין אויך פארזוכט אומבאקעמפבארע רישעס, וואס פייניקט מעשוגענערווייס דעם מענטשן. ער האט אנקוקן ניט געקאנט סאפראנען: אף דער צווייטער זייט גאס איבערגעגאנגען, ווען ער האט אים באגעגנט. איינמאל האט סאפראן בא-

מערקט, אז קאטשעראוו מיידט אים אויס. האט ער אויסגעשפּירעט די ווייסע, געזונטע ציין און אויסגעשריען איבער דער גאַנצער גאַס:

— היי, מאַלאַקאַנישער גאַלער! וואָס שפאַרסטו די גלאָצערס אין דער ערד אַריין? מיטן הימל, וואָס, צעשיידט זיך? ריכטיק! אונטער די פיס איז טינעף, אָבער עס טרעפט אַמאָל אויך גאָלד.

ניט גוט, פאַרפינסטערט האט קאטשעראוו אַף סאַפּראָנען אַ קוק געגעבן. געענטפערט אין קוילעס, מיט ווירדע. נאָר די שטימע איז ניט געווען ווי שטענדיק אַ גלאַטע. האט זיך אָפּגעהאַקט.

— וואַרפט אַוועק אייערע אומאַנשטענדיקייטן, בירגער סאַפּראָן אַרטאַמאַנאָוויטש! איר זייט ערשט אויבנאָן, ס'פּאַסט ניט ווי פריער שקאַצעווען... ווי ס'פלעגט טרעפן פריער שיקערערהייט.

דעם גאַנצן גיפט, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין דער אַנצעהערעניש אַף סאַפּראָנס פאַרגאַנגענהייט, האט ער אַרויסגעזייט און מיט אַן אויפגעמונטערטן קאָפּ איז ער אַוועק אַ געפּאַקטער, אַ סאָלידער און מיט זיין לייטזעליקן אויסזען יעדערן אַן אָנגענעמער. דער אונטערשלאַק פון העמדל איז הייסער געוואָרן. דאָס האַרץ האט אין קאַאַם אַליין מיטאַמאָל אונטערגעוואָרימט. ס'זיינען אַוועק אין קאָפּ צאַרנדיקע געדאַנקען: אַנסייכלדיקע ווערטער, ווי אַ ביל אַן אומזיניקער, אַ הינטישער. רואיק פאַרביי—און מע הערט שוין ניט! וואָלט עס אָבער געווען נאָר ווערטער! איז דאָך ניין, די מאַכט איז דאָך געגעבן געוואָרן איצטער אַזוינע שרייערס. דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס איז נאָר פאַראַן, איז איצט אויבן אָן, קוראַזשעט זיך. שיקערוק סאַפּראָן. ערד האט בא אים ניט געקלעקט! דאָס פיצל, וואָס איז דאָ, האָבן אויך די עלטערע קינדער און דאָס ווייב מיט ביזאיען פאַרן גאַנצן דאָרף אַליין פאַרזייט. און ער אַ שיקערער פלעגט איבער די הויפן זיך קוראַזשען אָדער פלעגט הינטער אַ פּאַרקאַן שלאָפן. קיינמאָל קיין פּליים קיין פּויערשן ניט געהאַט. אַ פרעמדער געווען. סאַוואָסקע-שמיד, אַ געצייכנטער פערדגאַנעוו. דער קאָפּ איז אַן אַ זייט צוגעוואַקסן. דעם האַלז ט'מען אים צעשעדיקט. ווען דאָס גאַנצע דאָרף האט אים פאַר פרעמדע פערד געשלאָגן. ער וואָלט קיין לעבעדיקער ניט אַרויס, ווען ניט איך און אַנדערע ניעבעסנאַוואָקער. פון אַ זינד אָפּגעהיט, דערהאַרגענען ניט געלאָזט. און איצט האט ער די ניעבעסנאַוואָקער דערפאַר

באצאלט! אין געבעט-הויז אין עוואנגעלישן געקומען, אלעמען אויסגעמאמעט, דאס שענדלעכסטע באוויזן און וועגן גאט—אין געדאנק טאר מען אזוינס ניט איבערכאזערן—וואס ער האט געזאגט! רעדקין, בא וועמען אלץ איז אינגווייניק צעפוילט, דערפאר, ווייל ער האט דעם גאנצן קויאך זיינעם צעפאטערט איבער נייע ערטער, אלץ געזוכט, וואו בעסער איז. מיטראכע—א שרייבערל. שטענדיק מיט ניבלפע-רייד, גיוועניק! און אנדערע די: ערד-קנעכט. אויסגעוואלגערט אין פרעמדע הויפן. אלע אזעלכע פארגרעבטע, דארע-קווארע, פארנארישטע, סאמע שונד. ס'האבן זיך פארוואלגערט צווישן זיי דריי סאלדאטן ניעבעסנאווקער. הערט מען ניט. האפראנאווס אפגעשליסענע זיינען פאר מעמונעס איבערן געזונטן, באלעבאטישן, ריכטיקן אוועקגעשטעלט געווארן, און דארט, און די הויפט-שטעט, איז ווי עס איז פון די צייטונגען צו זען, צווישן די רעדל-פירער אפילע קיין העלפט רוסן ניטא. אידן האט מען אנגעלאדן, דערפאר, ווייל געפילדער, קלעפיקייט פארמאגן זיי מער. ע-עד, מאמע ראסייע! זינט עס האבן דיך פאראומריייניקט די טאטערן, איז קיין שטאנדהאפט אין רוסישן בלוט ניט געווארן. קריכסט נאך אלץ נאך פרעמדע, אף בונטן רייסטו זיך!

ער האט ניט באמערקט, ווי ער האט אזוי אהיים אין געדאנקען בארטיפט צוגעקומען. און אין דערהיים איז שוין ווידער א נייס. דאס שיינע, וואוקסיקע ווייב זיינע,—צו פערציק יאר מיט יונגער רויטפארב אין די באקן א כיינעווודיקע האט אים אין טרערן אפן הויף באגעגנט:

— א באפעל דיר פון וואלאסט, פון סאפראנען... דו, זשיגאנאוו, גלעבאוו, און נאך עפעס עמיצער, שוין ניט דערהערט ווער, זייט פאר „דיעסאטסקי" באשטעלט. היידא איבער די הויפן, אוילאס אף א פארזאמלונג צונויפרופן.

ער האט גלייך פארשטאנען: כויזעק. שטענדיק זייגען פאר דארפס-שאמאשים הוילע שלעפער געגאנגען. אויך שול-איינגלעבער בלעגט מען באשטעלן. און ערשט וואשט זיך אין זייער בלוט סאמדאן: די סאמע בעקאוועדיקע, רייכע פון ניעבעסנאווקע אויסגעקליבן.

— ווער האט דעם באפעל איבערגעגעבן?

— ארטאמאן פעגיך. אין שטוב איז ער. גיי און פרעג אלייך בא אים.

פון־דעם, וואס אף א שטול, און ניט אין קיך, נאר אין צימער, איז געזעסן און האט געפיפקעט מיט שטינקנדיקער מאבארקע דער צעשויבערטער, ווי א יאר ניט געקעמטער, ארטאמאן פעגיך, איז די שטוב מיעסער געווארן. די גאלדענע אויסיעס פון עוואנגעלישע פסוקים און געבאטן פון לערע, וואס זיינען אף די ווענט אין ראמען הינטער גלאז אנשטאט איקאנעס געהאנגען, זיינען ווי פארטונקלט געווארן. אפן געפארבטן גלאנציקן דיל פלעצלעך צעגאנגענער שניי און בלאטע פון די גרויסע פארלאטעטע וואליקעס. די שטאטישע פארהאנקלעך און געשטריקטע טישטעכער אף די טישן זיינען אין רויך דערשטונקען געווארן. שטרענג האט קאטשעראוו אנגערוקט די ברעמען, אראפנעמענדיק דאס היטל:

— ברודער ארטאמאן, טאבאק־געווירץ האלט איך פארן מענטשן שעדלעך און פאר גאט ניט ניכע. דער פריסטאוו, ווען ער פלעגט פארפארן, פלעגט דא ניט רויכערן. איך בין אייך מאסרע קלאר: ווארפט אוועק דאס טאבאק רויכערן!

ארטאמאן האט א שמארע געטאן מיט דער נאז, אנגעשפיגן אפן פאפיראס און אפן דיל אוועקגעווארפן.

— מיילע, אויב אייער מאלאקאנישער גלויבן איז אזא! ב'ווארף אוועק. און אט זאגט מיר, ווי מיינט איר: איקאנעס דארף מען ניט. און אטא די, אין די רעמלעך, דאס איז צוליב וואס? און ווידער טאקע: טאבאק רויכערן טאר מען ניט, און מיטן ווייב שלאפסטו? אין איר איז מער זינד. די סטאראווערן, אטאדי, וועלכע....

— איצט קיין צייט ניט, ברודער ארטאמאן, וועגן עמונע רייד פארפירן! די אייגענע עמונע ט'איר פארגעסן. וואס איז אייער אייסעק א פרעמדע עמונע? וועגן אן איניען עפעס געקומען צו מיר, אדער ווי?

— ע־ע־ך, דו א מין באל־גאיווע! ניט פאר אייער סייכל אזא זאך הייסט עס!

און מיטאמאל אויפגעברויזט און מיט א הויכער קלינגענדיקער שטים אפן גאנצן צימער:

— דו לייגסט, יא פאר אונזער סייכל! הינטערן אכער בא

איך געזעסן, די ליכטיקע שיין ניט געזעען. איצט ביזטו מעבן־יעוו אליין צו דערציילן! מעבוייעוו! און איך פארלאנג צו וואס ... וועמען. דערצייל וועגן דיין גלויבן!

— שרייַ ניט, ברודער ארטאמאן. דעם ריבוינוי שעל אויילאם איז רישעס ניט ניבע און קיין אווייַרע וועל איך צוליב דיר ניט טאן. נאך וואס ביסטו געשיקט אהער?

אליין איז ער גרין געווארן אינגאנצן. די־פינגער אין א פווי פארקוועטשט, אבער האלט זיך, ווארפט זיך ניט אין געשלעג. נאר אין די אויגן האט זיך שוין די זיסקייט אויסגעלאזט. מיט בלוט זיך אנגעגאסן.

ארטאמאן האט אויסגעשפיגן.

— איך דארף דיך נויטיק מיט דיינע געשפרעכן! איך האב עס גלאט אזוי,—אנלערנען. נאך דיין טרעלבוד בין איך אהער געשיקט געווארן, אט נאך וואס. גיי נאר גיב אים א טרייסל! מיטן שטעקעלע הינטער די פענסטער גיי זיך דורך: אפן מיטינג, זאג, כאוויירים. אט נאך וואס!

— סאפראנס האמצאע?

דעם אטעם האט ער מיט א כריפ געכאפט. ארטאמאן האט פארוואונדערט־אנציקט מיטן קאפ א טרייסל געטאן:

— אט וואס! אזש מיטן אטעם זיך דערשטיקט. נו, נו... אט וואס פאר א כעוורע! ס'איז א כארפע קאהאל מודיע זיין. הינטער די פענסטער גיין. און מיר גייען, און גארנישט. אסאך גאיווע, אסאך בא א רייכן! וועסטו גיין, צי וואס? זשיגאנאוו איז ניט געגאנגען. אין אויספירקאם ט'מען אים אוועקגעשלעפט. אין קארצער זיצט ער פאר ניט פאלגן. ווי אזוי זאל מען דיך פארשטיין? אויך אין קארצער?

אליץ האט קאטשעראוו פארגעסן. ער האט א קנאק געטאן מיטן שטול אן דיל אזוי, אז ער איז זיך צעפלויגן אף פיצלעך:

— ווארף זיך ארויס, אומפלייט!

פון אומגעריכטקייט האט ארטאמאן, אייננגעהויקערט, קעהערעף אאין זיך דורך דער טיר ארויסגעקייקלט. נאר מעלדן וועגן דער אסיפע איז קאטשעראוו פונדעסטוועגן אוועק. מיט זיין סאלידן געווייַנטלעכן טראט איבער גאס געגאנגען, נאר אפן פאנים האט ער

האבגאַע און פיין אויסגעמאַלט. פאַמעלעך, זאַנפט מיטן שטעקעלע אין [illegible] פענסטער געקלאַפּט :

— בירגער ! בירגער ! אַף דער אסיפע זייט אזוי גוט.

נאָך אים—איבער דער גאַנצער גאַס—אַ שעפּטשעריי אַ פאַר־לעגענע און אויפגעבראַכטע :

— קאַטשעראַוו גייט הינטער די פענסטער !

— נו, סאַפּראָן ! וועמען ער האָט צעטרייסלט !

— אַט, באַליגאַנעס ! כוואַצעט !

— קריסטוס ט'געליטן און אונז געבאָטן.

ס'זיינען פאַרמיעסט געוואָרן די אסיפעס, נאָר מען איז געגאַנ־גען: מע האָט מוירע געהאַט אין דערהיים בלייבן. מע האָט געוואָרט אַ באַשלוס וועגן ערד, וועגן ווירטשאַפט. נאָר געקומען איז מען שוין פאַרטיקע צו רייסעניש. יעדערער האָט מיט זיינס נאָך אין דער היים זיך אויפגערעגט. און פאַרן אָנהויב פון דער אסיפע איז געשטאַנען דער געטומל פון שטרייט, מאַכלויקעס. ניט זעלטן פלעגן זיין געשלעגן. היינט האָט אויפגערעגט די ידיעה וועגן זשי־גאַנאָווס אַרעסט. מע האָט זיך געשטויסן אין הויז בא דער שטוב אַרום אַ שטייגל מיט אַ פענסטעדל אונטערן שלאָס. הינטערן שלאָס איז געזעסן זשיגאַנאָוו. בא דער טיר איז אַ יונגער באַכער מיט אַ ביקס געשטאַנען. די ניעבעסגאַווקער האָבן זיך געסטאַרעט מיט אַ וואָרט איבערוואַרפן. אין פענסטער־לעכל אַריינגעשריען :

— אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, פאַרטראַג !

— מאַלבושים האָט דאָס ווייב געשיקט ?

דער קאַראַאולנער באַכער, האָט אָפּגעטריבן :

— גיי ניט צו צום אַרעסטירטן ! מ'טאָר ניט ! ווייטער, ווייטער !

רעדקין איז פאַרביי דורכגעגאַנגען, דעם פּאָנים מיט אַ ניט־געוואָוינטן שמייכל פאַרקרימט :

— אַנדערע האָסטו אַ לאַנגע צייט געזעצט. זיץ, סטאַרשינאַ, אַליין אונטער !

די אסיפע האָט זיך אָנגעהויבן לויט אַ נייעם אָרדענונג, וואָס סאַפּראָן מיט די סאָלדאַטן האָבן איינגעפירט. פּונקט, ווי אַז אַוואַדע, האָבן זיי די אסיפעס אָנגעהויבן. מיט געזאַנג... מ'ע האָט געזונגען „שטייט אויף איר אַלע". די היטלען פלעגן אַלע

אראפּגעמען. נאָר געזונגען האָט נאָר סאַפּראָן, די סאָלדאַטן און קינדער וואָס אומעטום זיינען זיי דאָ. ניט געקוקט אַף די שווערוואַגיקע הייטערקלעצלעך און צאַקעניש, פּלעגן זיי אַף אַלע אַסיפּעס זיך רייבן. און דער גרעסטער שרעק פאַר די אַלטע איז געווען זייער אומריכטיקער, געבראָכענער, נאָר שטענדיק פריידפולער געזאַנג... די פויערים וואָס אַביסל עלטער אַפילע פון ווילדסטע, וואָס הינטערן גראָבן, פּלעגן זיך שעמען מיט דעם געזאַנג. די קעפ אין די פּעלצן באַהאַלטן. ניט פּיין. אָפן דאָרף פּלעגן לייצים זיך רייצן:

— אָט ווי דו זעסט—אַ שעדישע אוואַווידע! דעם ניט גוטן זינגט מען טפילע!

די ניעבעסגאַווקער האָבן אַלע וועלטלעכע לידער פאַר טייוולשע שפּיל געהאַלטן. זיי האָבן געזונגען נאָר זייער טילים מיטן טראָפּ. דעריבער איז זייער כמורער שווייגן געווען געוויינטלעך.

היינט איז סאַפּראָן אַ יאַנטעוודיקער, אַ פריידפולער. פון אינווייניק שלאָגט אין די אויגן אַריין ליכט און ליבלעכקייט. דעריבער איז ער שאַרפזיכטיק און וואַכזאַם. ווי נאָר מען האָט אָפּגעזונגען, האָט ער אַן זידלעריי, מיט גוטן געזאָגט:

— וואָס ט'איר זיך פאַרקראַמפּט, אַלטע? אייער שטים צו ליד ניט געגעבן?

אַרטאַמאַן פּעגיך האָט פאַרלעגן זיך אָפּגערופן:

— זאָל שוין זיין! מיר האָבן שוין אונזערס אָפּגעזונגען. זיר'ן הערן די יונגע!

סאַפּראָן האָט זיך איינגאַנצן אין זיין זייט אַ בויג געטאָן, אַ צאַפּלדיקער און פריידפולער:

— כאָווער, אַרטאַמאַן פּעטראָוויטש, אַזוי ווי מיר, פּאַרטייליט זיינען, דאַרפן מיר פאַרשטיין. די ליד איז פון פּראָלעטאַריער צונויפגעשטעלט. אינטערנאַציאָנאַל הייסט: יעדערער, וואָס פאַרמאָגט גאַרנישט, אַ זשיד אָדער אַ קריסט—אַלע איינעם. פאַרשטייסט? און ווי פריער פּלעגט מען אונז פאַרשאָלטענע רופן, גיבן מיר זיי אַן ענטפער: מירן אייך, הייסט עס, נאָך באַווייזן וואָס פאַרא פאַרשאָלטענע מיר זיינען! פאַרשטייסט?

גלייך אין מויל אַריין אַרטאַמאַנען איז ער געקראָכן, זיך געפלייסט. און יענער האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט און מיט אַ נאָר געפאַלענעם קאָל געזאָגט:

— ס'א טאפעק. א שווארץ ווארט, נאר א גענוי זאל זיין! שוין אלץ איינס...

דער פראגמאוויק סעמיאן גאלאווין האט זיך אריינגעמישט:

— און וואס שאיעך דאס ווארט אינטערנאציאנאל... א באל־שעוויסטיש ווארט. דאס באלשעוויסטישע לאשן איז א שווערע, נאר אז מען זאל אין טאך פון דער זאך א קוק טאן, אן אויס־פירלעכעס. שמייסיקס!

ארטאמאן פעגיך האט זאכלעך, און א שמייכעלע מאסקים געווען:

— א מער שמייסיקס ניטא...

די ניעבעסנאוויקער האבן זיך צעלאכט. נאר קאטשעראוו זיך פייניקנדיק פון אומגעדולד, האט ניט אויסגעהאלטן, און האט אויסגעשריען פון אווילאם:

— ס'וואלט שוין זיין גענוג, ברידער, דידאזיקע טוירע! אין איניען דארף מען זיך פאנאנדערקלייבן. צו וואס האט מען אווילאם גערופן?

אווילאם האט זיך א רוהער געטאן, גערוישט.

— דעם איניען... דעם איניען מאך קלאר.

א שטענדיק געפייניקטער פון וויטאק און בייזקייט האט רעדקין אונטערגעריסן אויסגעשריען:

— און דאס איז ניט קיין איניען? שטאטישע ווערטער דארף מען וויסן! מ'זאל ניט גענארן.

און זיין געשריי איז געווען נאענט און פארשטענדלעך אסאך פון סאפראנס פארטיי. מע האט אפילו זיך אנגעטאן דעם אל פון דאס נייע. מע האט זיך אפגעשאקלט פון די לערער—אלטע לייט. מע האט זיך דער שטאט איבערגעגעבן, אבער דעם אייביק־אנעדיקן אומצוטרוי צו איר נאך ניט אויסגעלעבט.

פלוצים האט זיך דער אווילאם א טרייסל געטאן, פאנאנדער־גערוקט זיך פון פארוואונדערונג.

פופצן מענטשן פראנטאוויקעס און יונגע אנוואנצעדיקע באכערים מיט ביקסן הינטער די פלייצעס זיינעם צום טיש געגאנ־גען. ס'איז מיטאמאל שטיל געווארן. און בוילעט־פייערלעך האבן סאפראנס ווערטער אפגעקלינגען:

— רעוואלוציאנערע שמירע!

א מינוט גרויזאמען שווייגן פון אוילאם. האט פאר אלעמען אונטערגעשטראכן: ס'קומט א נייע שא. דער קאמף איז אט דא, בא זיך אין דארף. דעריבער האט סאפראנס שטייפע, רואיקע שטימע, ווי א שלאכט־רוף זיך אפגעקלאפט:

— די גאנצע ערד אין וואלאסט איז אלעמענס. קאהאל— איז באלעבאס! קיין באזונדערע באלעבאטים ניטא. מיר וועלן צע־שניידן אף טיילן. אלע מענטשן אין אונזער טאמבאווסקער־גיעבעס־נאווקער, לויטן אוצטערדיקן אינטערנאציאנאלן וואלאסט, וועלן מיר אויך אף קאמונעס צעטיילן. יעדער קאמונע אן אפשניט. מיט קאהאל זייען און שניידן. ווער עס וויל ניט אין קאמונע אריין, זאל ער ליגן אפן אויוון. ניט קיין ברויט, ניט קיין היי וועלן מיר ניט געבן!

א זיפץ אדער א קרעכץ אין אוילאם, און ווידער א ווײלע שווייגן, דערנאך—ציטערדיקער ארטאמאנס קאל:

— און מיט מאשינעס ווי?

אין די מילכאמע־יארן האט מען אין אלע דערפער אנגע־הויבן נאך דער מאשין בענקען. מע האט דערזעען ווי גרינג די רייכע האבן זיך מיט איר אלײן אפגעפארטיקט. מע האט זיך אנ־געהערט פון מילכאמע־געפאנגענע וועגן קיניגרייכן, וואו די מא־שינעס שפייזן און גיבן די פלייצעס א פיצל אפרו. נאר קויפן מאשינעס האבן געקאנט נאר די, וואס האבן פיל ערד, רייכע. האבן אלע מיטאמאל ארטאמאנס פראגע אנגעכאפט:

— מאשינעס... מאשינעס ווי? מאשינעס?

— פון שטאט וועט מען געבן?

סאפראן ווידער שטייף און ניצאכנדיק:

— א באפעל פאראן. אלע מאשינעס בא די באלעבאטים רעקוויזירט. וויפיל בא אונז גווירים פאראן? צווישן די קאמונעס וועלן מיר צעטיילן.

אין געטומל—פריידיקס, אומרואיקס, פראטעסטירנדיקס. אומ־באוועגלעכע, כמורנע פויערים מיט די ביקסן באם טיש. ווי א כוואליע האט זיך דער אוילאם צום טיש א לאז געטאן, נאר אין א רעגעלע ארום בא זיך געפאלן, פון טיש צוריק זיך אפגעקערט. ווי מע וואלט זיך באהאלטן וועלן. קאטשעראוו נאר, פארגעסנדיק יעדע פארזיכטיקייט, ניט מיט זיין קאל מיט א שארפן שרייענדיקן קאל גלייך פון ארט געזעדט:

— דאס איז פונקט ווי גזיילע! די ניעבעסנאווקער האבן צוזאמען ערד געקויפט. די לעצטע לאפטיע פאר איר אפגעגעבן! בא די פריצים אפנעמען, מאכטייסע! און מיר, וואס זיינען ווי ארבעטנדיקע? ארבעטנדיקע פארגוואלטיקט איר? דעם אייגענעם ברודער=פויער מאכט איר כארעוו? די ניעבעסנאווקער האבן פריער פאר אייך געלעבט אין א קאמונע! צוזאמען ערד געקויפט. די גאנצע ניעבעסנאווקער געמיינדע. רויבער זייט איר, ניט קיין איינארדנער! דעם אייגענעם ברודער=פויער!

האט א רעווע געטאן די פילשטימיקע מאיע

— ריכטיק רעדט ער!

— מירן ניט געבן!

— מיט שוויים, מיט בלוט פארהארעוועט!

די ווערטער פאנאנדערקלייבן האט מען שוין ניט געקאנט. אלץ האט זיך צונויפגעגאסן און איין מוירעדיקן: א=א=א=א! נאר סאפראנס פייערלעכן אויסגעשריי האבן אלע געהערט:

— מיט גוואלד וועלן מיר אפנעמען!

ווען ניט די „רעוואלוציאנערע שמירע", וואלט מען סאפראנען אף שטיקלעך צעריסן. די ניעבעסנאווקער האבן זיך א לאז געטאן צום טיש, נאר די באכערים האבן די ביקסן גרייט קעגן זיי ארויסגעשטעלט, פון הינטן — די הינטערגראבנדיקע און טאמבאווסקער פויערים מיט גרויזאמען געפילדער. קאטשעראוו האט מיט די ציין געקריצט, ער האט אבער פארשטאנען: יא, היינט גילט סאפראנס קויאך. הורבעוויס, ווי צונויפגערעדט זיך האבן די פילערדיקע צום ארויסגאנג זיך א שאט געטאן. די איבערגעבליבענע אין שול האט סאפראן היים דערקלערט:

— זיי ליגן די ניעבעסנאווקער, אז מען טוט זיי אומרעכט. „בא אונז איז אויך א קאמונע". זיי ליגן. וואס א שטוב — אלץ אן אנדערע סעקטע. דעם גאט זייערן האבן זיי אף פיצלעך צעריסן. מאבראליובאווצעס, סובאטניקעס, באפטיסטן, עוואנגעלישע קריסטן. רייסן זיך, ווי די הינט. איצטער פאר איינס, אז זיי האבן זיך פאר זייער ביסן דערשראקן. „די ערד האט די געמיינדע געקויפט"! אבער צעטיילט ווי האבן זיי? וויפיל ווער עס האט געלט געגעבן! די מינדערקרעפטיקע זיינען אזוי געבליבן מינדערקרעפטיקע! און ושיגאנאוו האט פיר הונדערט דעסיאטין, און קאטשעראוו האט דריי

WORKMEN'S LIBRARY MONTREAL.

הוגדערט מיט פופציק. „ארבעטנדיקע“. דעם טרעלבור זייערן האבן זיי ניט איבעריק איבערגעהויבן! אלץ דורך ארבעטער. קאטשעראוו גילט בא זיי פאר א גאלער, שניידערייעט און גיט ניט די ערד אפילע קיין שמעק ניט!... זשיגאנאוו איז אף אונז געזעסן! מירן איבערטרייסלען! אלעמען וועלן מיר איבערטרייסלען! אונזער טאג האבן מיר זיך דערוואַרט!

צווישן די איבערגעבליבענע איז געווען א העלפט ניעבעסנאוויקער. צום ערשטן מאל האט די מאכטפולע פאדערונג פון ערד און ברויט צוזאמענגענומען אין איינס די „פראוואסלאוונע“ און „מאלאקאנער“.

פאנאנדערגעגאנגען איז מען זיך ווידער נאך האלבע נאכט. סאפראן האט לענגער פאר אלעמען אין שול זיך ארומגעדרייט. די שמירע אפגעלאזט. א גרויסבערדיקער פראנטאוויק האט געווארנט:

— מע וועט צענערעגן אין גאס.

נאר סאפראן האט בארואיקט:

— היינט ט'מען ניט רירן! מ'ז אנגעשראקן!

און אליין האט ער פון אומגעדולד איבערן קלאס זיך ארומגעדרייט, געווארט, ווען וועלן שוין אלע אוועקגיין. ווי ער האט געהאפט, אזוי איז עס טאקע ארויסגעקומען. אלע זיינען אוועק, און אין פאדערצימער האט זיך א טיר געעפנט. ס'האט ארייגעקוקט א פיין חיים פענימל.

— זיך פאנאנדערגעגאנגען?

— אוועקגעגאנגען, אנטאנידא ניקאלאוונא! און איר פארוואס שלאפט ניט?

און אין סאפראנס ציטערנדיקע שטים — א גרויסע ערפורכטיקע פרייד. אומגעבעטן, אומגעריכט איז אין געשאמע א ריינינקע פריילין פון שטאט אריין. א לערערין. ווען ער איז אין אויספירקאם דער הויפטמאכער געווארן, האט זי וועגן איניאנים אנגעהויבן אריינקומען. א געשפרעך וועגן איניען און א שמייכעלע אזא א היימישעס, א ווארעמענדיקס. האט ער זיך א צי געטאן נאך איר. פלעגט פארלאשן ווערן אף א ווילע נאך ווען ס'פלעגט קומען דער נעדאגק: ווי אלע וויבער. ביישעק צו קאוועד. אמאל פלעגן לויפן די לערערינס צום סטארשינא און דעם סטאנאוואי גריסן. די—צום נייעם קנעפ

אונטער די פליגל. ער האט עס געוואוסט—און באהערשן זיך ניט גע=
קאנט. יעדער מענטש גארט נאך א פייערטאג. וויבער דארפישע, מיט
פעטע צעצויגענע שטימען, מיט רויטע פארגרעבטע הענט און גראבע,
שווערע רייד—דאס איז וואר. געוויינלעכע, שטענדיקע, דערעסענע
וואך. און דאס ווייב דאריא, וועלכע געבוירט, זויגט, טראגט אויס אף
איר ברייטער פלייצע די גאנצע ארבעט אין דער פויערישער ווירט=
שאפט, איז ניט נויטיק איצט, אין נייע פייערלעכע טעג. אמאל, ווען
סאפראן פלעגט לייענען ביכער, האט ער זייער ליב געהאט דעם שריי=
בער דיומא. אזוי ניט ענלעך אף סאפראנס לעבן איז אלץ געווען איז
זיינע ביכער. דעריבער וואונדערשיין און ניט דערגרייכבאר. און דער=
ציילונגען וועגן פויערים און ארבעטער האט ער געלייענט, נאר קעדיי
דעם ביבליאטעקער, סערגיי פעטראוויטש, א גאבעס=רואך אנטאן. ני=
טא צוליב וואס, האט זיך געדאכט, מיטן פינגער אין אייגענעם אייטער
זיך גריבלען. און האט אנערקענט דיראזיקע ביכער נוצלעך נאר פאר
רייכע. „זיי גלוסט זיך שווארץ=ברויט, וויסער ט'דערעסן, און אונז
באמש א פיצעלע ווייסן, אנשטאט לעקאך אף יאנטעוו!" אזא שטיקל
לעקאך יאנטעווודיקעס, קיינמאל ניט געפרואווט איז געווען אנטאני=
נא ניקאלאוונא. פריער פלעגט ער בראנפן טרינקען. ער זאל אין שיקע=
רע טרוימען דאס ווארע ניט זען. איצט האט אים מיט שטורעמדיקן
ברויז ביז שיקער ווערן די רעוואליוציע אנגעטרונקען. בראנפן דארף
מען שוין ניט. נאר טרוים האט אים פארשיקערטן באהערשט:
אלדאס יאנטעוודיקע, ניט אויסגעפרואווטע. וועט איצטער קומען. געווען
איז סאפראן פון פלייש און ביין פון דארף אבער ניט פון אלטן,
הארטביינענדיקן דארף, נאר פונם נייעם, אויפגעטרייסלטן, זוכנדיקן.
דעריבער האט איבער אים דער טרוים א גרויסע קראפט באקומען.
זשיגאנאוו, קאטשעראוו און ענלעכע צו זיי האבן געדארפט א גע=
זונטע, ברייטהינטנדיקע פרוי צוליב קינדער האבן, אמאל צוליב זנוס.
סאפראן האט פון בוך מיט ליבע זיך אנגעשטעקט. אנטאנינע ניקא=
לאוונא איז פאר אים אלס פארטויבנדיקער, צעשרויפנדיקער ניסאיען
געקומען. זיך באהערשן ניט געקאנט. צו איר זיך געצויגן.
— נו, איז לאמיר זיך דא צוזעצן זיך דורכשמועסן אביסל. די
וועכטער שלאפן שוין?
— מען זעט זיי עפעס ניט. שלאפן זיי מיסטאמע.
א לייכטע אפן טיש ארופגעשפרונגען און מיט די פיסלער די=

בינקע, נאר קרעפטיקע אין שווארצע ענגע זאקן פארצויגענע, א באמבל געטאן.

האט ער צארט ביז ווייטיק אין הארץ געטראכט.

— פייגעלע... שוועלבעלע...

אינדערהויך וואלט ער עס ניט געקאנט זאגן. געקנייטשט די פאפאכע אין האנט. געשטאנען אין מיטן קלאס א לעבערלעבער, א צע־שויבערטער, מיט א פארלעגענעם שמייכל, וואס האט אים דעם פאנים נארישלעך געמאכט. און דאס, וואס זי האט צו זיך אין צימער ניט געלאזט, זיך געהיט, און דאס, וואס זי איז נאענט ניט צוגעגאנגען, נאר מיט די אויגן פון דערווייטנס געגלעט, האט ניט דערצארנט, נאר גערירט.

— ווייס ציגעלע... טייבעלע...

און זי האט מיט א לייכט האוואיעלע דעם גענעץ באהאלטן און א פרעג געטאן:

— נו, ווי האט מען אויפגענומען די נייס? מע האט זייער געשריען. און איך האב פאר אייך מוירע געהאט.

און אלץ פארשטייט זי דיר — האגאט פון ווייבערשן געשלעכט! ווערטער א זעלכע גרינגע, שטענדיק אפן ארט. אזא געלוסט צו ריידן מיט איר. אלץ וואלט ער איר אויסדערציילט, נאר דער צונג אין מויל איז ווי א קלאץ. די ווערטער קריכן ארויס אומגעלונגענע, ניטגערא־טענע. און עס צעקנייטשט זיי נאך די אומגעהויערע צארטקייט.

און זי האט דערמוטיקט:

— איר האט פולקום ריכטיק געבראיעט, די ערד קאן ניט זיין ווענעמס עס איז אייגנטום.

צוליב וואגיקייט האט זי אויפגעהויבן די קיילעכדיקע, דינע ברעמלעך. האט גערעדט פארפלויגענע צו איר אין די אויערן פרעמדע ווערטער, נאר אזוי זיכער, איבערצייגנד. קלוימערשט פון איר אליין דורכגעטראכטע.

און אין דערהיים וועט די גראבע ניטרירעוודיקע דאריא פויל דעם רוקן קראצן, מיט די פינגער אין די אראפגעפאלענע צעפ שקרא־בען און שלעפעריק ציען:

— ניט אנדערש ס'גרויט שוין... צו דער וואנט וועסטו זיך לייגן, צי ווי?

אנטאנינא ניקאלאוונא האט אינטערעסירט און געשאפן פאר־

געניגן איר מאכט איבערן נייעם ראש אין וואלאַסט. א געניטע אין שטאַטישע, שמוציקע, און באזיצן, שטיפעדייען מיט גימנאַזיסטן און אָפיצערן, האט זי געזעען ווי עס מאַטערט און קראַמפּט דעם פויער דאס צעבונטעוועטע בלוט. זי האט פאַרשטאַנען, אז אין צוים האלט אים נאר דער ערפורכטיקער גלויבן זיינער אין איר באַזונדערער ריינקייט. דאס איז געווען גיי, לעכערלעך, פריידפול. מיט די פּיסלעך האט זי געשפּילט, גערייצט און מיטן מילדן, ריינעם קאָל און מיט אומשולדיקן בליק געוואָרנט. שווידערלעך איז געווען באַם געדאַנק—מיט וואס וועט זיך ענדיקן? א קוש טאָן וואלט זי ניט געקאַנט. אין אינטימקייט איז ער, געווים, אַפּשטויסנד-גראָב. סאַפּ-ראַנס-האַמעטנע דערציילונג האט זיך אָפּגעריסן. האט זי דערפילט: ס'איז געפערלעך פאַרציען אַפּטע פויזעס אין זייערע געשפּרעכן אויג אף אויג. איז זי אַראָפּגעשפרונגען פון טיש:

— שפּעט שוין. איר האט זיך פאַרמאַטערט היינט.

אין גאַס, הינטערן פענסטער האט אונטער די פּיס דער שניי א סקריפּע געטאָן. עמיצער האט זיך פאַרזיכטיק אפן פענסטער געדראַפּעט. איז זי געוואָרן וואַכזאַם, געמאַכט א שטרענג פּנים, און אַליין האט זי שרעקנדיק זיך צוגויפגעקגייטשט.

— מע קוקט נאָך. מען וועט רעבילעם טרייבן! קומט אַריין מאָרגן באַטאָג טיי טרינקען. איך וועל אַליין קיכעלעך פאַר אייך באַקן.

און דאס העגמעלע פון דערווייטנס אויסגעשטרעקט, ע-עך! וואס פאַרא קראַפט עס שטעקט אַמאָל אין א פרוי!

וואָלט זי אויסגעקושט, נאָר האט מוירע. קוקט, ווי אף דער זון. נאָר מיטן בליק אינגאַנצן זי אויסגעטרונקען און די האַנט ביז ווייטיק געדריקט. אַלע טאָג זעען זיי זיך. און שטענדיק אַט אַזוי: אַן א זייט האַלט זי אים.

ווען ער איז אַרוים האט ער געזעען: פון גאַניק האָבן זיך צוויי שוואַרצע פיגורן צום שפּייכלער א וואַרף געטאָן... האט ער זיך אָנגעשפּיצט, דעם רעוואָלווער פון קעשענע אַרויסגענומען און אויסגעשאָסן אין דער לופטן. עס האט דערשראָקן נאָר דער אומרואיקער „אַך" הינטער דער טיר. האט ער אַריינגעשריען אַהין יונג, פריידפול:

— צווייפלט ניט!

און אוועק איבער דער ווייסער, טויטער גאס, וואס מעטורעפע קווימשעריי פון הינטישן ביל האבן געוועקט, אבער ניט באלעבט. צווייַ רייען שווארצע הייזער, מיט איינגעהאלטענעם אטעם, זיינען אומעטיק געווען, און געווארנט, ווי א האסראע. און די נעשאמע האט קיין מוירע ניט געהאט, זי האט געיובלט.

דערפון, וואס די האנט איז געווען אף דער וואך באם רעוואלווער, דערפון, וואס ער איז אין אייגענעם דארף, צום ערשטן מאל געגאנגען מיט פארזיכט, איז געוואקסן און אלץ געברייטערט זיך שטאלצע דרייסטקייט. דערפון, וואס ער האט געטראכט וועגן דער געגארטער ווייסינקער, האט עס מיט פרילינג אין קאפ גערוישט.

און אינדערהיים איז שלעכט געווארן. אז איפעש אזא ! מע דארף זיך א רייניק טאן. זיך צו קלייבן. דער פעטער קערפער דאריאס, געבן אים אין בעט, האט געוועקט אן איבלדיקע בענקשאפט. נאר ער האט אים שארף א צי געטאן צו זיך, פארכאפט פון אן אומריינעם, בייזן, אפגעשפיגלטן געלוסט.

III

קימאט אינגאנצן אויפגעהערט שלאפן האט סאפראן. אזא פריידיקע, אויפשטורמענדיקע צייט איז אנגעקומען, אז ס'איז א שרעק צו שלאפן. קיין כּישעק ניטא צום שלאף. דאס לעבן האט פארבן באקומען, פאנאנדערגעשפילט זיך פארן דרייסיקיעריקן. ער איז געווארן, ווי א באכערל. אלץ כאפ, לאפ, רודער זיך. אין שטאט פלעגט ער פארנעמען געוואגטע באפעלן. פלעגט זיך דערווישן קורצע, אליארמדיקע און ווי א שטורעם גלאק אויפגערודערטע ווערטער.

אין דארף האט ער געשריען : אונזער מאכט ! געקוקט אן אנטציקטער, א טריאומפירנדיקער, ווי פלייצעס וואס זיינען ניט געוואוינט זיך צו בויגן, לערגען זיך בוקן פאר די, וואס זיינען נידעריק אוועקגעשטעלט אין לעבן. פלעגט קלייבן נאכאס פון דעם, ווי די צעדולטע, אפגעשלאסענע מאכנע פון „ווייניק-פארמאגנדיקע”. פלעגט א שפיל טאן אין גרויזאמן אומרו. נאר אין זיין טריומף האט ער פאר זיך אליין אומבאמערקט איינגעזויגן אין זיך דעם קאמאנדירגייסט. פלעגט ניט באמערקן, ווי אין ווערטער, פארארדנונגען. אין

גנעדיקע- גלייכווערטלעך מיט זיינע „ווייניקפּארמאגנדיקע“ פלעגט ער ענלעך ווערן צו זשיגאנאוון.

צוליב אנטאנינא ניקאלאוונא האט ער די פויערישע קליידער אף שטאטישע אויסגעביטן.

לייטישע ריידעלעך שטאטישע געקראגן. איז שטאט האט מען סאפּראנען שוין באמערקט. איין רעדע זיינע האט מען אפילע אין ציימונג אן אויסגעבעסערטע און צועגגלעטע אפּגעדרוקט. די צייטונג האט ער פלאטערנדיק אנטאנינע ניקאלאוונע אונטערגערוקט. געמיינט, זי וועט זיך דערפרייען. נאר זי האט נאר ליבלעך דורכגעזיים:

— אך, אייער רעדע איז דא פאראן. זייער אינטערעסאנט! אינאוונט וועל איך דורכלייענען.

און מער וועגן דער צייטונג קיין ווארט גיט. שוין זשע האט זי פארגעסן? פאר סאפּראנען איז דאך די צייטונג ווי א געשענקטער קסאוו. נעכט פלעגט ער זיך אויפכאפּן, פייער אנציגדן און זי דורכלייענען. און די געדרוקטע ווערטער האבן אויסגעוויזן גרויסע, קרעפטיקע. ער האט זיי געלייענט אינדערהויך מיט א באטייטפולן שעפּטשען. איינהערנדיק זיך אין דעם, פלעגט ער ווי אויסוואקסן. שוין זשע האט זי פארגעסן? פון העם פאקראווסקים גוט האט דער אויעזד-ראט דעם אינטערנאציאנאלן וואלאסט א גרויסע ביבליאטעק און א טייל מעבלירונג, וואס מע האט נאך גיט באוויזן צעגאנווענען, איבערגעגעבן.

סאפּראן אליין האט באגלייט פון זאוואד ביזן דארף די וואגנס מיט די ביכער און מעבל. די גאנצע מעבלירונג געהייסן אין ביבליאטעק אראפּפירן. א נייעם לאקאל פאר דער ביבליאטעק באשטימט. דעם אויבן אין זשיגאנאווס הויז. די שטוב איז געווען א גרויסע, צווייטשאקיקע. זשיגאנאוון אין אונטערשטן שטאק ארויסגעזעצט. זשיגאנאוו האט זיך גיט קעגנגעשטעלט. נאר אין א וואך צייט האבן די קליידער אף אים שוין געהאנגען און א בליק א וועלפּישן האט ער באקומען. די אוולע האט דורכגעברענט. סאפּראן אליין האט מיטן איינשטעלן די שאפעס און דאס מעבל אנגעפירט. ער האט געהאפט אנטאנינע ניקאלאוונע פאר א ביבליאטעקארין מאכן. מע איז זיך צונויפגעלאפן קוקן פון גאנצן דארף, אפילע די פארכמורעטע ניעבעסגאוועקער האבן באוויליקט צו קומ׳ען.

סאפראנס שווייסיקער פּאנים האט געשיינט, די אויגן האבן געפינקלט, ווען ער האט געהאלפן דעם קלאוויר אף די טרעפּ שלעפּן.

— מירן א שפּיל טאן ערשט אף דער שטאטישער מוזיק! א שווע־ע־רינגקע קיילע, דער רואך זאל זי קראצן! כאווער קאטשעראוו, וועסט צוזינגען אונטער מוזיק?

פון קאטשעראוום געזיכט איז שוין לאנג די פארב פארשוואונדן. און דא איז ער רויט געווארן און האט מיט קאאס ארויסגעבורטשעט:

— ניט פאר אונז זיינען טענץ, הארמאניעס און קאפעליעס שטאטישע. דאס זייט איר שוין, סאפראן ארטאמאנאוויטש, דער ערשטער הארמאניסט אפן וואלאסט. אמוזירט זיך.

סאפראן האט דעם וואונק גלייך פארשטאנען. האט ער נאר אויסגעשפּיגן. האט ניט אפגעענטפערט. אז מע האט דעם קלאוויר אריינגעשלעפט, האט מיטראכע שרייבערל גלייך מיטן פינגער א פּרואוו געטאן.

דערנאך האט ער עפעס נישקאשעדיקס צוגעקליבן. קאטשעראוו האט אפגעזיפצט.

— ס'איז אלץ טייוולשע שטיק! משוועקעם וואלטן זיי בעסער דעם דארף געגעבן.

אז מע האט גענומען די בילדער פאנאנדערקלייבן, האט סאפראן אליין זיך פארשעמט. נאקעטע ווייבער אסאך.

ארטאמאן פעגיך האט אין איינער מיט א פינגער א שטאך געטאן:

— אלץ ווי עס באדארף צו זיין! א פארפירעניש. דאס איז אף פריצים צעהיצן, פאר אונז—אף קאפארעס. באם אייגענעם ווייב אליין געזען.

די גיעבעסנאווקער האבן געשפיגן. סאפראן האט פארארדנט:

— פארברענען!

מיטראכע־שרייבערל האט ניבלפע א רעד געטאן:

— א האוואוסטע מאיסע—וואו ס'איז אנגעמאלט דא...

קאטשעראוו האט א זיפץ געטאן:

— פארברען יא, פארברען ניט, אלץ איינס איז דאס פאלק פארשייט געווארן..

די בילעך זיינען געווען אין טייערע שיינע איינבונדן. לאנג

האט מען זיי געגלעט און געטאפּט מיט שטייפע, ניט בויגעוודיקע פינגער. אזעלכע האט מען אין די הענט געהאלטן צום ערשטן מאל.

ארטאמאָן פעגיך האט ווידער מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— ניט פאר פויערשע הענט, ז'עלן פארשמאלצן ווערן! און לייענעכץ—וואסערע איז דארט אין זיי?

קאטשעראוו האט געעפנט פּושקינס א באנד אף דער „רוסאלקע”. אין די אויגן האט זיך א בילד א ווארף געטאן—ווידער נאכעטיג האט ער מיט קאאם דאס ביכל אפן טיש א ווארף געטאן:

— ראק ניט אנשטענדיקס!

נאר מיטראכע־שרייבערל האט שנעל פון טיש אויפגעכאפּט.

— ע.... לעקסאנדר סערגעאיטש פּושקין! אין שול געהערט.

און האט זיך ארייננעשטעקט אין ביכל אריין. דערנאך האט ער פלוצלינג אויסגעשריען:

— ס'און אנטיק, וועגן דעם אוזורפּאטאר!

האט ער אנגעהויבן לייענען אין דער הויך. באלד האט מעכטיקער געלעכטער פון בערדיקע, עלטערע פויערים מיטראכען לייענען באדעקט. שטארק איז געפעלן געווארן די סצענע אין קר=משמע. די ניעבעסנאווקער האבן געבורטשעט, נאר אונטערגערוקט זיך נעענטער, קלוימערשט ניט בעקיוון. ס'האט זיך געוואלט הערן קאטשעראוו איז אויפגעבראכט געווארן:

— ברידער, וועלטלעכער לייענען איז אן אווייִרע. פּוסטע שפּיל! איין בוך איז דא פאר אונז—די ביבל. מ'קאן אמאל צוליב גוצלעכיז יעדיעס עפּעס וואס לייענען. און די שפּיל ט'מען געדארפט אויפהערן. ניט פאר אונז!

סאפּראן האט אף גיך גענומען איבערקלייבן די ביכער.

— אלערליי פאראן, אלערליי. אטאדא איז וועגן ערד־אקערן פאראן. און אטאדי פארברענען!

ארטאמאן פעגיך האט געפרעגט:

— און וועגן גאמלעכעס פאראן עפּעס וואס? וועגן גאמלעכעס האב איך ליב.

קאטשעראוו האט בייז און פאראכטנדיק א כיכיקע געטאן:

— אין דער באלשעוויסטישער פארטיי זיך פארשריבן, און בעט וועגן גאמלעכעס. וועגן גאט וואס דאבערן זיי?

אומדערווארטעט האט פון טיש זיין פּאטלעוואטן, גרויען קאפּ

אויפגעהויבן איוואן לוטאכין, א ניעבעסנאַווקער סעקטאַנט. מע האָט אים גאַנץ געזאָגט אַ געשטראָפט. ער פלעגט שטענדיק לויט די הייליקע שריפטן נעווייעם זאגן. טויב און פייערלעך האָט זיין קאָל געקלונגען:

— לויט דער ביבל, לויטן הייליקן בוך אונזערן, האנדלען די באלשעוויקעס. אין גאנס הענט זיינען אלע זייערע טאטן און לויט גאטס געבאט. ס'שטייט אין הייליקן יעשאיע: ווי צו אייך, וואס מערן א שטוב צו א שטוב, וואס פארייניקן א פעלד צו א פעלד, אזוי, אז פאר אנדערע בלייבט קיין ארט ניט, גלייך ווי איר אליין וואלט אף דער ערד געווען באזעצט. אין מיינע אויערן האט גאט פון הערשאפטן אזוי געזאגט: די פילצאליקע הייזער די וועלן ליידיקע שטיין, גרויסע און שיינע, אן איינוואוינער... און שעפסן וועלן זיך פיטערן לויט זייער איינענעם ווילן, פרעמדע וועלן זיך שפייזן מיט די איבערגעלאזענע פעטע פאשעס פון די רייכע".

ווי אלע סעקטאנטן, האט ער גאנצע זייטן פון דער ביבל אף אויסווייניק געוואוסט.

קאטשעראוו, ווי פון א דונער געטראפן, האט ארויסגעקאטשעט די אויגן און מיט די הענט אין די זייטן צעפירט, ווי ער וואלט דערזעען די אייגענע הענט פוסטע און זיין געווער אין די הענט פון זיין סוינע. דערנאך האט ער זיך אויפגעכאפט און ווילד אויסגעבראכן:

— ליגן! פאלשע רייד! ס'פארדרייען די הייליקע שריפטן, די האנדלונג, די טאטן און די ווערטער אייערע. פארדרייט! אונטערגאנג פארויס באשטימען זיי. ס'שטייט געשריבן וועגן אייער סאף ביי יענעם יעשאיע: „דו וועסט ניט זען מער דאס פאלק דאס ווילדע, דאס פאלק מיט א טויבער ניט פארנעמבארער שפראך, מיט א לאשן א פרעמדן אן אומפארשטענדלעכן". דאס איז וועגן אייך געזאגט געווארן! וועגן די באלשעוויסטישע ווערטער. ס'וועט אייך צערייבן גאט...

נאר געווען איז קאטשעראוום צארן מערער פון שטאלץ, ווי פון ווייטאק. דעריבער האבן געברענט נאר לוטאכינס ווערטער אליין, און קאטשעראווס האבן זיך באוויזן און אויסגעלאשן זיך.

ארטאמאן פעגיך איז מיט ציטער אין קאָל אויך אריינגעפראטן אין וויקואר:

— די באלשעוויקעס ווילן ווי גאט איז ליב!

און אסאך פון סאפראנס פארטיי האבן זיך באם טיש צוגויפ־
געשפארט. זיי האבן דאס אלטע פארגיכטן געוואלט, נאר הימלישע
באשיצונג האט רעגילעסדיק א ווארעם געטאן, ווי א דווירעסדיקער
שיכט האט זיך אף זיי דער פינסטערער גלויבן אנגעזעצט. ווי פון
א טויבער וואנט, אזוי פלעגן סאפראנס ווערטער אין שטאט אויס־
געלערנטע אפפליען.

— די גאלאכים פלעגן פון אונזער פינסטערקייט ניסאשער
ווערן! ריכטיק זינגען מיר: „גיין, קיינער וועט אונז ניט באפריי־
ען—ניט גאט, ניט האר און ניט קיין העלד".

ארטאמאן פעגיד האט מיטן קאפ אנגעהויבן טרייסלען:

— ווענן גאט ארויסשמייסן פון ליד! מיר ווילן ניט אן גאט!

די פראנטאוויקעס האבן אנגעהויבן פילדערן. סעמיאן גאלא־
ווין האט געמאכט מיט די הענט, ווילד געשריען:

— און מיר דארפן דיין גאט אף קאפארעס! ווען מ'ער
געהאלפן? גאפס מאמע האט מיידלוויים געהאט.

מיט א וואגיקן, שווערן קלאפ האט אים צו דער וואנט אוועק־
געקנאקט א פלייציקער, כמורער סעקטאנט. גאלאווין,—א שפרונג אף
אים און אים אנגעהויבן ווארגן. סאפראן האט זיך א ווארף געטאן
פאנאנדערנעמען זיי. ס'האבן זיך געדרייט אפן דיל דרייען אין א
סאפענדיקן קנויל. אן אומגעלומפערטע, אומזיניקע רעווערי פון
אוילאם האט זיך איבער זיי געטראגן. ס'האט געקוויטשעט א ווייבל,
וואס איז ארייגעלאפן פון אונטן אף די קוילעס:

— מ'האט דערשטיקט! סטריגאנאוון ט'מען דערשטיקט!

מיטראכע—שרייבערל האט זיך אויך געווארפן פאנאנדערנע־
מען. אים האט פון הינטן, פארן קאלנער זשיגאנאוו אנגעכאפט. האט
מען זיך איינגעקלאמערט אויך אין זשיגאנאוון. אין קורצן האט
א פויערשער געשלעג געבראקט אלץ און אלעמען. די שויבן האבן
פון גערויש געקלונגען. מע האט שטולן געבראכן. מע האט מיט די
שווערע שטיוול טייערע איינבונדן פון אראפגעפאלענע ביכער גע־
טראטן. און אין געשלעג האט מען ווילד און הילכיק געשריען ווענן
גלויבן, ווענן גאט. ס'זיינען געקומען צו לויפן ווייבער נאך זייערע
מענער, זיי האבן זיך געדראפעט, געכאפט פאר די פים, דורכדריג־
גענד געקווימשעט. ערשט ווען סאפראנען, א צעשלאגענעם, אין צו־
ריסענע מאלבושים, האט זיך איינגעגעבן צו דער טיר זיך ארויס
דייסן, האט ער א רייטער נאך שמירע אוועקגעשיקט.

די צונויפגעקלאמערטע אין געשלעג האט מען מיט קאלטן וואסער פאנאנדערגעגאסן, געשלאגן מיט די שטילן פון די ביקסן און פון ביבליאטעק ארויסגעטריבן. בא סעמיאן גאלאווינען האט מען אינווייניק עפעס אפגעשלאגן. ער איז געבליבן ליגן אפן דיל א גרויסער א פארשווינענער. איבער דער גרויער וואנסע האט פון צווישן די פארוועלקטע ליפן א דין שטרעמעלע בלוט געפלאסן. און אפן פאנים—ניט שרעק, ניט ווייטאק. פארוואונדערונג איז דארט פארגליווערט געווארן.

דין, מיט זאגערישן ווייבער־טראפ, האט זיין ווייב בא זיינע פיס געוויינט.

זשיגאנאוו, אוועקגייענדיק, האט מיט א בייזער אנצוהערעניש און הייזעריק געווארפן סאפראנען:

— אט אזוי וועט מען דיר אויך אויספרעסן!

קאטשעראוו האט טרויעריק מיטן קאפ געשאקלט:

— כווישעך!

און אויך אוועק. סאפראן, מיט אן אפגעריסענער פאלע פון לויט שטאטישער מאדע אויפגענייטן פרענטש, מיט אנגעגאסענע מיט בלוט אויגן האט ווילד, ניבלפעאיק זיך געזידלט, מאכנדיק מיט די הענט. ער איז בייז געווען אף זיך, וואס ער האט מיט זיך דעם רעוואלווער ניט מיטגענומען:

— נאך ניט אויסגעלערנט זיך גיין מיט אים. אויך מיר א סאלדאט!

אף מארגן אינדערפרי איז פון צווייטן דארף א פעלדשער געקומען, אנגעשריבן א צייגעניש וועגן טויט פון סעמיאן גאלאווין. אין זעלבן טאג האט מען אים באהאלטן. די רייבע, בעקאווערדיקע אייגוואוינער האבן געליארעמט:

— באהאלטן אן טאהארע! גאטלעסטערער!

נאר דער אלטער גאלאווין האט זיך צו די פיס געוואלגערט:

— קאשערע געמיינדע, געמט אראפ א זינד פון דער נעשאמע! לאזט מיין זון צו גאט!

מען האט זיך מעראבעם געווען. מע האט געשיקט נאך א גאלער. אן אלטיגקער, שעמעוודיקער, גאטס דינער, וועלכן מע האט אין דארף ניט געהערט — ארייננגעשיקט אין דארף אנשטאט דעם אנטלאפענעם גאלער ערשט מיט צוויי טעג צוריק פארן געשלעג.

ער האָט אָפּגעזוכט דעם גאַטלעסטערער. אַז מע האָט דעם אָרן געטראָגן צום בייסאַלמען, זיינען אַרטאַמאַן פּעגיר און סטעפּאַן גלאַדקיך מיט האַלין אַנטקעגן אַנגעפּאָרן.

אַרטאַמאַן האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אַראָפּגענומען דאָס היטל, און שאַקלנדיק אַפן באַרמיגאַן, רואיק און מילד געזאָגט:

— אַהיים אַוועקגעפּאָרן.

און אין זיין קלוגן בליק, מיט וועלכן ער האָט באַגלייט דעם אָרן, איז ניט געווען ניט ראַכמאָנעס, ניט שרעק.

ער האָט איינגעזאַפּט פאַר די לאַנגע יאָרן מיט דער נאַטור געמיינזאַמען לעבן: „ערד ביסטו און צו ערד גייסטו אַוועק".

סעמיאָן גאַלאָווינס ווייב האָט אַפּן בייסאַלמען ווילד, ווייטו־טיק אירע זאַגעכצן געזונגען. און אַז זי האָט זיך אַהיים אומגע־קערט, האָט זי די טרערן אויסגעווישט, אָנגעטאָן אַן אַלטן מאַלבוש און געזאָגט דעם שווער:

— היידאַ די שטאַל, צי וואָס, צוקלייבן!

און קיין איינע, סאַמע קלענסטע, לויפנדיקע אַרבעט האָט זי אין דעם טאָג ניט פאַרגעסן, ניט פאַרפּלאָנטערט. און אין אָוונט איז זי צו סאַפּראָנען געקומען פרעגן:

— פאַרן מאַן וועט מען אַ וועלכע ס'איז שטיצע געבן, צי ווי?

סעמיאָן האָט זי גענומען פון די, וואָס האָבן פון ניעבעטנאָווי־כע זיך אָפּגעשלאָגן. איווע, האָבן זי די סעקטאַנטן אויסגעלערנט, רעכענען האָט זי גוט געקאָנט און דאָיגען פאַר זיך האָט זי אַליין געקאָנט. לאַנג און איינגעזאַקטנט האָט זי זיך געדונגען מיט סאַפּ־ראָנען. נאָר באַנאַכט, אַלין אָפּגעפּאַרטיקט, האָט זי אין שטובן און פינסטערן אומעט מיט ביטערע טרערן דעם שמוציקן פאַרשמאַל־צענעם קישן באַגאָסן. אַ יונגער איז ער געווען דער מאַן און אַ געגאַרטער. ווידער זיינען דאָך קינדער געבליבן.

פון ניעבעטנאָווקע זיינען צו סאַפּראָנען דעלעגאַטן געקומען:

— צי קאָן מען ניט די געשיכטע מיטן דערהארגענען סעמ־יאָן גאַלאָווין פאַרייבן. צוליב גאָט האָט מען זיך געפּלייסט! ניט בעקיוון איז עס ביז טויט דערגאַנגען!

נאָר סאַפּראָן האָט געברענט. וואָס מע האָט אים אַליין אײַנ־גאַנצן מיט ביילן באַפּוצט.

— די ארבעט פארדינט, מע זאל זיין צווישן מענטשן, אבער וואוהין קאן מען מיט אזא צורע ארוים ? און די פרענטשע, די גייאינקע ט'מען אויך צעפליקט !

האט ער פאראדנט און מע האט אפגעפירט דעם כמורן סעקטאנט, וואס האט דעם געשלעג אנגעהויבן, און נאך דריי ניע־בעסנאוועקער פויערים אין שטאט, אין טפיסע אריין...

ווען פון פאניס זיינען אראפ די בייזן האט סאפראן ווידער זיך גענומען פאר דער איינארדענונג פון דער ביבליאטעק. מע האט פאריכט דאס צעבראכענע מעבל, מע האט אויסגעהאנגען אפן וואנט לעניגס און טראצקיס פארטרעטן, א געדרוקטן אויפ־שריפט „רויכערן פארבאטן".

אונטן, הינטער די ווערטער, האט סאפראן מיט דער האנט אונטערגעשריבן : „אויבעט שפייען אפן דיל". גלייך אנטקעגן אריינגאנג האט מען אויפגעהאנגען א גרויסן פלאקאט : א ריז א סאלדאט האט אויפגעריסן דאס מויל און שרייט : „שרייבט זיך אונטער אף דער מילכאמע־האלוואע". מע האט אנגעטריבן ווייבער. יענע האבן אויסגעוואשן דעם דיל און די פענסטער און לאנג ניט געוואלט אוועקגיין פון דארטן. מע האט געריסן די אויגן אף די אומגעזעענע ווייבע פאטעלן, גרויסע טישן, שאפעס מיט גלעזערנע טירלעך. אוליאנע די סאלדאטקע האט באלעבאטיש געטאפט דאס איבערצייג אפן מעבל :

— א רובל דריי, מיסטאם אז ארשין. ט'מען פאר דעם קיי־סערס צייטן געצאלט.

דאריא סאפראנס איז אויך געקומען די ביבליאטעק צוקלייבן.

פארוועלקט געווארן איז דאס ווייבל, זינט דער מאן איז א קנעפל געווארן. שווייגט מערסטנטייל.

ווייבער האבן קניטלעך אונטערגעלייגט, ווען דער לערערין געקומען. פרעסט זי צו די ליפן און שווייגט. א שטרענגע. און מע זעט, אז זי מאטערט זיך. די אויגן זיינען אין שווארצע רייפן. און קיין שום אכט לייגט זי ניט אף איר האלבאשע. לאנג האט זי די ביכער באקוקט. פון שאפע צו שאפע געגאנגען. ווי זי וואלט איבערגעציילט. דערנאך האט זי פלוצלינג ארויסגעזאגט :

— פארברענען וואלט מען זיי באדארפט.

— וועמען ?

— אט די ביכלעך. הוילע זינד איז עס. דאס פאלק רעגט זיך צוליב זיי.

און אוועק, א קלאפ מיט דער טיר. בעשאס זי איז געגאנגען איבער דער גאס און א זייט, מיטן שמערצלעכן קנייטשל ארום מויל, איז אפן וועג א נייער, שטאטישער שליטן דורכגעפארן. אין שליטן—סאפראן זיצט בא דער זייט און געבן אים די לערעריז, אנטאנינע ניקאלאוונע, ווי א שוואן פריי, פריציש זיך פאנאנדערגעזעצט.

דאס ווייסע פוכאווע טיכל און די צארטע פארב אין די באקן האבן דאריען אין די אויגן א קלאפ געטאן. טרערן זיך געשטעלט. זי האט זיך אפגעשטעלט, זיך א ווארף טאן געוואלט, אויסשרייען מיטן שניידנדיקן, ווייבערישן קוויטש, צעדראפען, פארשפייען. נאר, ווי זי וואלט זיך עפעס דערמאנט. זי האט זיך שארף אויסגעקערעוועט און קימאט צו לויפן אהיים געקומען.

אין דער היים האט זי דעם קאאס אפן איגנסטן זינדל אויסגעגאסן. האט אים צעביילט. דערנאך האט זי צוגעדריקט צו זיך דאס צאפלדיקע פון געוויין פינפיאריקע קערפערל און טביגענדיק דין געיאמערט:

א... אי... מא־א־מ־ע־ע־ל־ע־ע—...——

— א... א... א...אי... אי... אי..: טויטעלע־ע מא־א־א־ן ...

און אין ביבליאטעק האט סאפראן פאר דער פרוילין זיך געפלייסט: די קעפלעך פון די ביכער אין די שאפעס געלייענט, געוויזן אז אלץ איז אפן גרוים־שטאטישן שטייגער.

— אטאדא איז דער לייען־זאל און עפעס ווי א קלוב. אטאדא ביכלעך באקומען, און דארטן ווייטער פאר דער ביבליאטעקארין א צימערל. גיט א קוק אף טשיקאוועס!

און פייערלעך די טיר פאנאנדערגעעפנט. א טואלעט־טישל אונטער ווייסן באטיסט, מיט טייערע פלאקאנעס פארפום. א בעט מיט בלישטשענדיקע גאלקעס באדעקט מיט פריצישע אטלאסענע קאלדרעס, מיט צוויי קישנס באזוימט מיט שפיצן. א טייער, קליינינק, ווי א שפילצייג, שרייב־טישל איז אביסל דערווייטערט פון וואנט געשטאנען. אין ווינקל—א דיוואנדל, ווייכע פופן און א קיילעכדיקער טיש מיט א ווייסן טישטוך. אלץ פון הער פאקראווסקים הויז ארוים.

שיינענדיק מיט פריידיקער בלויקייט אין די אויגן האט סאפראן דערקלערט :

— אומישנע אין שטאט בא א פריילין זיך צוגעקוקט, ווי אזוי מ'ע שטעלט פאנאנדער און וואס שיקט זיך פאר פריילינס.

— זייער א וואויל, זייער א וואויל צימערל. איך האט געשמאק, סאפראן ארטאמאנאוויטש.

עך, אט איצטער זי ארומלאפן! אט איצטער זיך אנגעמען מיט מוט, זי קוקט אזוי שעלמיש. איז שטערן אבער די ווייבער. אין מיר, א גאנצע כאפטע, ווי שעפסן צעדולטע שטופן זיי זיך.

און אנטאנינא ניקאלאוונא האט זיך פארשעמט, צוריק אין ביבליאטעק אוועק. דארט האבן זיך שוין אסאך פויערים אנגעקליבן. ארטאמאן פעגיד האט אויסגעפארשט :

— אטאדערא איז טאקע לעגין אליין?

סאפראן האט שטאלץ, ווי זיינעם א באקאנטן פארגעשטעלט :

— וולאדימיר איליאיטש אוליאנאוו=לענין.

ארטאמאן—דעם קאפ אף א זייט, מיט די ליפן א קיי=געטאן :

— נישקאשע, א קאפ, —פאראן וואוהין פאקן. מיט מארך. און מיטן אויג כיטרע. האר נאר אפן קאפ ווייניק.

סאפראן האט זיך אנגענומען :

— דו טראכט אזויפיל, וויפל ער. וועלן בא דיר אויך די האר אויסקריכן!

— פארשטייט זיך, בא זיי איז ניט אף אונזער שטייגער. קיין האר באדארפן זיי ניט. ניטא ווער עס זאל שלעפן פאר זיי, און קיין אוניפארם האט מען פאר אים נאך ניט איינגעשטעלט?

— וואס פארא אוניפארם?

נו, געוויינטלעך, א קייסערשע. מיט קנעפ דארט, מיט מעדאלן, מיט עפאלעטן. אט אזוי א עפעס אין א רעקל פאסט עס ניט. א ביזאיען פאר ראסייע : ניט געקאנט אנטאן, ט'מען זאגן, אן אייגענעם מענטשן!

סאפראן האט זיך פאנאנדערגעלאכט און צו אנטאנינא ניקאלאוונא זיך אויסגעדרייט :

— די אמאראצעס אונזערע! ס'קערעוועט אלץ אף דאס אלטע.

אנטאנינא ניקאלאוונא האט מאיסע כאכאטע די ברעמען צונויפגעקארטשעט און באלערנד געזאגט:

— די נייע רעגירונג איז פון ארבעטער און פויערים, און דעריבער וויל זי ניט קיין לוקסוס אין קליידן זיך.

ארטאמאן פעגיך האט, אויפהויבנדיק די צעשויבערטע, גרויע ברעמען, שארף באקוקט זי פון קאפ ביז די פיס, מיט די ליפן א קוי געטאן, נאר גארניט ניט געזאגט. זיך אויסגעדרייט צו טראצקים פארטרעט:

— אט דער איז פיין, א בראווער! און דאס היטל א פריציש. צי אקערשט ניט פון די זשידעס?

סאפראן האט שטרענג א ציקע געטאן:

— נו, דו! איצטערט ט'מען זשידעס אפגעשאפט. אידן זייגען פאראן, אזא מענטש, ווי מיר. לייען אט בא מאקסים גארקי, ווי מע האט איבער זיי פארן קייסער זיך איזדיעקעוועט.

ארטאמאן פעגיך האט מיט די ליפן א קוי געטאן:

— ביטערס *) האט דעמאלט פאר אלעמען געקלעקט. מ'האט פון אונז אלין אויסגעזויגן, דערפאר ט'מען זיך טאקע איצט אין באלשעוויקעס פארשריבן. זיסע זאכן ט'מען ווייניק געגעסן. און איך האב ניט צוליב אויסוואָרפן געזאגט, בא אונז אין ניעבעסנאווקע פאראן אייגענע סובאטניקעס. א בראווער יונג!

אפן טיש, אין א רעמל פון רויטן האלץ, איז געשטאנען לונאטשארסקים בילד אין א קאבינעט-פארמאט. נאר קיין אונטערשריפט איז דארט ניט געווען. אפילע אנטאנינע ניקאלאוונע האט ניט געוואוסט ווער עס איז. האט זי געפרעגט:

— און דער ווער איז?

סאפראן האט זיך פארלוירן.

— דאכט זיך וועגן ערד-איניען א קאמיסאר. כ'האב עפעס פארגעסן.

ארטאמאן פעגיך האט בארואיקט:

— מיסטאב, לענינס עפעס א קארעוו.

די ניעבעסנאווקער האבן אף די פארטרעטן ווייניק וואס גע-

*) דא איז א שפיל מיט ווערטער: גארקי — דער נאמען פון שרייבער און גארקי — באטייט „ביטער” אף רוסיש. ארטאמאן האט פון גארקי דעם שרייבער ניט געהערט, אבער ביטערס האט ער אף זיין לעבן גענוג געהאט.

א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

קוקט. זיי האבן ראק געלייעגט דירבן גלאז די אונטערשריפטן אף די רוקנס פון די ביכער. קאטשעראוו האט דעם ליידיקן, פארגדיקן ווינקל באמערקט און באגיטיקט:

איקאנעס האט מען ניט אנגעהאנגען, דאס איז ריכטיק! יעדערער קאן אריין. מיר, אט, לעמאשל, האלטן ניט פון איקאנעס, דער באשקירער געפינט זיך אויך אין אונזער וואלאסט. אט אזוי א איז פאר אלעמען גלייך.

ארטאמאן פעגיך האט אפגעזיפצט;

— צו וואס נאך אנהענגען זיי? די פראוואסלאווגע האבן זיך אויך פון מיטערדע אפגעשלאגן! אנומעלטן ט'מען איבער דער עמונע זיך צעקריגט און א מענטשן פארטיק געמאכט. זי האט זיך אפגעקערט פון אונז איצטער, די איקאנע. אי-בי-בי!

ווייבער האבן באם פלאקאט צונויפגעשפארט זיך. אוליאנע סאלדאטקע האט מיטפילנד ארויסגעזאגט:

— ליבער, אין מויל איז שוין אזוי אלין שווארץ געווארן, אזוי שרייט ער. וואס שרייט ער דאס?

נאר קיינער האט איר ניט געענטפערט. סאפראן האט הער-שעריש געמאלדן:

— ס'ט'קלעקן דערוויל קוקן, בירגער. מארגן וועלן מיר שאען איינשטעלן ווען נאך ביכלעך קומען, דאמאלסט מיטן גרעסטן קאווער. און אצינד איז שוין צייט צו פארמאכן.

ארטאמאן פעגיך האט די פאטיליצע געקראצט:

— גוט. נאכן זייגער נאך זאלן שוין די גיעבעסנאוקער גיין. זיי האבן. און מיר לויטן בויך: ביז וואַרמעס און דערנאכדעם ביז העטשערע. האט קיין פאראיבל ניט. טוט זיך אייך, וואס איר באַ-דארפט!

נאך ארטאמאנען זיינען די איבעריקע אוועק. קאטשעראוו האט אוועקגייענדיק, פון דער. זייט אף אנטאנינע ניקאלאווגע א בליק געווארפן.

אף פעסטע קייטלעך האט סאפראן די טיר פארווארפן און צו אנטאנינע ניקאלאווגא אן אויפגעברויזטער, א פריידיקער זיך אומגעקערט. און זי האט ווידער שוין באם טיש זיך געשטעלט א שטילינקע און שטרענגע. ווי אזוי גייט מען צו?

— איז אט, אנטאנינע ניקאלאווגע, פאר אייך זיך אויסגע־
סמארעט ! באקומט, באלעבאטעוועט !

זי האט אומרואיק אין פענסטער א בליק געווארפן און א שמייכל געטאן סאפראנען. גאר געשוויגד, דערשראקן :

— וועגן וואס זאגט איר דאס ?

— פאר א ביבליאטעקארין באשטימען מיר אייך ! פאר אייך זיך געסמארעט, היינט טאקע אריבערפארן... א ?

די שטים האט בא אים מיט מאנסבילשן הייסן אומגעדולד א ציטער געטאן. ער איז אוועק צו איר הינטערן טיש. און זי האט מוירע געהאט, זיך צוגעפגעפרעסט... נאר דער צימערל איז שוין צו גוט ! האט זי אים אויסגעשטרעקט די הענט. ווי א פעדערל האט ער זי אף די הענט אויפגעהויבן.

— סאפראן ארטאמאניטש, סאפראן ארטאמאניטש... וואו־
הין ?... איך בין א בסולע...

— ווערסטו א ווייבל זיין !... לאפקעלע !

געטראגן און געדריקט דאס געזיכט מיט ליפן צעגליטע. ווי ער וואלט אפשטעמפלען די פויערשע קושן געוואלט. נאר אין דער ארויסגאנגס־טיר האט מען אנגעהויבן קלאפן איינגעשפארט, אפט. אנטאנינע ניקאלאווגע האט מיט קויאך זיך איינגעשפארט מיט די הענט אין ברוסט.

— לאזט אפ... אום גאטס ווילן !

די ליפן זיינען אזש ווייס געווארן ! וועלכער טייוול האט עס געבראכט ? אנטאנינע ניקאלאווגע רייסט זיך, קלאפט מיט די פיס, און אין טיר דאס קלאפן ווערט אלץ אומרואיקער און שטארקער. האט ער ניט דערטראגן, אפגעלאזן. און א בייזער, אנגעצונדענער, צעשויבערטער צום טיר זיך א ווארף געטאן.

— ווער איז דארט ?

פון הינטער דער טיר דאריעס שטים א הערשערישע און האזעדיקע :

— עפן אויף !

אנטאנינע ניקאלאווגע האט דין, ווי א העזעלע, פון הינטן א קווטש געטאן און אין ווייטסטן צימער זיך א ווארף געטאן. סאפראן האט זיך גלייך געכאפט : מע וועט אונטן דאס קלאפן דערהערן. דאריע איז אריין ניט שרעקנדיק. מיט פאנים און

7*

ברוסט פארויס. סאפרג., א״ז אפגעטראטן. צי דערשראקן זיך צי גלאט זיך פארלוירן. דאריע האט אליין ביידע קייטלעך צוריק פארוואָרפן.

— איבערן גאנצן וואלאסט אן אויבער=האר און דער סייבל, ווייזט אויס, איז אין ט... אריין! אין מיטן העלן טאג אזא מין געשיכטע פארפירט! וואו איז די הורן די?

די שטים האט זיך בא דאריען ארונטערגעריסן, דאס פאניב האט זיך מיט פלעקן באדעקט, די אקסלען האבן געציטערט, אין די אויגן—ווייטאק.

— דאריא! כ'וועל מיימעסן!

— מאך ניט מיט די פויסטן! קיין צייט ניטא. די ניעבעם=גאוואקער האבן זיך צונויפגערעדט דיך בא זנום כאפן. קאטשעראווס באלדאטקע האט אויסגעפלוידערט... סארא ביזאיען, סארא ביזאיען! איך בין געקומען צולויפן...

און די שטים האט זיך אפגעריסן:

— וועט מען קומען, איז דאס ווייב דא! בעסער וועל איך אליין מיט א האק דערהארגענען!

מיט א ווילדן אויסגעשריי האבן די לעצטע ווערטער זיך אפגעריסן.

סאפראן איז'צום דאאס געקומען. פארמיטן האט דאס ווייב דעם אומגליק. ימע וואלט ניט מויכל געווען א געשלאגענעם פאר זנום! דער הויפט אין וואלאסט—און פאר אזא זאך א געשלאגענער. אדער מע וואלט אים גאר דערהארגעט. האט ער מיטאמאל מיט א פארשטילטער שטימע געזאגט:

— ווי זשע, ווייב, איז איצטער?

בא יענער האט בייזקייט דעם פאנים צעקרימט:

— פאסקודען קאגסטו, און ווי ארויסדרייען זיך דארף מען לערנען?—און הערשעריש צום ווייטסטן צימער אוועק.—פריילין, פריצטע! היידא אהער. כ'וועל ניט שלאגן. כ'על זיך שפעטער צע=רעכענען. קום אהער, געוויילע!

און פאר דער האנט אנטאנינע ניקאלאוונע ארויסגעשלעפט בא יענער האבן פון שרעק די טרערן אויסגעטריקנט. נאר די האר מיטן קליידל און קאפטל האט זי שוין באוויזן צו פאריכטן.

— וועט מען קומען, מאך זיך ניט ווינדיק, סאפראן...

און אין טיר האט מען שוין אנגעהויבן קלאפן. דאריע האט א וואונק געטאן אף דער טיר:

— מאך אויף.

סאפראן האט די קייטלעך ארונטערגעווארפן. דער ערשטער איז אריין ארטאמאן פעגיך. נאך אים קאטשעראוו און נאך פיר. דריי פויערים ניעבעסנאווקער, דריי טאמבאווסקער, און אף די טרעפ ווייבערשער טומלדיקער געפילדער. א לערערין—א שטאטישע, א רעבעט שטיק. זי האט זיך גלייך אויפגעמונטערט, א קוק געטאן אף די אריינגעקומענע אזוי גלייך עס וואלט גארניט געשעען. דאריע—מיט די אויגן צו דער ערד, נאר אויך א רואיקע. קאטשעראוו האט גלייך דערזעען, אז ס'איז דורכגעפאלן.

— האט קיין פאראיבל ניט, סאפראן ארטאמאנאוויטש. מיר האבן געהערט, אז איר זייט נאך דא, זיינען מיר וועגן צייטונגען אריין. א וויקואך ט'זיך ביי אונז פארפירט.

ארטאמאן פעגיך האט פראסט דערקלערט:

— וואס פארא צייטונג! מ'האט געזאגט, אז דו טוסט אווייִרעם מיט דער לערערין אפן נייעם ארט. אלטע האבן זיך באַ-לײדיגט. אנלערנען געוואלט: זינדיק, נאר וויים ווען און וואו. אגעווויג עס טאקע ניט.

אנטאנינע ניקאלאוונע האט אף א דינינק קעלעכל אן אבקע און מיט די הענט א-פאטש געטאן. דאריע האט גראב און רואיק דערקלערט:

—עס ליגן אלץ פון האס די ניעבעסנאווקער. סאפראן האט מיר געהייסן קומען, אז אלע וועלן אוועקגיין. מיט דער לערערקע. ט'ער געזאגט, וועסטו זיך מיט טיי מעכאבעד זיין אף כאנוקעם האבאיעם.

ארטאמאן האט בייז און ענטפער אויסגעבורטשעט:

— וואס פארא כאנוקעם=האבאיעם! מיר דערלויבן דא ניט קיין לערערקע! א מאנספערשוין באדארף מען, פון שטאט. אט אזא א וועט דען וואס געבן צו דערקלערן?

סאפראן האט געשווינד באשטעטיקט:

— פארשטייט זיך, מיר'ן בעטן פון שטאט.

אנטאנינע ניקאלאוונע האט זיך געריסן אליץ עפעס זאגן און האט קיין ווערטער ניט געקאנט געפינען. איינגאנצן א צונטערע איז זי בא דער שאפע געשטאנען.

קאטשערוא האט פארטראכט די בארד א גלעט געטאן, און געזאגט:

— נו, מיר האבן דא ניט וואס צוטאן. געמיינדע האט גע־שיקט. ניט מיט אונזער אייגענעם ווילן זיינען מיר אהער געקומען. היידא, בירגער!

בא סאפראנען האט אלין געזאדן אינווייניק. נאר דאריע האט פארווירט. איינגעהאלטן און רואיק האט ער געענטפערט:

— ס'פאסט ניט פאר אלטע לייט ווייבערישע רעכילעסן אומ־הערן. אמעראצעם נאר!

די פויערים זיינען ארויס. ס'האט זיך פארהאלטן נאר אר־טאמאן.

— דו, סאפראן, האסט א קאפ, אבער ביינע לעביינע היט זיך. קיין רויך אן פייער איז ניטא.

דערנאך האט ער לויטער, קלוג אף דאריען א קוק געגעבן און האט א שמייכל געטאן:

— א ווייב האסטו א פארשטאנדיקע. ניט געגליכן צו אנדערע!

און אוועק.

אז זיי זיינען אליין געבליבן, האט דאריע ווידער הערשעריש אויסגערופן:

— היידא, פריילין, טו זיך אן און נעם דעם וועג. ווארום עס זידט אין מיר, כ'וועל א טעל מאכן! איר האט זיך שוין געפארט אדער ניט באוויזן נאך?

אנטאנינע ניקאלאוונע האט זיך ווידער פאנאנדערגעווייגט:

— גאט, ווי האט איר דאס קיין כארפע ניט! וואו איז מיין פוטערל?

סאפראן האט פארפינסטערט געזאגט:

— שווייג, דאריע, ס'איז גארניט געווען...

עס האט אים געצויגן צו דער ווייגענדיקער אנטאנינע ניקא־לאוונע, נאר ער האט מוירע געהאט פאר דאריעס ווילדקייט. דע־ריבער האט ער שווער געאטעמט און געקוקט, קלוימערשט גלייב־גילטיק, ווי די לערערין האט דעם פוטער אנגעטאן. נאר ווען זי איז צום טיר אוועק, האט ער מיט א בעטנדיקער שטים, פארכטיק א זאג געטאן:

— אנטאנידע גיקאלאווגע, דאס פערד איז אפן הויף. זיצגאנאווס אינגל וועט אפפירן.

די לערערין האט פארשטאנען, אז אזוי וועט בעסער זיין. האט זי מיטן קאפ א שאקל געטאן און איז ארויס. דאריע האט איר באגלייט מיט אן אנגעצוגדענעם, בייזן בליק.

— גו, היידא אהיים, סאפראן. גאר, אט האסטו מיין ווארט: איך וועל דיר דעם קאפ שפאלטן, אויב נאך!... דו מיינסט, אף וועמען האב איך ראכמאנעס געהאט? אף די קינדער אף מיינע האב איך ראכמאנעס געהאט! ווען דו ביסט געוועזן דער לעצטער שיקארניק, אז איך פלעג דיר פון אונטערן פארקן אויפהויבן, איז וויפל מאל האב איך גאט געבעטן: וואלט ער באטש א מיסע מעשונע אייגענומען, גאטעניו... איך וואלט קיין ראכמאנעס ניט געהאט. קיין לייטיישע געלעכטער וואלט באטש ניט געווען. און אף די קינדער דעם שעם: דעם שיקורס סאפראנס. און אז דו האסט זיך אויסגעמענטשט, פיקט קיינער ניט די קינדער. און אויב עמיצער גיט א שטאך, איז עס פאר קינע. צוליב די קינדער האב איך זיך פארקרעמפעוועט! גערענק, סאפראן, מער וועל איך ניט פארטראגן. כ'וועל מיימעסן!

זיי האבן זיך מיט די אויגן באגעגנט, און ניט דאריע, סאפראן האט זיינע אן א זייט אפגעפירט. זי איז הארט געווארן. דאס ווייבל: די ציין צונויפגעפרעסט און אין די שווארצע אויגן — אקשאנעס.

שטענדיק האט אזוי געטראכט סאפראן:

— דאס ווייבערשע פאלק איז א נידערטרעכטיקס: דערפאר האלט זיך איר גייסט נאר אף אנגלערנעניש.

און איצט האט ער קיין אנגלערנען ניט געפונען, אליין אז אראפגעפאלענער האט ער געגלויבט.

— און טאקע גאנץ פאשעט, אט אזא קאן טאקע מיימעסן.

באנאכט, אז זיי האבן שאלעם געמאכט, און דאס ווייבל איז צעווייקט געווארן פון מאנס צערטלערייען האט זי ארומנעמענדיק אים פונדעסטוועגן באשטעטיקט:

— און אונזער געשפרעך פארגעס ניט.

IV

א נעקייווע איז שטענדיק א מעניע אין לעבן. בייגעקומען האט סאפראנען אנטאנינע ניקאלאוונע. קריכט אין געשאמע אריין יעדע ווילע און שטערט אין די איניאנים. פון צעשיידונג האט ער זיך נאך מער צעהיצט. אין שול האבן זיי זיך אפט געזעען. נאר אלץ צווישן מענטשן. ער האט זיך געפרואווט מיט ביכער פארנעמען. אומזיסט זיך געמאטערט. און צו דער ביבליאטעק איז ער קעלטער געווארן. פון שטאט האט מען געענטפערט: שיקן פאר א ביבליאטעקאר איז ניטא וועמען. געבילדעטער אוילאם וויל ניט גיין צו די באלשעוויקעס אף ארבעט. מע האט גערעכנט וועמען עס ניט איז פון די אייגענע צופאסן. פון פויערים איז ניט געווען וועמען. אלעמען האט פארנומען די נייע ארדענונג. פארזיצער און סעקרעטארן האבן זיך אסאך געפאדערט. ארטאמאן פעגיך האט זיך ניט אומזיסט געקלאגט:

— וואו דו זאלסט ניט א שפיי טאן, טרעפסטו אף א פארזיצער!

און ס'איז אלץ א נאכפראגע אף אזעלכע, וואס קענען לייענען שרייבן. און אין דארף קאן מען זיי אף די פינגער אויסרעכענען. אין דארף־שול האבן קימאט אלע זיך געלערנט. נאר מען האט פארגעסן וואס מען האט געלערנט. איינמאל איז צו סאפראנען געקומען גאלאוויגעס וייב, א ביטע געבראכט וועגן שטיצע, וואס סאפראן האט פארן מאן צוגעזאגט און פארגעסן ארויסגעבן. אלע ווערטער אין דער ביטע זיינען צו דער זאך צוגעקליבן געווארן, און די אויסיעס האט מען געקאנט לייענען, אינגאנצן פאנאנדערקלייבן.

— ווער האט דיר די ביטע געשריבן?

— ווער זאל שרייבן? איך אליין. א דאנק די זאגערס אונזערע, דאס האבן זיי קינדהייט מיך אויסגעלערנט. אלע בריף דעם מאן אף מיליטער־דינסט אליין געשריבן.

— נו, גוט, וועסט זיין בא אונז אפן ביכער־אייסעק. געהאלט וועסטו באקומען, אט האסטו דיר שטיצע!

און האט באשטימט די גאלאוויכע פאר א ביבליאטעקארין. דעם צימער, וואס איז געווען פאר אנטאנינע ניקאלאווגע בא=

שטימט, האט מען פארשלאסן. מען פלעגט אויפמאכן נאר ווען שטאטישע פלעגן קומען צופארן, און גאלאוויניבע פלעגט קומען אינדערפרי, נאכדעם ווי זי פלעגט דעם שווער מיט די צוויי קליינע קינדערלעך אנשפייזן. פלעגט זיצן ביז האלבן טאג, דערנאך פלעגט זי צוריק אהיים גיין, ענדיקן מיטן מיטאג און ביז אוונט צוריק אין ביבליאטעק.

אירע פליכטן פלעגט זי אויספילן פלייסיק. סאפראן האט איר געזאגט, אז מען דארף די ביכער וואס מע גיט אהיים ארוים אין א העפטל פארשרייבן, האט זי אזוי געטאן. און מיט א צעדרייטן נאר לייענבארן קסאוו פארשריבן אין די העפטלעך:

„קאטשיראוו מאלאקאנסקער גאלעך ט'גענומען פון וואגעט אבנזיך גענומען מענטשן אף דער ערד".

„דער זיידע יעוועסטראפ ט'גענומען אן א גאמען".

אהיים געבן ביכער האט זי זייער ניט ליב געהאט. זי פלעגט אויסקלייבן נאר אלטינקע און אן בילדלעך.

— איר וועט נאך אנליאפען עפעס אפן ביכל! טשעפע ניט — זאל שטיין! אטא דעם קאן מען.

צוויי מאל אין וואך פלעגט זי וואשן די דילן אין ביבליאטעק און אין די טעג פלעגט זי קיין באזוכער ניט ארייננלאזן.

— זאל אויסטריקענען! מארגן ט'איר קומען.

אליין פלעגט זי זייער ליב האבן קוקן די בילדלעך און די אילוסטרירטע זשורנאלן. לייענען פלעגט זי ווייניק — קיין צייט ניט געווען. זיצנדיק אין ביבליאטעק, פלעגט זי מערער זיך פארנעמען מיט פאריכטן און מיט א שפיזל שטריקן האפט צום פארקויף און אויסגענייטע זאקן, וועלכע זיינען זייער שטארק ארויין אין דער מאדע אין דארף. זייער שטארק פלעגט זי מוירע האבן פאר קליינ-וואַרג און יונגוואַרג. ווי אן אדלערין פלעגט זי זיך נאך זיי א ווארף טאן צו דער ביכער-שאפע.

— זיי וועלן עפעס צושלעפן און ס'טזיך אפילע ניט ארומ-זעען!

נאר אפלערנען זיי פון דער ביבליאטעק האט זי ניט געקאנט. זיי זיינען געווען די סאמע אפטע באזוכער. זיי פלעגן פויקן אפן קלאוויר, קוקן בילדלעך און לייענען ביכלעך. די פויערים פלעגן מערסטיילנס זיך פארנעמען מיט צייטונגען. די וואס פון הינטערן

גראבן פלעגן קומען הערן. ווער ס'גיט איז פון די גיעבעסנאווקער פלעגט, געווייגטלער, לייענען די צייטונג אינדערהויף. די גאלאוויניכע האט מען אינגיכן אנגעהויבן לויבן. א פארשטענדיקע ווייבל, אין מאסקים מיט אלעמען. הויבט אן קאטשעראוו ריידן, אז דעדיבער איז דאס בא אונז אזא ניט איינגעארדנטקייט, ווייל מע האט גאט פארגעסן, און גאטס ווארט ווייסט מען ניט, גיט גאלאוויניכע א זיפץ און יאקעט אונטער :

— ס'האט זיך אינגאנצן דאס פאלק אפגעלאזן ! און ווי קאן דאס זיין אן גאט ?

רעדט סאפראן, אז די גאלאכים פלעגן גענארערייי מאכן, דאס פאלק באראבעווען, גיט זי אויך א שאקל צו מיטן קאפ :

— ווי זאגט מען, בא א גאלעד שפארן די אויגן פון קינע, און די הענט וואלטן אלץ פארנומען.

אז מען פלעגט דעם אינטערנאציאנאל זינגען, פלעגט זי אויך אונטערזינגען. אין קלויסטער, אין יאנטעוודיקע טעג פלעגט זי אויך גיין ניט זעלטן. מיט איר קאוועד לייגן פלעגט זי אלעמען צעפרידן שטעלן. נאך ווען דער מאן האט געלעבט, פלעגט זי קליידער טראגן, לויטן שטאטישן שניט, נאר דאס קאפטל פלעגט זי ארויסלאזן. איצט האט זי אנגעהויבן דעם קאפ האלטן א ניט צוגעדעקטן אויך אין שטוב און די האר פלעגט זי ניט אויפשויבערן. דאס ביבליאטעק-גוטס האט זי וואכזאם געהיט. דאס האבן אויך געשעצט די פויערים :

— א באלעבאטיש-ווייבל ט'זיך געטראפן !

אין שטאט האט מען זיך עפעס אמאל דערמאנט אן דער ביבליאטעק. האט מען געפרעגט בא סאפראנען : עפעס אסאך ביכער איז צוגעשטעלט געווארן פון הער פאקראווסקים גוט ? סאפראן האט מיטגעטיילט : דריי טויזנט. האט מען זיך באם קאפ געכאפט און אנגעשריבן, אז מע וועט ארויסשיקן פון שטאט א ווינסגדיקן מענטשן די ביכער אנקוקן און אן ארדענונג אין ביבליאטעק איינפירן.

ברויזנדיקע, אומרואיקע טעג האבן זייער ריי געפירט. דער אטעם פון ווינט איז ווארעמער געווארן. אפגעזועצט זיך, ברוין איז געווארן דער שניי. פון אונטער אים האט אף מענטשן א שמעק געטאן מיט רעגנדיקער נאגענייש פון ערד, מיט איר פרילינגדיקן

ליבע=כיישעק און באפרוכפערונג=פארגעפיל. אפטער פלעגט אומרואיק זיין אין די שטאלן דאס פי. ס'פלעגן אויסגיין אין גלוסטיקן מיאאוקען די קעץ אף די דעכער. מיט הייסער רויטפארב פלעגט דאס בלוט אפטער א שלאג טאן די מיידלעך אין די באקן, באכניביקער זייגען זיי געווארן צו צערטלערייען; צעשמאלצן געווארן און געדריקט זיך צו די מענער האבן ווייבער. אין פארנאכטן צוזאמען מיט דער פינסטערקייט, וואס ווערט געדיכטער, פלעגט אנקומען אף יונגוואָרג א זיסער אומעט, פון וועלכן דער קערפער פלעגט אומרואיק ווערן. אלטע לייט פלעגן מיט קלוגע, ווייסנדיקע אויגן באשטימען ווען אין שטאל און אין שטוב, וועט צוואוואקס זיין.

אין ווייען האט סאפראגען אנגעהויבן פייניקן די ליבע=נאגעניש נאך אנטאנינע ניקאלאוונע. אפט פלעגט ער גראב און דארשטיק דאס ווייב לאשטשען, נאך פינסטערער און בייזער נאך געווארן נאך די צעטלערייען. און דאריא האט זיך איינגעשטילט. זי האט זיך בויגעוודיקער און ווייכער באוועגט, דער פאנים איז בלייכער געווארן. דער בליק האט מיט אן אינווייניקסטער ווייכער און וואַרעמער ליכט זיך אנגעצונדן. זי איז שוואנגער געווארן. סאפראן האט אויפגעהערט מוירע האבן פאר איר. נאר אנטאנינע ניקאלאוונע פלעגט אליין פלינק אויסמיידן באגעגענישן אויג=אף=אויג. א פארגעלמטער און פארוואלקנטער פלעגט ער יעדן אוונט זיך דרייען אין שול און אוועק אהיים א פארמאטערטער. שטענדיק פלעגן זיין בא אנטאנינע ניקאלאוונע אנדערע לערערינס אדער סאלדאטקעס.

שטאטיש מרייע, האזעריקע, האבן זיי מער פון אלץ געשטעכט סאפראנען. איז כימרע געלעכטערל, אין א פארבייגלימשנדיקן וואונק האבן זיי געגעבן צו פארשטיין, אז זיי זעען סאפראנס בענקשאפט. ער פלעגט זיך אנשפיצן און אוועק.

אין איין אוונט, א פריילינגדיק=ערשעפטן, האט סאפראן, א געלער און אויסגעמאטערטער געשמועסט מיט די פויערים. אין קלאס איז געשטאנען אן אומזיניקער, דעם קאפ פארדרייענדיקער געפילדער. ס'זיינען געגאנגען רייסעריען איבער ערד, איבער דער פריילינגדיקער אנקומענדיקער פארזייאונג, איבער דעם, ווי אזוי פאנאנדערצוטיילן די גערעטעניש פון די ווינטער=טוואועס, וועגן די

נאר וואס אין בעשבן גענומענע לאנדווירשאפטלעכע מאשינעס. אין
שול איז אריין אן אנגעקומענער אין א צעכראסטעטן שטאטיש=
פוטער=מאנטל, אין הויזן גאליפע, און אין א פרענטש, מיט א
רויטן שטערן אפן שווארצן לעדערנעם היטל, מיט א בייכיק,
שווארצן, לעדערנעם פארטפעל הינטערן ארעם.

צוליבן וויקואר האט מען אים ניט גלייך באמערקט. האט
ער פאנאנדערגעשטופט דעם עוילאם און גלייך צו סאפראנען.
אנגעהויבן פרעגן אף גיך:

— וואו איז דא דער אויספירקאם? וואס איז עס פארא
פארזאמלונג? א קעמערל איז אין דארף פאראן?

סאפראן האט אף קיין איין פראגע ניט באוויזן צו ענטפערן,
און ער האט שוין גיך, גיך געשאטן מיט ווערטער: גוטן אוונט,
באוועד, איך האב אייך אין שטאט געזען, גלייך טאקע דערקענט.
איר זייט, דאכט זיך, דער פארזיצער פון וואלאויספירקאם? אהא,
אויסגעצייכנט! לאמיר טאקע גלייך צופארן אין ביבליאטעק. אט
איז מיין מאנדאט. דאס איז א פארזאמלונג פון קעמערל? גע=
הערט, געהערט, אייך ט'זיך איינגעגעבן מיטאמאל א פילצאליקס
ארגאניזירן. גוטן אוונט, באוויירים, איר גרייט זיך צו די וואלן
אין די ראטן? וואס פארא פלענער האט איר פון ערד=פארטיי=
לונג? יא, יא, כ'וויים, און וואו וועט מען מיך דא מיט טיי מע=
כאבעד זיין?

ארטאמאן פעגיך האט אפילע מיטן קאפ א שאקל געטאן און
אויפמערקזאם דעם געקומענעם אין מויל אריינגעקוקט. אים האט
זיך געטראכט:

— פונקט, ווי עס וואלט בא אים אינווייניק עפעס א מא=
שינדל ווערטער ארויסגעווארפן. נאר ער שיט! א מאכער אדער
א פלאפלער?

ביז וואנען דער געקומענער האט אן אפרו מיט פראגן
געשאטן און אליין געענטפערט אף זיי, האט סאפראן דעם מאנדאט
איבערגעלייענט און כאפנדיק א מינוט, דערקלערט דער פאר=
זאמלונג:

— א אינסטרוקטאר אין הילכעם אויפקלערונג. אייך איז
געוואונשן די ביבליאטעק א קוק טאן?

— סאי אין ביבליאטעק, סאי אין קעמערל אין אייערן אונ=

מערקנעלן. די פראגראם האט איר דורכשטודירט ? ליגט אויפמערקזאמקייט אף דער פראגע וועגן אונזער ערד=פראגראם. איך וועל אייך באלד קלאר מאכן...

איבערגעבאפט דעם אטעם, ווייל אנטאנינע ניקאלאוונע איז אריין. צו איר ברייט און פריידפול א שמייכל געטאן, פון וואס זיין ביינערדיקער פאנים מיטן פארוסן נעזל איז מיטאמאל ליב געווארן.

— גוטן אוונט, גוטן אוונט, און איך האב גאר פארגעסן, אז איר געפינט זיך דא ! טאקע בעעמעס ! אינגאנצן פארגעסן ! איר געדענקט דאך מיך ? נו, יא, יא ! אין דער פארטיי האט איר נאך ניט באשלאסן זיך פארשרייבן ? מע דארף, מע דארף ! די אינטעליגענץ סאבאטירט, אבער איר האט א געזונטן פארשטאנד. מיט מיר וועט איר מעכאבעד זיין ? איך וועל אט באלד.

ער האט צו די פויערים זיך אויסגעדרייט און מיטאמאל האט ער מיט א קלוגן און שארפן בליק, וואס האט מאדנע ווידערגעשפראכן זיין צעדרייטער באריידעוודיקייט, זשיגאגאוון אין פאנים זיך איינגעגעסן :

— איר זייט פון די גרויסע באלעבאטים ? לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס האט איר ? דאס איז אומפארמיידלעך, אף צוריק וועט איר גארניט אומדרייען ! דער פראלעטאריאט וועט וויסן, ווי צווינגען, מע זאל אנערקענען זיין ווילן.

אין איין האלבע שעה טרעפלעך, ריכטיק אויסגעטיילט פון אוילאם מיטן בליק, און דורך פראגן פארשטייער פון פארשיידענע שיטעם פון צעשפאלטענעם, פארווירטן דארף, אנגערעדט אסאך ווערטער, נאר אויסגעלערנט שוין פארשטיין זיין שנעל ריידן.

ארטאמאן פעגיך האט באשטעטיקט :

— א מאכער.

סאפראן האט זיך פארקוקט אף זיין באוועגלעכן פאנים, וואס האט ווי מיט געדאנק, באוועגונג און ווערטער געשפריצט. אפילע אן אנטאנינע ניקאלאוונע פארגעסן. ער האט זיך דערמאנט און עס האט אנגעהויבן זויגן מיט שוין געוויינטלעכער גודנער נאגעניש. נאר דעמאלסט, ווען דער אינסטרוקטאר האט געזאגט :

— פארט מיט אונז, כאווערטע, אין ביבליאטעק. אט מיר מיטן פארוואלאויספירקאם... כאווער קאנישעוו, יא ? איך געדענק.

פאמיליעס פארגעדענק איך גלייך. נו, אוועקגעפארן! אין דרייען איז ניט ענג אין שליטן? ביז מארגן, כאווירים! מיט סעקטאנטן אין מיר זייער אינטערעסאנט א שמועס טאן. וואו איז דא בא אייך גיעבעסנאוואקע?

אין שליטן אונטערוועגנס איז ער מיטאמאל שטיל געווארן. און סאפראן האט ניט געוואוסט, צי ער הערט אים, אדער ער האט אינגאנצן זיך ארייגעטאן אין זיינע געדאנקען. דאס געזיכט האט ער אן א זייט אפגעקערט—הערט ניט, ווייזט אוים. נאר סאפראן, פלאנטערנדיק זיך, האט פארגעזעצט דערציילן וועגן די וואלאסט-איניאנים. דאס בלויז האט געבערנט, ווייל עס איז ענג געווען אין דרייען אין שליטן. אנטאנינגע ניקאלאוונעס פלייצע און פוס האט זיך דורכן פוטערל געפילט. ריידן איז פונגדעסטוועגן גרינגער, איידער שווייגן און צוהערן זיך צום ברויזנדיקן ציטער פון גלוסטן. נאר די ווערטער קומען ארויס ניט גלייבע, ניט גלאטע.

און דער אינסטרוקטאר, ווייזט זיך ארויס, האט געהערט. ארויסגייענדיק בא דער ביבליאטעק אין שליטן האט ער געזאגט סאפראנען:

— איך זייט געדעכט: שווערער פון אלץ איז מיט די סעקטאנטן. ביכער-פרעסער, יעדן אם לערנען זיי, און די דעקרעטן זייגען בא אונז אביסל דאסיק... ניט שטענדיק קלארע. וואס? עס קלעקט ניט קיין מענטשן? די שטאט וועט העלפן, נאר דארט איז אויך ווייניק. באווערטע כלעבניקאוו שפרינגט! מיר זיינען שוין געקומען!

גאלאוויניכע האט זיך געקליבן די ביבליאטעק פארשליסן. זי האט זיך געאמפערט מיט דער יוגנט, וואס האט נאך ניט געוואלט אוועקגיין. דערזעענדיק די געקומענע, האט זי גלייך פארשטאנען:

— קנעפלעך פון שטאט.

זי האט פאריכט דעם קאפטל, און מיט באגריסנדיקן שמייכל קימאט ביז די קני זיך געבוקט.

דער אינסטרוקטאר האט זיך גלייך מיטן בליק איינגעגעסן אין דעם פלאקאט, אף וועלכן עס איז געווען אויפגעמאלט א קאלדאט מיט אן אויפגעריסענעם מויל. הויך און פארגייענדיק זיך פאנאנדערגעלאכט:

— וואס איז דאס מיט אייך, איר האלט נאך אלץ באם אונ-

מערשרייבן זיך אף דער פרייהייט=האלוואַ? באוועך קאגיישעוו- ווי זשע האט איר דאס פארשלאפן? באווערטע כלעבניקאוו, א? אראפגעמען, אראפגעמען! פארשפעטיקט. אך, לייצים! און די ביכלעך בא אייך, זיינען, מיסטאם, אויך אזוי. אף די ווענט צוזא- מען מיט לעגינען—פרייהייטס=האלוואַ, און אין די שאפעס צו- זאמען מיט מארקסן—יאַן קראנשטאטסקי. א? באווערטע ביבליא- טעקערין? א? איר האט ניט געלייענט די ביכלעך? יאַן קראנשטאטסקי איז דא? אויסראמען, אויסראמען צוזאמען מיט פלאקאט.

גאלאווניכע האט זיך פארשעמט:

— וואו וועסטו זיך שוין ארומקוקן וואס פארא ביכלעך! און ווידער די נייע גיב איך גיט רייסן. זיי שטייען זיך און קיינער זעט ניט וועלכע. אזוי זיך, מיט א שמאטקעלע טרייסל איך זיי אפ...

— מיט א שמאטקעלע! די באלשעוויקעס, באווערטע, דאס איז אזא פאלק: זיי ווילן, אז אלץ זאל זיין גיך און פון ערשטן סארט. מיר וועלן דריגגענד אויסלערנען אלעמען לייענען און שרייבן און בעריעס זיין. די ביבליאטעקן אלע מיטאמאל אוועקשטעלן לויטן לעצטן ווארט פון דער ביבליאטעק=טעכניק. איר האט ניט געהערט וועגן דער צענער=סיסטעם פון דיואי? קעטערס טאבעלן זיינען דא פאראן, באווערטע כלעבניקאוו?

גאלאווניכע האט באדאכט איבערגעבאזוערט:

— קע=קעט=טערס....

און נאך דער רעגילעס נאך, מאסקים געווען:

— יא, יא... קעטערס.

דער אינסטרוקטאר האט א קוק געטאן אין אירע ברוינע, צערטלדיקע, מיט אלץ איינשטימענדיקע, אבער קלוגע אויגן און האט זיך ווידער צעלאכט....

— פון וואנען האט אייך באוועך קאגישעוו אויסגעגראבן? און מיט ראשן טראט אוועק פון שאפע צו שאפן.

גאלאווניכע האט מיטאמאל זיך דערשראקן און פארלארן- אומבאהאלפן אלעמען אנגעקוקט.

דער אינסטרוקטאר האט ארויסגעשלעפט פון בייכיקן לעדער- נעם פארטפעל, וואס ער האט די גאנצע צייט פון האנט ניט ארויס- געלאזט, צוויי וויסינקע ביכלעך און האט אנגעהויבן צו דערקלערן

אלעמען, ווי אזוי מע זאל זיך מיט זיי באנוצן באם ברענגען אין ארדענונג די ביבליאטעק.

גאלאווינעווע, אויסשטעלנדיק א פאר קיילעכדיקע אויגן, האט אויפמערקזאם געקוקט אים אין מויל אריין. עלטערע קינדער און צוויי זעכצניעריקע באכערים האבן זיך צוזאמענגעשפארט באם קלאוויר. סאפראנס צוועלפיעריקער זון וואנקע, צופעליק א קוק געבנדיק אף גאלאווינעווען האט הויך א כיקע געטאן.

דער אינסטרוקטאר האט אפגעריסן דעם שמועס און זיך אויסגעדרייט צו אים. נאר אין דעם מאמענט איז גאלאווינעווע צוגעגאנגען צום אינסטרוקטאר און מילד א ריר געטאן פארן אקסל:

— הערט, הער... באוער, הייסט עס. מעסוקן שווער איז אט אזא געשריפט. פארשטיין קאן מען... פארוואס זאל מען ניט פאר־שטיין? נאר העיווים ווי איך בין א באקינדלטע.

דער אינסטרוקטאר איז אנטשוויגן געווארן און לעבאטכילע ניט פארשטאנען:

— וואס, וואס?

— א באקינדלטע, הייסט עס, בין איך... נעמט ניט פאר אומגוט! ווער קאן דא איצט מיט קע־ע־טערן... איינעם וויש אונטער, דאס צווייטע האדעווע אן, דאס דריטע דעם מויל פאר־שטעק. דרייען זיינען זיי בא מיר פאראן, די קינדער... קלייבסט צו און היידא גלייך אהער. און דא אויך, די דילן וואש איך צוויי מאל א וואך. מוט מיר די טוווע, פראסטער ווי ס'ניט איז גיט מיר צו דערקלערן.

און אין די ברוינע אויגן אזא פארציטערטקייט און אומעט, אז באם אינסטרוקטאר האט זיך דער געלעכטער דורך א מילדער באטע איבערגעריסן:

— א באקינדלטע, זאגט איר? גו, נישקאשע, מיר וועלן אייך צו הילף געבן. און אייערע קענט איר פונדעסטוועגן. א? ניין, באוער קאנישעוו, דאס איז דאך רירנד: „א באקינדלטע"! און מיר האבן אין אונזערע פלענער אנגעמערקט: א ביבליאטעקער דארף זיין אוניווערסאל־געבילדעט. נאר „א באקינדלטע", דאס איז גוט. מאביליזירט די לערערינס, באוער קאנישעוו. די ביבליאטעק אומבאדינגט ברענגען אין ארדענונג! און איר, זארגט זיך ניט,

כאווערטע ביבליאטעקערין, מיר וועלן גאנין פארשטענדלעך אליין געבן צו דערקלערן. איר וועט זיך צוגעוואוינען! אף די דילן וואשן וועלן צו הילף געפינען.

דער אינסטרוקטאר האט לאנג און מילד גערעדט מיט גאלאוויניבען. אף זיינע פראגן אליין געענטפערט, נאר זי האט זיך אין א שמייכל פאנאנדערגעבלים און מיט קאפ-שאקלען אלע ענטפערן באשטעטיקט. דערנאך האט ער זיך מיטן יונגווארג פארנומען. כאפראנס וואנקע האט אים און דעם טאטן איבעראשט. פארלאנגעריש, מיט א האזעדיקן שמייכעלע אין די גרויע אויגן, האט ער געהאלטן אין איין פראגן שטעלן דעם אינסטרוקטאר וועגן די נייע ארדענונגען, וועגן ערד-צעטיילונג, וועגן באציאונג פון שטאט צום דארף.

— געבן האט מען נאך גארניט געגעבן און די וואל האט מען שוין צוגענומען! אפן נייעם כאאיל יעדע ווילע: פעלצלעך, וואליקעס, ברויט! בא דער ווירטשאפט לאזט מען די ארבעט ניט טאן. אלע פויערים זיינען ראק פארזיצער און דעלעגאטן. ווי וועט די פויערשע באלעבאטישקייט זיין? דער מילכאמע ט׳מען געזאגט, וועלן מיר א סאף מאכן, און איצט האט מען זיך נאך איינע פאר די אנדערע א כאפ געטאן.

אין דער האזע פון די ווערטער, וואס ער האט געווארפן מיט אן אנגעשטרייגטן קאל, וועלכער האט זיך אפט איבערגעריסן, אין דעם ארויסרופנדיקן געלעכטערל אין די אויגן — אן אויפגערודערטער, זוכנדיקער געדאנק.

האט געהאט געוואלט דער אינסטרוקטאר ארויסדרייען זיך מיט דער פראזע „האקט מען האלץ—פליען שפענער", נאר אומגעריכט פאר זיך אליין, האט ער ארומגענומען וואנקען פאר די פלייצעס, אוועק מיט אים איבערן צימער און אנגעהויבן שיטן זיינע דריבנע ארבעסלעך-ווערטער, וועלכע האבן זיך צעקלונגען מיט טיפער פולקייט פון מענטשלעכער אויפריכטיקייט.

ער האט גערעדט דערפון, אז מיט א שווערן שיכט האט די ערד צוגעדריקט דאס דארף. דאס איז געווען זאטער, נאר פינסטערער, טעמפער. מיליאנען מענטשן האבן געלעבט, ווי מוילווארפן, מיט שווערע געדאנקען, מיט אקשאנעס פון טויטע, אפגעלעבטע איינגלויבענישן. מיט טעמפע האכנאע פאר יעדן שטעקן. אלע

באדינגונגען פון לעבנשטייגער האבן פארורטיילט אף פארזעצן אזא מין עקזיסטענץ. ווער עס פלעגט דערווערבן קענטעניש, דער פלעגט זיך אין דארף אריין צוריק ניט אומקערן. א אומגעהוירער קייווער באם לעבן נאך פאר מיליאנען מענטשן: נאר מי, שיקרעם און ווילדע אבערגלויבענישן.

אזוי לאנג, ווי עס האט געהערשט די פריערדיקע ארדענונג, האבן ניט שולן, ניט צוויבער־בילדער, ניט שמועסן די לאגע ניט געקאנט ענדערן. זיי האבן נאר געשטויסן, צו דעם, וואס עס איז געשעען. מע האט געדארפט פארניכטן די סיסטעם פון דערדאזיקער ארדענונג.

— איך וועל דיר ניט גיין דערציילן, וואס מע דארף פאר דער שטאט. גאר פארן דארף דארף מען: פארגרינגערן די מי, באפרייען די מענטשלעכע קויכעס דערויף, אז דער סייכל זאל ארבעטן. אף פארגרינגערן די ארבעט דארף מען האבן מאשינעס. אומעטום, וואו מען קאן נאר, באפרייען דעם מענטשלעכן קערפער פון אנשטרענגונג. מאשינעס מאכט מען אין שטאט. אז מע זאל זיי מאכן אזויפיל, וויפיל מע דארף, איז נויטיק צו באפרייען די ארבעטער פון די באלעבאטים, איינארדענען גוט זייער לעבן. האט מען באפרייט. אבער מיט וואס זיי שפייזן? דאס דארף דארף צוליב אייגענער באפרייאונג זיך אונטערנארטלען.

ער האט גערעדט לאנג און אין אלגעמיין, אן א סיידער, אז ער איז אנטשוויגן געווארן, האט וואנקע סאפראנס מיטאמאל, מיט א געווייגלעכן קינדערשן קאל געמאכט דעם אויספיר:

— הייסט דאס מע וועט אפשאפן דאס דארף? מ'וועט אנגפירן אהער קאלערליי מאשינעס, אלץ אפן שטאטישן שטייגער איינארדענען. אט וואס!

עס איז קענטיק געווען, אז ער האט נאך ניט באשלאסן, צי איז עס גוט—די אפשאפונג פון דארף. נאר די אויגן זיינע האבן אנגעהויבן לייכטן מיט א ווייכן גלאנץ. ער האט פארשעמט א שמייכל געטאן, פאמעלעך אראפגענומען דעם אינסטרוקטארס האנט פון זיין פלייצע און איז ארויסגעלאפן פון ביבליאטעק.

סאפראן האט ניט געגלויבט זיינע אויגן און אויערן. דעם עלטערן זון זיינעם האט ער צוויי מאל געשלאגן מיטן שווערן פויערשן קלאפ, דערנאך האט ער זיך געמיט אים ניט צו באמערקן.

א גיבלפּעניק, א רויבערער, א שלעגער, האָבן אים פּויערים פאַר־
קיין קאַליקע ניט געמאַכט נאָר דערפאַר, וואָס דער פאָטער זיינער
איז א מאַכער געוואָרן. אויסער גיבלפּע־לידלעך און פּרעכע ענט־
פערן, האָט מען פון אים אינדערהיים גאָרניט געהערט. און איצט
האָט ער אַזוי טיף, מאַיסע־באַלעבאָס געשמאַכן דעם אינסטרוק־
טאָר, אַז, עס איז צו זען, אַז ער האָט א סך פאַר דער צייט
זיך דערוואוסט און איבערגעטראַכט. געוואוסט אַלע פּויערישע
זאַכן.

דער אינסטרוקטאָר האָט אויפגערעגט געזאָגט :

— יאָ־אָ. א קלוג אינגל ! אויסגעצייכנטן יונגוואַלדט פאַרמאָגט
רוסלאַנד.

און סאַפּראָן האָט פאַרטראַכט איבערלייגנדיק זיך, געענט־
פערט :

— יאָ, אַט אַזעלכע וועט שוין קיינער, מעגלעך, מיטן הינטן
ניט צודריקן ! זיי וועלן זיך אַרויסרייסן !

און א אומדערוואַרטע כוואַליע פון באַפרידיקטן פאָטערשן גע־
פיל האָט זיך אין אים א וויג געטאָן :

— מיין באַליגאַן דאָך, א זון.

— א מערקווירדיק יונגאַטשל !

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם געקומענעם מענטשן, האָט זיך
אין ביבליאָטעק צונויפגעקליבן אַן אוילאַם. אַנטאָנינע ניקאַלאַיעווע
האָט געשפּילט אַפן קלאַוויר, און אַלע האָבן פלייסיק, לאַנג, אַפן
קלויסטערשן פאַרלאַנגזאַמטן נוסח, דערנענטערנדיק דעם אינטער־
נאַציאָנאַל צו א נאַציאָנאַלער וויימוטיקער ליד, געצויגן :

ניין, קיינער וועט אונז ניט באַפרייען,
ניט גאָט אַליין, און ניט קיין העלד...

דער אינסטרוקטאָר איז אַוועקגעפאָרן צו אַנטאָנינע ניקאַלאַיעווע
נע טיי טרינקען. א נאַכטלעגער איז פאַר אים צוגעגרייט געווען
אין דער ביבליאָטעק. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט מען
פון ביבליאָטעק נאָך ניט געהאַט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. מע האָט
זיך פאַרעדט, און דער געשפּרעך איז געווען אַן אומגעוויינלעך
פרידלעכער.

בא סאַפּראָנען האָט א שטאָך געטאָן אין האַרצן, ווען דער
אינסטרוקטאָר איז אַרוים מיט אַנטאָנינע ניקאַלאַיעווע. נאָר עס האָט

צעזייט און צעשטרייט דער געשפרעך מיטן אוילאם. עס האט זיך אים געוואלט ריידן. ס'האבן אויפגעלעבט, זיך באוועגט און באַאומרואיקט געדאנקען. אז דער אינסטרוקטאר האט זיך צוריקגעקערט, איז אף דער נעשאמע אינגאנצן לייכט געווארן. ער איז געגאנגען אהיים און געטראכט:

— „ווער ס'איז נישט, וועט ווערן אליץ". *)

אינדערהיים האט ער פריער פון אליץ געפרעגט בא דאריען:

— וואנקע איז אינדערהיים?

— שלאפט.

וואנקע איז געשלאפן אפן דיל, באם אויוון, מיט די ברידער. א בעט איז געווען נאר איינע, פאר מאן און ווייב. סאפראן האט א קוק געטאן אפן צעווארפענעם אין שלאף זון, האט א שמייכל געטאן אין אומגעשיקט, אבער ציטערדיק פאריכט דעם אזיאם, וואס דער זון האט געטראגן.

דער אינסטרוקטאר איז אפגעוועזן דריי טעג. אפן צווייטן אין אוונט איז סאפראן ווידער געווען אנגעבלאזן און מיט א פינסטערן פאנים. ס'האט געקלעמט דער אייפערזוכט־אומרו.

א גאנצן טאג האט אנטאנינע ניקאלאוונע און אנדערע לערערינס געארבעט אין ביבליאטעק צוזאמען מיטן אינסטרוקטאר. און סאפראן האט אין דעם טאג געזעען, ווי זיי זייגען געגאנגען באנאנד איבער דער גאס. דער אינסטרוקטאר האט הינטערן ארים אנטאנינע ניקאלאוונע געהאלטן, און זי איז זיך אין א געלעכטער פארגאנגען און מיט די אויגן געשיינט.

מאטערנדיק זיך פון זיין ווייטאק, האט סאפראן אנגעשלאגן באנאכט דאריען.

האט זיך אויפגעכאפט וואנקע און א ווארף געטאן זיך אפן פאטער. און געשריען האט ער מעסוקן און קלינגענדיק:

— איך וויים פון וואס עס דרייט דיך! גיי אוועק פון אונז, און די מאמע ניט ריר!

דאריע איז געווען אזוי איבעראשט פון זיין אנעמען זיך, אז זי האט וויינען אויפגעהערט. וואנקע האט שטענדיק אן כיישעק, בויזעקדיק מיט איר גערעדט. מיט טיפער באליידיקונג אף שטיקער געריסן איר מוטערלעך הארץ. סאפראן האט א מאך געטאן מיט דער

*) טעקסט פון „אינטערנאציאנאל", ווערכער פעלט אין דער אידישער איבערזעצונג.

האנט, א קלאפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס אַפן הויף. דער-נאָך, אין איין זומערדיקן מאַנטל, אַזוי ווי ער איז געווען, אָן א היטל האט ער קימאט מיט געלאָף זיך א לאָז געטאָן צו דער שול. די קעשענע אנגעלאָדן מיטן רעוואָלווער, האט אים געקלאפּט אין דיך. איצט פּלעגט ער אים מער קיינמאָל ניט פארגעסן. אין שול איז געווען שטיל און פינסטער. סאַפּראָן איז געשטאַנען לאַנג, דערפראָרן געוואָרן, און אראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, איז ער אַוועק אַהיים. פון טויער האט ער שאַרף פאַרקערעוועט צו דער ביבליאָטעק. דאָרט האט נאָך געברענט ליכט און אין באַלייכטענעם פענסטער האט סאַפּראָן דערזעען דעם אינסטרוקטאָר. ער האט געמאַכט מיט די הענט און עפּעס וואָס גערעדט. דאָס האַרץ איז פאַרגליווערט גע-וואָרן אין א פראַגע: מיט וועמען? נאָר אין דעם מאָמענט האט אויבן א קלאַפּ געטאָן די טיר, און עס האט זיך דערטראָגן מיטראָ-בע-שרייבערלס שטים:

— גוט. כ'וועל נעכטיקן. אט באַלד, כ'וועל נאָר „אַרויס" גיין!

גרינג איז געוואָרן דער קערפּער. מיטאַמאָל האט סאַפּראָן דער-פילט, ווי ער איז דורכגעפרוירן געוואָרן און ווי עס ווילט זיך שלאָפן.

באַנאַכט, ערעוו דעם אינסטרוקטאָרס אָפּפאָרן האט סאַפּראָן ווידער דעזשורעט בא דער שול. א פאַרוויקלטער אין א שוואַרצן פעלץ איז ער צוגעקלעפּט געוואָרן צום פינסטערן שטעלכעלע אַפן הויף פון שול. אין די פענסטער פון אַנטאָנינע ניקאָלאַיעוונעס צימער איז געווען פייער, נאָר די פאַרהאַנקלעך, דורכלאָזנדיק ליכט, האָבן דאָך געשטערט צו זען, וואָס עס טוט זיך אין צימער. א שאָ אָדער א יאָר איז ער געשטאַנען? אַזוי גרויס איז געווען די פּיין, אַז ער האט אָן צייט פאַרגעסן. אַז מע האט א קלאַפּ געטאָן מיטן פאַרוקער פון דער אַרויסגאַנגס-טיר, האט ער אויפגעציטערט, ווי פון א קלאַפּ.

— נו, שלאָף!

— מאָרגן קום איך באַגלייטן!

— ס'לוינט ניט, איך וועל פרי אַוועקפאָרן. א? יא, יא, אין שטאָט וועלן מיר זיך זען!

ער האט זיך געהאַט א ריס געטאָן נאָך אים, נאָר מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף אַפן גאַניק, בא דער ניט פאַרשלאָסענער

נאך מיר. זי איז געשטאנען, די געווילע, און האט נאכגעקוקט, האַ־
גאם דער געליבטער איז שוין הינטערן ראג פארשוואונדן!

— ווער איז עס? אַ־אַ!...

ער האט איר צונויפגעדריקט מיט דער האנט די באקן און דאס
מויל, און אונטערבאפנדיק אונטערן ארעם מיט דער צווייטער האנט,
האט ער איר אריינגעשלעפט אין איר צימער, אין דעם ניט צוטריט־
לעכן פאר אים אין אזא שא. פאר אים ניט צוטריטלעך, אבער פאר
יענעם, פארן שטאפישן... מיט די ציין האט ער א קריץ געטאן,
און די אויגן, און די אויערן, האבן ווי אף יאגד, אלץ אויפגעכאפט...
קיינער האט זיך אין וואך־ביידל ניט גערירט. שטארק שלאפן אלע.
האט ער זי א וואלגער געטאן אפן דיל בא דער טיר און, צודרי־
קנדיק מיט דער קני דאס מויל, פארשלאסן די טיר אפן קייטל.

— גיב נאר א געשריי, כ׳וועל דעם קאפ פלעטן...

ער האט ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער, האט א מאך געטאן
מיט אים אנטקעגן די שטיין געבליבענע, ווי פון שרעק און שטי־
קעניש פארשטיינערטע אויגן און האט באפרייט דאס מויל. זי
האט מיט מאטערניש אנן וויטאק דעם אטעם געכאפט און איז
אויפגעשטאנען.

— הויב נאר אן שרייען, פרוביר נאר!

— כ׳וועל ניט שרייען, סאפראן ארטאמאניטש!...

— „ארטאמאניטש"... האסט געביינדלט, און אפגעגעבן זיך
אן אנדערן. באוויז! נאך ניט אפגעטריקנט זיך? אך דו, פעל,
חור!...

א שטורמישער, שטראם זידלערייען, סאמע העסלעכסטע, האט
זי באטויבט. זי האט זיך אפגערוקט פון אים צום פענסטער.
גאר ער האט זי גראב א ריס געטאן צו זיך, ווידער אווארף געטאן
זי אפן דיל און, צערייסנדיק דאס קלייד, ארויפגעפאלן אף איר,
זי צוגעדעקט מיט זיך און מיטן פעלץ, וועלכער האט זיך ברייט
באנאנדערגעווארפן אפן דיל.

אין דער העסלעכקייט און דעם אומראכמאנעס פון אזא מין
באזיצן איז די סאמע אויסעסנדיקע באליידיקונג. וואס פארוואונדעט
דאס מענטשלעכע געוועזן דער געפיל: איר קערפער ענטפערט
לויט רעגילעס:

— אַ־אי־אי־ך!

ער איז אויפגעשטאַנען, אַנגעשפּיגן איר גלייך אין צורע, אַ שטויס געטאָן מיטן פוס און אויסגעדרייט זיך גלייך צו דער טיר. דינע, ווייסע הענט האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין אים. זי איז אויפגעשפּרונגען, זיך צוגעדריקט צו אים מיטן קערפּער, וועלכן ער האָט נאָך היינט, אַזוי לײדנשאַפטלעך און הייליק באַגערט. און איצט איז עס געוואָרן דערווידער. האָט ער זיך אַ ריס געטאָן און אויסגעשריען, ניט טראַכטנדיק וועגן קיינע פאָרזיכטיקייטן:

— גו=ו!...

— סאַפּראָן אַרטאַמאַניטש... סאַפּראָן... זאָגט קיינעם ניט... איך ליב אייך... איך וועל זיין אייערע... לאַנג... שטענדיק. זאָגט קיינעם ניט... מאַכט מיך ניט צו שאַ=אַנד!

נאָך אַלעמען קריכט זי נאָך! אַבי נאָר פאַר מענטשן אַ ריי=ניקע זיך אויסווייזן... אין די אויגן איז פּיין און עקל, די פּיס שמאָרצן פון גראָבן פויערשן נעמען, און די ליפּן שעפּטשען:

— איך וועל אייערע זיין... זאָגט ניט...

— אַך, פעל!... מי=עס=קייט!...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, איז אַרויסגעלאָפן, אַליין ניט געדענקענדיק זיך פון בייזקייט און עקל. אַ דאָרפישע שיקסע וואָלט די צורע צעביסן, און די פרייליין... און ער האָט דאָס אַף זיי פון אונטן, אַף די ווייסינקע, פון אייגענעם שמוץ, ווי אַף אַ גאָט גע=קוקט. אַך, נעווייליע, נעווייליע! האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ צנוע, אַ פויער אָפּגענאַרט, אַ=אַ!...

אַנטאָנינע ניקאָלאַיעווגע איז גאַנץ פרי מיטן אינסטרוקטאָר אין שטאָט אַוועקגעפאָרן. סאַפּראָן איז אַ גאַנצן טאָג צו בעט אָפּגעלעגן. ס'האָט אין קאָפּ געקערט, די באַליידיגונג, האָט טראַכטן ניט געלאָזט. פאַר וועמען צו אַש און צו בלאָטע זיך געמאַכט? אַלע זיינען זיי, שטאָטישע, אַזעלכע! מיטן אויסזען גענאַרן זיי, אַליין זיינען זיי נידערטרעכטיקע. לערער! רעטער!

דאַריאַ האָט מוירע געהאַט צוגיין צו אים, קינדער אָפּגע=טריבן און געציקעט אַף זיי, נאָר איין מאָל געפרעגט:

— עפּישער זויערן קרויט אָפּן קאָפּ אַרויפלייגן? ס'וועט העלפן.

— מע דאַרף ניט....

פויערים זיינען געקומען, האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער

שלאפט. און דאריא האט מיט גיט געמאכטן אומרו געזאגט:
— א קאדאכעס אדער א פלעקנס.
באנאכט, אז דאריא האט זיך פארזיכטיק אנידערגעלייגט בא דער זייט, היטנדיק זיך ניט א שטויס צו טאן דעם מאן, האט ער מיטאמאל פארזיכטיק, מיט ליבע צוגעצויגן זי צו זיך און צו־געדריקט די ליפן צו דער ווייסער, פון שוואנגערשאפט אויפגע־טראגענער ברוסט.
ניט מיטן געדאנק, מיטן כאיעשן כוש, וואס נארט קיין מאל ניט אפ, האט זי דערפילט די גאנצע טיפקייט פון זיין צארטקייט און האט זיך שטיל פאנאנדערגעוויינט:
— סאפראן... געגארטער אדלערל מיינס!
— שווייג, דאריא... שווייג, מאמע. דארפישע בעהיימע מיינע...

V

ווערטער, ווי שטורעם־גלאק, קורצע, הילכיקע, מיט פרעמדן קלאנג שרעקנדיקע דערטראגן זיך אלץ אפטער און אפטער. נאך ניט אראפגענומענע פאסטנס, שטערן זיי נאך פאר הונדערט פופ־ציק ווערסט פון דער אויעזד־שטאט, פאר הונדערט צען פון דער נאענטסטער סטאנציע. דער אטעם פון גרויסן אומרו גיט נאך דער־ווייל נאר א פלאטער און לעשט זיך אויס און צווישנצייט צווישן שטורעם. און פארעלטערטער, טויבער, פויערשער שטילקייט. נאר עס איז שוין ניטא די אלטע רו, די מארעשכווירעדיקע, שרעקלעכע אין איר האפנונגסלאזיקייט. עס לעבן נאך היגטערן אויוון באבע מאיסעס, נאר מע שרעקט זיך שוין און מע באהאלט זיך אויס פון די געשרייען פון די נייע דארפישע רעדל־פירער.
האט זיך אומגעקערט אין אינטערנאציאנאלאווקע, געוועזענע טאמבאווסקע־ניעבעסנאווקע, רעדקין. ער האט זיך א לאנגע צייט געדרייט אין די שטעט. איז געווען ניט נאר אין אייגענעם אויעזד־שטאט, נאר אויך אין גובערניע, די פירעכצן רעווידירט. אין דארף האט מען זיך געבידעשט, וואס ער איז צוריקגעקומען א לעבעדיקער. מע האט גערעדט:
— און מיט וואס לעבט דאס א מענטש? א סקעלעט איינער

געבליבן, און דאס, אויך ניט קיין פעסטער. א געבוויגענער. די פלייצע א דוהע. און ארבעט נאך מאיסים! נאך שלעכטער געווארן.

נאר ארטאמאן פעגיד, באגעגנדיק רעדקינען אין גאס, האט שארף אין פּאנים ארייגעקוקט און געשעפטלער געזאגט:

— ניט קיין סאך דיר געבליבן, פּילימאן, צו ווימלען דא! אז ס'וועלן נאר זיך לאזן די טייבלער, וועט עס דיך אראפּשווענקען.

רעדקין האט זיך אויפגעשויבערט, אויסזידלען זיך געוואלט, נאר האט נאר אפּגעשפּיגן און טויב זיך אפּגערופן:

— זע נאר, צי איז עס אקארשט ניט דיין ריי? אפּגעהא־רעפּאשעוועט ביז א ברעג: א זאקן. און איך וויל נאך אביסל ציען. א דארער בוים סקריפּעט אפּ צוויי דוירעס.

און אין די הייסע אויגן, אן אומרואיקער געבעט צום לעבן: גיב דידאזיקע צוויי דוירעס!

ארטאמאן האט מיט די ליפּן א קיי געטאן און פארטראכט זיך אפּגערופן:

— אלץ קאן טרעפן. איינגעאקשנטע זייט איר די הייגטי־קע. דורשט צו דער ליכטיקער וועלט פארמאגט איר אסאך.

און איז אוועק צו זיין הויף, דער אלטער, איינגעהויקערטער. צו דער ליכטיקער וועלט ניט קיין דורשטיקער, וואס האט שוין רואיק א קוק געטאן אין זיין נאענטן סאף, אבער נאך אף די פּיס שטארקער באלשעוויק ארטאמאן פעגיד, וועלכער זארגט זיך וועגן די אייניקלעך.

און רעדקין האט סאפּראנען איבערן גאנצן דארף געזוכט: אויספרעגן, ווי לאנג וועט ער זיין צעקראכן און מאכן שיעם מיט די מאלאקאנער. ער האט אים אבער אין דארף ניט געפונען.

סאפּראן איז אין שכיינעסדיקן כווראסטיאנער דערפל אוועק־געפארן, וואו די עלנדע איבערוואנדערער האבן אף א שטיינערדיקן, ווייניק פּרוכטבארן, פּונקט ווי פאר זיי צווישן די ארומיקע פּרוכט־בארע נאכלעס ארויסגעשוואומענעם ערד־טייל זיך באזעצט. איצט האבן זיי דעם וואלאויספּירקאם א מעלדונג דערלאנגט:

„מיר אונטערגעשריבענע פּויערים פון
כווראסטיאנקע אין זעבציק־פיר הויפן,
צונויפקלייבנדיק זיך אף אן אסיפה אין
דער צאל פון הונדערט דריי מענטשן

> האבן באשלאסן געבן אונז די ערד פון די גיעבעסנאווקער מאלאקאנער העיום ווי אף א שטיין וואקסט גארניט, און דערצו איז די ערד קיינעמס ניט ווי אף דעם פונקט איז פאראן א דעקרעט פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג, אז וועלכער מיר האלטן זיך איינשטימיק און ווייל ס'איז פאראן בורזשועז וועלכע מע דארף שלאגן איז פאראן אונזער האסקאמע דערצו האבן מיר די כסימע אונזערע צוגעלייגט".

די מעלדונג איז אנגעשריבן מיט דער פיינער האנטשריפט פון מאקארקען לויט דער צונעמעניש „אויסגעווען א וועלט", א געשוואוירענער כווראסטיאנער אנשרייבער פון אנקלאגעס און באקאשעס. און אונטער די מעלדונג צעבראכענע אויסיעס פון די כסימעס און אומעטיקע, קרומע צלאמים פון די אנאלפאבעטן.

די אולע, וואס דאס פרייליך האט אים פארשאפט, האט כאפּראנען אויפגעמונטערט. מיט ביטערן אנטוישונגס־רויך, ווי מיט גיפטיקער רעפוע, די אויגן דורכגעשוויינקט. אין זייער בלויקייט האט זיך באוויזן בליי, וועלכער האט פריער געפעלט. ס'איז אוועק דער טרוים־נעפל, און כאפראן האט דערזעען: ער האט זיך געצויגן אין געפענגעניש צו די רייניקע הערן און קיין עמעס פארמאגן זיי ניט. קיין שום וועט מען פון זיי ניט האבן. פונדערווייטנס באר זייגען זיי אנציענד. פון אויבן־אראפ שיקן זיי א שמייכעלע און געבן זיי זיך שטעלן דערלאזן זיי ניט. די צורע, הייסט עס, פאסט ניט! א, פאסט ניט! אונזער מאכט! און ווי עס טרעפט שטענדיק, ווען עס גיט א ברי די אולע־בייטש, האבן אויפגעלעבט אלטע ווייטאקן, דאכט זיך שוין אויסגעלעבטע און פארגעסענע. ער איז געלאפן פון פראנט א פארווילדעטער, א גרויזאמער פון מילכאמע־גיפט. דאמאלסט האט ער ניט מוירע געהאט, ניט ראכמאנעס געהאט אף קיינעם. און אין אייגענעם דארף איז ער אפגעגאנגען, אויסגעצערטלט זיך פון נאך קיינמאל ניט אויספּרובירטן קאווער און צוטרוי. שלאג זיי אלעמען די אוסווארפן! אלעמען, ווער עס וועט אפילע איין ווארט אף קידער־ווידער א זאג טאן! אונזער

מאכט ! מיטאמאל דערזעען, אז ער האט נאך גארניט געטאן, נאר געטרוימט און אליין די אומפארמעגלעכע פארפירט. קארג און שארף אף ווערטער געווארן; אף די ביכלעך, אף דער פריצישער ביבליאטעק א שפיי געטאן. אפן צווייטן טאג טאקע, ווי ער איז נאר אויפגעשטאנען, פאר די ניעבעסנאווקער זיך א נעם געטאן. א גרויסן הורט פי צוגענומען, אין שטאט אף שפייזן דער רויטער גווארדיע אוועקגעשיקט. אז ער האט זיך דערוואוסט, אז אין געבעט־הויז פון די עוואנגעלישע קריסטן אף אן אסיפע האט קאטשעראוו אין זיינער א דראשע זיין טאט געטאדלט, האט ער קאטשעראוון מיט אייגענע הענט מיט א נאגאיקע אנגעפליאסקעט און אין שטאט, אין טפיסע אוועקגעשיקט. דאס געבעט־הויז מיט שטעמפלען פארכאסמעט :

— ט׳קלעקן ! געגוג געזאגט ־טילים, אף דער ארבעט די בייכער צייט טרייסלען ! ..

צו די כווארסטיאנער איז ער אוועקגעפארן א צעהיצטער און גרייט אויסצופילן זייער באקאשע.

דארט האט מען צוזאמען מיט די געשרייען : „געגוג, ט׳מען זיך אנגעטרונקען מיט אונזער בלוט !” „גיטא, וואס צו ברייען, צודריקן די גוירים !” האט מען אים איבערגעבן אנקלאגעס אף דעם, וואס קיין שום סבוירעס איז אין דארף ניטא, זשעגעכ׳ז איז טייער געווארן, וואס דער דאקטער אין ראמאנאווקע „האלט זיך אן” בא דער אלטער רעגירונג : קיין שום רעפועס גיט ער ניט, פון דער מיעסער קרענק די סאלדאטן היילט ער ניט אויס. אין געפילדער פון שטארקע פויערשע זידלערייען, ניט פארבונדענע ווערטער און געשריי, האט אליין זיך צעהאזעט און פאראדנט :

— די קרעמער אלע איבערטרייסלען ! וואו האבן זיי באהאלטן די סבוירעס ? אומראכמאנעסדיקע קלעפ געבן, זאלן זיי אויסזאגן ! דעם דאקטער אויך אנלערגען און אין שטאט אוועקשיקן, און אפן קרייז פאר א דאקטער וועלן מיר פאנטעליי־סאגיטאר אוועקשטעלן. א יעדער פראשעקל ווייסט ער, וועט ארויסגעבן. און אליין וועל איך מארגן אין שטאט, וועגן פאדערונג : אט וואסערע זיינען אונזערע רעכט !

און אוועקגעפארן. און גלייך נאך אים דריי פורן כווארסטיאנער. אפן קרייז־הויז זיך צעשיידט. סאפראן צו זיך אין וואַ־

לאסט, און די כוואראסטיאנער—אין ראמאנאוקע : דעם דאָקטער אנלערנען און פאנטעליי־סאניטאר אף זיין ארט אוועקשטעלן.

ברוינער שניי איז אונטער די פיס צעקראכן. אין אוונט־דעמערונג געלעגן בא די זייטן פון וועג א פארטונקלטער און טריבער. און אין פעלד איז די שטילקייט געווען איבערפולט מיט דערוואַרטונג פון פרילינגס־שטורמען. אין דערדאזיקער שטילקייט, וועלכע האט אין זיך א אויסגעשריי פון אומגעדולד פארבארגן, האט זיך געאָטעמט אומרואיק. סאפראן האט גענוקעט דעם פורמאנדל סאנקע און אומרואיק זיך געווארפן אין שליטן...—

אין איגטערנאציאנאלאווקע האבן זיך שוין אנגעצונדן די שפענדל־ליכטלעך, און ערגעץ־וואו גאזע־לעמפלעך, ווען סאפראן איז געקומען צופארן. זיי האבן געפינקלט אין די פענסטער, און מיט זייערע פייערלעך געדיכטער געמאכט דעם כוישעך אין די ווינקלעך גאסן, בא די הויפן. דעריבער האט סאפראן ניט דערזע־ען, אז בא זיין טויער שטייט רעדקין, און אויפגעציטערט, ווען יע־נער האט זיך, ווי א לאנגע שווארצע פיגור אפגעטיילט פון פלויט.

— ווער איז עס ?

— איך, רעדקין. וואוהין האסט דאס זיך פאנאנדערגעש־לימלט ?

— אין כוואראסטיאנקע. היידא אין שטוב ! ס׳איז פאראן אן איניען.

רעדקין האט ווייניק דערציילט. ענלעך צו א שטרענגן הייליקן פון אן אלטפרענקיש געמאלטער איקאנע, א דארער, מיט א טיפן און פינסטערן קנייטש צווישן די ברעמען, האט ער נידעריק אראפ־געלאזט דעם קאפ, געקוקט שטרענג פון אונטערן שטערן אפער און נאר מיט הוסט און מיט אפגעריסענע איינצעלנע ווערטער איבערגעריסן סאפראנען. ביידע האבן באשלאסן מיט טאג גלייך אין שטאט ארויספארן. אפן פייערל איז ארטאמאן פעגיך אריינ־געקומען האט זיך אויך איינגעבעטן מיט זיי אין שטאט פארן. וואנקע איז געזעסן באם טיש איבער א ביכל. מיט טאטע־מאמע, פלעגט ער ווי פריער, רעדן ווינציק, ניט גערן, נאר זעלטענער אין אוונט אין גאס אוועקלויפן. דערפילנדיק אז מע קלייבט זיך אין שטאט האט ער פלוצים אויפגעהויבן דעם קאפ. ווי ניט ווילנדיק, פויל דורכגעזייט :

— מיך וועט איר ביז שטאט ניט אונטערפירן ?

סאפראן האט א שמייכל געטאן מיט איין מויל-ווינקל. דאס פאנים העלער געווארן :

— וואוהין זשע קלייבסטו זיך דאס, כאווער ?

קוקנדיק אין ווינקל, האט וואנקע געענטפערט :

— מירן שוין דארטן זעען—וואוהין !

סאפראן האט זיך צובייזערט :

— אט א סמארקאטש, ער וויל נאך ניט ריידן ! כ'וועל א לערן טאן מיט די לייצעס, וועסטו בא מיר א רעד טאן !

און א קלאפ בייז מיט דער טיר, איז ער ארוים מיט רעדקינען.

אבער באגינען, ווען ארטאמאן פעגיך איז צוגעפארן מיט דער גוטער פאר פערד אין דעם גרויסן מיט טעפיכער אויסגעבע-טענעם שליטן, וועלכן מע האט פארכאפט אין פאקראווסקים גוט, האט סאפראן אויפגעוועקט וואנקען :

— טו זיך אן, מיר פארן אין שטאט.

ארטאמאן פעגיך האט באגיטיקט :

— ט'זיך אויך פאוואלט אף שטאט זיך בידעשן ? מאכטיי-סע ! איר וועט זיך דארט צו די אדויגים, ווי קנעפלעך, און מיר וועלן דערווייל שטאטישע געסלעך אנקוקן. איך האב זיך ארוים-געראפן דיך פירן. איך האב עפעס אן אייסעקל אפן שטאטישן מארק. דאס אייניקל האט אנגעזאגט.

פריער איז די שטאט א רייגינקע געווען. איצט אז ס'האבן אויפ-געשוועבט איבער די אמט-הייזער רויטע פאנען, ס'האבן זיך בא-וויזן שילדן מיט אומפארשטענדלעכע אויפשריפטן, האט זי זיך צעשויבערט, פארגרויט געווארן פון סאלדאטישע שינעלן, פאר-טונקלט און מיטאמאל אן ארימען אויסזעען באקומען. אפגע-קראכן איז געווארן די קליידונג פון די הערן, אין די קראמען די פאליצעס און די געוועלבטישן זיינען אומעטיק גראם און ליידיק געווארן. אפן מארק איז נאר דאס, וואס צום עסן, געבליבן. זעלטן-זעלטן וואו א ביידל מיט שטאטישע שאלאמויזן, און דאס אויך קנאפע רעזערוון.

אף די באוועגטע גאסן, וואס זיינען פארשאטן מיט שאלעכץ פון קערלעך און ניסלעך, שמוציקע, פארמיסטיקטע, זיינען אויך די מענטשן אלין גרויע מערסטנטייל. אין די אמט-הייזער—רויטגוואר-

דייער מיט ביקסן, די שעפן אין לעדערנע מאַלבושים מיט רע־וואָלווערן. גאַל קערנדיקער נעפּל פון מאַכאָרקע, געשווירענע פּרוי־ען מיט מאַנסבילשע גענג, מיט פּאַפּיראָסן און פּיפּקעס אין די מײַלער, אַ דולער הו־הא פון אומויפהערלעכע געשפּרעכן, אָפּ־געראַוויכערטע פּאַפּיראָסן־פּיצלעך און קופּעס מיסט אין די ווינק־לען. ס'זעט אויס, ווי די באַלעבאַטים זײַנען פון די הײַזער אַרויס־געפאָרן, און די נײַע זײַנען שכיינים. צי וועלן זיי בלײַבן דאָ וואוי־נען, ווייסן זיי נאָך ניט, און ווילן ניט מיט די הײַזער זיך אָפּגעבן. און דאָס פאָלק אַנגעשטעלטע איז געוואָרן אַזאַ, וואָס קאָן ניט אײַנזיצן, זיצט ניט בײַ די טישן, נאָר זאַמלט זיך אַלץ קופּקעס־ווייס, מאַכט מיט די הענט און פּילדערט.

נײַן, עס שמעקט ניט אַרטאַמאָן פּעגיך אָט די נײַע שטאָט. ער האָט געטראַכט:

— דער עיקר וואָס ניט צו דערגיין, וועלכער ראָש איז העכער פון וועמען! אַלע מאַכן מיט די הענט, אַלע באַפוילן, אַלע האַלטן רעדעס און אַלע מיט רעוואָלווערן. בײַ דעם ווײַבערישן געשלעכט איז קיין ווײַבערישער רייץ ניטאָ. נו, וואָס פאַראַ פּאַנים האָט עס: רויבערן, היטלען פּויערשע אַנגעטאָן, פּילדערן אָן פּורכט און אומע־טום, ווי פּויערים, קריכן אַרויף, האַלטן זיך ניט אײַן, טפו!

אָן אומצעפרידענער און פאַרכמורעטער אומגעקערט זיך צו־ריק אָפן הויף, וואו די פערד זײַנען געשטאַנען, און אין שליטן, הינטערן פּעלץ שלאָפן זיך אָנידערגעוואָרפן. וואוהין קאָן מען אין אַ שטוב גיין? ס'אַפּראַנען האָט מען, ווי אַ הויפט, אַ גומער אין אַ האַטעל געגעבן. האַגאַס ס'איז שמוציק דאָרט, אָבער אַלץ ניט אָפן אײַנפאָר־הויף. ניט געוואָוינט דערצו. מיט אַ שטויס אין זײַט האָט אים וואַנקע אויפגעוועקט:

— זיידע אַרטאַמאָן, זיידע! שטיי אויף! סאָכרים פירט מען איבער שטאָט!

ס'האָט זיך נאָך ניט צעוויט דאָס שלאָף־מאַטקייט, אָבער ער האָט שוין דערשפּירט אין וואַנקעס שטים אַן אומגעוויינלעכן ציטער, צי פון פרייד, אָדער פון שרעק.

— וואַ־אַ־סי? דאָס ביסטו, וואַנקע?

— היידאַ אין גאַס גיכער! סאָכרים מיט זעק פירט מען! אוועקגעלאָפן אַף דער הויפּט־גאַס. אָפן וועג האָט וואַנקע דער־

ציילט: מעל איז אין שטאט ווייניק, פון דארף איז קארג דער צופיר. זייער טייער געווארן מעל. די ארבעטער באם אויספירקאם: פארוואס? דער אויספירקאם האט פארווערט ארויספירן מעל פון שטאט אף פארקויפן אין גובערניע און האט א פרייז אף אים איינגעשטעלט. היינט באגינען האבן גרויסע מעל=סאכרים זיך געפרואווט ארויספירן. רויטגווארדייער האבן זיי געפאקט. די וועגענער אפגעגומען. און די ארבעטער האבן די סאכרים פון די שטיבער ארויסגענומען און וואס זיי האבן זיי געטראפן, אנגעלייגט זעק מיט שטיינער, געגעבן טראגן און פירן זיי איבער די גאסן, און אף די ראגן שלאגט מען זיי.

— אונזעריקע אלע, די דארפישע, שלאגן טאקע! כ'האב געזעען, פון מארק זיינען כווארסטיאנער, ראמאנאווקער, טאמבאווקער געלאפן און פון דעם דעמאקראטיישן וואלאסט אויך. איצט ט'מען זיי אף דער הויפט=גאס ארויסגעפירט. כ'האב דעם טאטן געזוכט, ניט געפונען. דיך אויפגעוועקט.

פון אלע זייטן זיינען נייגיריקע צו דער הויפט=גאס געלאפן. ס'האט זיך געוויגט מיט הונדערטער קעפ די הויפט=גאס. ס'איז געשטאנען איבער איר דאס אן אויפשטייגנדיקער, דאס א גידערפאלגדיקער אומדייטלעכער ראש פון געשפרעכן, אויסגעשרייען, קוילעס. אלצאיינס דורשטיק זיינען געקראכן איינע אף די אנדערע, זיך געשטויסן, זיך געריסן סאי די, וואס האבן געוואלט שלאגן די סאכרים, סאי די, וואס האבן ראכמאנעס געהאט אף זיי און זיינען אויפגעבראכט געווארן פאר אזא צערעכענען זיך. אויפריכטיקע זיינען געווען בא אלעמען נאר די אויגן: אומגעדולדיקע, גיריקע. אבי נאר גוט זעען, ווי מען שלאגט! ס'האט געוואלדעוועט אין אוילאם די גראבע מאקסימיכע, וואס האט געהאנדלט מיט בארשטש אפן מארק:

— פראוואסלאוונע! לאזט ארויס! די זייטן צעריבן: כ'ווער דערשטיקט!

און אליין איז זי געקראכן, שטופנדיק מיט די עלנבויגנס איןביידע זייטן, צום מיטן, אהין, וואו עס זיינען געגאנגען די סאכרים מיט די זעק. פארויס, קאמיש באמבלענדיק מיט די פיס, האט זיך געבויגן אונטער דער לאסט פון זאק, דער געוועזענער שטאט=ראיש זעלענקאוו. ער איז געווען אין איינע ווייס און שטעק=שיך. דער

גראבער בויך איז אים אראפגעהאנגען, ווי א זאק איבער די קורצע פיס. די לייטישע צורע, מיטן צעשמירטן בלוט פון צעהאקטן שלייף האט זיך צעקרימט פון ווייטאק, אנשטרענג און באליידיגונג. די ברוינע געדיכטע האר זיינען נאס געווארן, צוגעקלעפט זיך צום שטערן און די שלייפן. ער האט ארויסגעשטארכעט פון אונטער די ברעמען די אנגעגאסענע מיט שרעק, רויט געווארענע אויגן און זיך געבעטן שוואכמוטיק, דערשטיקט, ווי מיאאוקעט:

— ברידער !... כאוויירים !..

נאך אים, טרייסלנדיק זיך, צענויפגעבונדענע אינאיינעם מיט עמיצנס א פאסעק צוויי אויפקויפערס זשעריכאוו, טאטע און זון. א גראער זאקן מיט שווארצע מאלערישע ברעמען, און א יונגער,— ענלעך אף א כאזערל, אן ברעמען, מיט ווייסלדיקע פארשוואומענע אויגן און די נאז ווי א צענער. אפילע אין שרעק איז זיין צורע ניט באזינגט, ניט פארמענטשלעכט געווארן פון אומרו. אפילע אונטערגעשריען האט ער, ווי ער וואלט כריוקען. דער אלטער האט געהאקט אין מאמען אריין און געטרייסלט מיטן קאפ. ביידע האבן באוויזן זיך אנצוטאן; נאר באם אלטן איז די געווענטענע בעקעש און דאס, וואס אונטער איר, אף דער העלפט צעפליקט. אין ריס האט זיך געזעען די אלטע, געלע פלייצע. נאך זיי דרייען איינע נאך די אנדערע: דער קורצוואוקסיקער, ווי א זשוק שווארצער, ברייטפלייציקער ברויטהענדלער, אינשמאטאוו, אין הויזן, אין אן אונטערשט, צעריסן העמד און שלייקעס. ער איז געווען שטארקער פאר אנדערע און האט אונטערן זאק זיך געבויגן ווינציקער פאר אלעמען, נאר ער האט געקריצט מיט די ציין און געוואיעט,—ניט פון ווייטאק, פון צארן. דער שווארציינערדיקער, מיט נידעריקן שטערן, הויכער, לאנגהענטיקער אייגנטימער פון דאמף-מיל, מיאקישעוו, האט פון שרעק מיט די ציין געקלאפט און אפט זיך געשטרויכלט, אנטרעטנדיק אפן אפגעריסענעם הויז. הינטער אלעמען האט שווייגנדיק געשלעפט די אף רעוומאטיזם קראנקע פיס אין פעלענע שטיוול אן אלטינקער מיט א זאנפטן איקאנעארטיקן געזיכט און זילבערנע לאקן. דער ערשטער גוויר אין שטאט מיליאיעוו, וואס פלעגט פארקויפן אף אויסצאלן אף אומראכמאנעסדיקע פראצענטן לאנדווירשטאפטלעכע מאשינעס דעם פויערטום פונם גאנצן קרייז. אף אים איז פון דער האלבאשע פארבליבן נאר שמאטעס

און די שטיוול. הינטער די סאכרים, אונטערטרייבנדיק זיי, פאכנדיק מיט א שווערן פארוקער פון טויער—א הויכער פויער מיט א געלן פאנים און א שמוציקן ווייסן היטל מיט איין אויערל, און א צעריסענעם פעלצל. ער האט הילכיק און מיט טראפ זיך געריסן:

— בירגער! קוקט! אט־א־די־א האבן מעל ארויסגעפירט! קוקט! אטאדי בורזשואזן אונזערע, דויבער!

בא דער זייט, און איין ריי מיט די סאכרים, האט געמאכט מיט די הענט א סאלדאט אין א שמוציקן שינעל, מיט א רוק־זעקל הינטער דער פלייצע. אויסשטארכנדיק די אויגן—זיי אליין האבן נאר געלעבט אפן גרויען, ערדישן, אויסגעמאטערטן געזיכט,—האט ער ווילד זיך געריסן:

— אימפעריאליסטן ט'מען געבאפט! אט גייען זיי! שלאג די אימפעריאליסטן!

און אוילאם פארשיידנשטימיקע אויסגעשרייען:

— שלאג אין די גראבע צורעס! ה־א־א־א!

— די קישקעס ארויסלאזן זיי!

— מיט מעל די בייכער אנשטאפן!

— איצט איז פרייעט, און זיי פירן די מעל ארויס!

— אלע די ערשטע גילדיע!

— שלאג זיי איבער דער ערשטער גילדיע!

— ס'ארא ווילדקייט! ס'ארא אכזאריעס! וואו זשע איז די מאכט?... דאס איז זעלענקאוו, פארויס?

— ווילדע כאיעס! אונמענטשן! ווען דערהארגענען! לייג זיך ניט אן אזוי, קרעציקער! די גאנצע פלייצע צעשטויסן!

— גאט, וואס זשע איז דאס? גאט, וואס זשע איז דאס? און מע האט זיי שוין געשלאגן?

— סענקא־א, קריך דורך אהער! אטאדא זעט מען אלע זעקס!

— בי־י־רגע־ע־ער! אט־אדי־אט האבן די מעל ארויסגעפירט!

זיבן סאלדאטקעס האבן געקווישעט נעבן די סאמע סאכרים, אנשפרינגנדיק אף זיי פון אלע זייטן, סטארענדיק זיך א קלאפ טאן אין גאנג, אונטערשפרינגנדיק און אונטערהאפנדיק, ווי אין א ווילדן טאנץ. פראסקאוויע סעמענטשיכינע האט אלעמען מיט קוויטשערייען באדעקט:

— כ'האב ניט קיין מעל אף פארזייערן! אף פארזייער קלעקט ניט!

א דארער, קרומינקער, איינהענטיקער קוריער האט איילנדיק, ברייט געשפאנט נאך די סאלדאטקעס, קעדיי ניט אפצושטיין פון די סאכרים, ניט צו פארלירן זיי פון אויג און הויך מיט א פריידפולן, זיך פארכלינגענדיקן טענארל געאורטיילט:

— אין דער עמעסן, פאר זיי דארט פארשיידענע פראוואנסאייל, און מיר האבן ניט אף מעל! וואו זאל מען נעמען, אז וואס א טאג וואָרפן זיי ארויף אפן פרייז! וואס א טאג! קלעפ קומט זיי! איך בין מאסקים.

מיט א געדיכטן ווילדן ברילן האבן געוואלדעוועט די צוגויפגעלאפענע פון די איינפארהייזער פויערים:

— פון אטאדעם די פעל אראפרייסן! אויסגעריסן בין איך בא אים געווארן פארן טשאבאן. מיט די לעצטע גדערעם באצאלט.

— מיר האבן יעדן פוד מיט טרערן באגאסן, און וואס זיינע מיר איצט ווערט?

— דאס איינגעווייט איבערן ברויט אין פעלד זיך אנגעריסן. און זיי ווערן פון אים ניסאשער!

ס'האט געשפילט אין פויערשן בלוט די באליידיקונג פון אייביקן ציגנ=צאלער, דער ווייטאק פונם הויקער, וואס איז אנגעריבן צוליב א פרעמדנס וואוילטאק.

ס'האט סטיכיש געשפילט די פויערשע סינע צו זיידענע לייט מיט הענט, וואס טוען גאר ניט.

— דעם פוז אנגעגאסן! אף אונזער ברויט ניסאשער געווארן.

— שלאג זיי, די אויסוואורפן!

אפן ראג, באם הויכן גאנעק פון דער גרויסער אפטייק האט איינער א הויכער אין א היטל מיט איין אויער, אפגעשטעלט די סאכרים. מיטאמאל האט זיך א שפאר געטאן דער אוילאם. די דארפסלייט האבן אלעמען אפגעשליידערט און געשלאגן מיט האסמאדע, שטארק און מאיסע געשעפט. פונקט ווי זיי וואלטן מיט דרעש=שטעקנס טוואוע גערדאשן. די סאלדאטקעס האבן דורכדרינגנד געקווישעט, זיך צעדולטע געשטופט צו די ליגנדיקע אף דער ערד סאכרים און אין אוילאם. געזידלט זיך מיט לאנגע ניבלפעאיקע פראזעס און געיאמערט אף זייער ביטערן לעבן.

ס'איז צו פליען געקומען א רייטער־טייל מיליציע. דער עלטס־טער איז געווען פארויס. פאנאנדערשטויסנדיק מיטן פערד דעם אוילאם האט ער געשריען:

— היי, איר, הערט אויף! היי, איר, הער...

פארענדיקן האט ער ניט באוויזן. פראסקאוויע סעמענטשיכיגע האט אים אנגעכאפט באם רעכטן פוס און געשלעפט פון פערד אראפ. א קרעפטיקע פלייציקע סאלדאטקע האט אים אנגעכאפט פון דער צווייטער זייט, באם גארטל. ער האט נאר באוויזן א טראכט צו טאן:

— צו וואס שטעקט זי מיר די הענט אין די קעשענעס אריין?

און איז אראפגעפליגן פון פערד מיטן קאפ אראפ.

— אט האסטו דיר, קאמאנדיער! שטיי אביסל אפן קאפ.

די ווייבער האבן אים פארשטעקט מיטן קאפ אין שניי און באם גארטל האלטן זיי צו. האט ער אנגעהויבן דריגן מיט די פיס אין דערלופטן, דער עלטסטער. דער אוילאם פילדערט, כיכיקעט:

— אט דאס הייסט ווייבער! אויסגעלערנט אפן קאפ שטיין!

פראסקאוויע האט צוגעטיינעט:

— א גלאטער אגער! די לעגדן, ווי בא א כאזער.

— באטאפ אים נאך אביסל! א פיין שטיק!

— הא־הא־הא... הא־הא־הא...

— שלאג זעלענקאוון! ער האט זיך אף אונז אנגעריטן!

— הויב אויף די סאכרים! ווייטער פירן!

דער שעף פון מיליציע האט זיך קוים ארויסגעריסן פון די ווייבערשע הענט. אין צעריסענע הויזן, א צעמאזיקטער. צעפר'דן געווען, וואס אלפי געם האט מען בא אים דעם רעוואלווער פון שנירל ניט אראפגעריסן. נאר שיסן האט ער ניט געוואלט. אנט־לאפן איז אויספירקאם. דארט האט ער א מיטגליד פון מיליטערישן פעלד־שטאב וועגן אלץ ראפארטירט. האט זיך פארענטפערט:

— וואס פארא שיסן? מע וואלט אף שטיקלעך צעריסן, ווען מע שיסט נאר אויס. איינגאנצן א צעביילטער. אויסגעקנייפט, אויסוואורפן!

דער מיטגליד פון מיליטערישן פעלד־שטאב, א הויכער מענטש מיט א גרויסער נאז, אין ברילן, האט געזאגט:

— גו, ווי האבן אייך די ווייבער געלערנט ? א ?
אין אויספירקאם איז געקומען צולויפן, זיך טרייסלענדיק, מיט אן אראפגעהאנגענער אונטערשטער ליפ דער געוועזענער פארזיצער פון דער אויעזדגער, זעמסקער פארוואלטונג, דער סויבער טיטאוו. מע האט דורכגעלאזן צו דעם מיט דער גרויסער נאז:
— וואס דארפט איר ?
— ראטעוועט.... באהאלט... אפן ארט דער פסאק... מיך זוכט מען אויך.
דער הויכער האט מיט פאראכטונג און רואיק געזאגט:
— באהאלטן קאן איך נאר אין טפיסע. באלד שרייב איך א ארדער אן. גייט—דארט וועט מען צונעמען.
— א דאנק אייך... קיינמאל ניט פארגעסן... א דאנק... דאס אר־דערל טאקע גיכער.
דער הויכער האט זיך צעלאכט, אנגעשריבן אן ארדער, אפ־געגעבן טיטאוון און צורעכטמאכנדיק דאס לעדערנע היטל אפן קאפ, אוועק אף דער הויפט־גאס, וואו עס האט געברויזט דער האמוין. דורכשטופנדיק זיך דורך אים, האט ער געזען: אפן אפטייק־גאניק איז ארויפגעשפרונגען א הויך, דין באכערל מיט ביז בלוי־קייט בלאסן געזיכט און ברענענדיקע אויגן. דאס יונגט־קעלכל האט זיך ארויסגעריסן מיט א שארפן, קלינגנדיקן, פארצווייפלטן אויס־געשריי:
— כאוויירים !... כאוויירים !....
דער מיט געלן פאנים אין דער פאפאכע האט זיך אומגעקוקט און ארויסגערעוועט:
— געהערט זיך אן א פלימעניק זעלענקאוון.
— א־א־א. א־א־א־א... אהא־א...
דעם „פלימעניק" האבן די ערשטע אראפגעראמט ווידער די ווייבער. פויערים האבן זיך א שפאר געטאן. ער איז גיך אנטשוויגן געווארן און זיך אויסגעצויגן. דער מיטגליד פון פעלד־מיליטעריש־שטאב האט אין אוילאם רויטגווארדייער געזען. ניט נאר וואס זיי האבן ניט געשטערט דעם פסאק, נאר זיי האבן מיטגעפילט. דאס איז געווען צו זען פון זייערע באלעבטע אויסדרוקן, פון העלן גלאנץ פון די האסנדיקע אויגן. זיי איז געווען פארשטענדלעך דעם אוילאמס אויפגעקאכטקייט, ווייל בלוט־קרויוועשאפט האט זיי צע־

גויפגעבונדן מיט די פויערים, וואס האבן געשלאגן, ווי מיט דרעש־שטעקנס געדראשן. נאר דער אוילאם האט זיך שוין אנגעהויבן אפ־קילן. קימאט זאט געווארן פון נעקאמע. דער הויכוואוקסיקער מיטגליד פון פעלד־מיליטערישן שטאב איז ארויף אפן אפטייק־בריקל, פון וואנען מע האט שוין פינף אראפגעשלעפט. מיט א מו־טיקער, הילכיקער שטים האט ער געפרעגט:

— וואס טוט איר, באוויירים?

און אין דער פראסטקייט, אין דער קאלטער קלארקייט פון דער פראגע איז געווען א מאדנע רואיקע איבערצייגנדיקייט.

מע האט אנגעהויבן שטילער ווערן, פון די קארבאנעס זיך אפגעריסן.

ניט זיכער האט זיך דורכגעריסן אן איינציקע מאנסבילשע שטימע:

— מע דארף דעם אויך אראפשלעפן!

דער הויכוואוקסיקער אפן בריקל האט דערהערט. רואיק זיך אפגערופן:

— שלעפט אראפ. איך בין אן שמירע און וועל זיך ניט ווערן.

ווי אלס א באווייז די הענט אינדערהויך אויפגעהויבן, דערנאך אראפגעלאזט און, ווי פארזעצנדיק א רואיקן געשפרעך, ווידער געפרעגט:

— צו וואס פארא טייוול האט איר זיך מיט זיי פארדרייט? מיר וועלן שוין געפינען צו זיי א טרופע. און איר האט זיי דער־הארגעט אף דער גאס, אייך וועט מען מיטן נאמען מערדער מע־כאבעד זיין. און זיי—מיטן נאמען קדוישים... פירט אפ די לעבע־דיקע אין טפיסע! מע וועט דארט צונעמען. נאר וואס נאך א צענדליק ארעסטירטע. מיר וועלן אנלערנען, זייט רואיק. מיר קענען! און די דאזיקע טויטע און צעמוטשטע, שלעפט אריין אין שפיטאל.

קאלט גלאנצנדיק מיט די ברילן, רואיק, פונקט ווי עס וואלט גארניט געשען, א זיכערער אין זיך, ווי א גוטער באיעס־איינע־מער, איז ער רואיק פון בריקל אראפ און אוועק צו די צעהארגעטע.

אין די הינטערשטע רייען האבן זיך נאך געהערט געשרייען:

— און דער וואס דארף?

— פאר וועמען נעמט ער זיך אן! פאר וועמען נעמט ער זיך אן?

— שלאג !

נאר אין מיטן, ארום דעם הויכוואוקסיקן, איז שטיל געווארן. אפגעטראטן און א וועג אים געמאכט. ער האט רואיק א קוק געטאן אף די צעהארגעטע, ווי ער וואלט זיי איבערגעציילט, זיך אויסגעדרייט און אוועק צום אויספירקאם. פונם אוילאם זייגען ארויסגעשפרונגען די צו זיך געקומענע מיליציאנערן.

טויטע : זעלענקאוון און דעם רעאליסט, און דריי צעהארגעטע ביז ניט קאנען אויפשטיין האט מען אוועקגעפירט אין שפיטאל. צוויי, וואס זייגען אויפגעשטאנען און האבן געקאנט זיך שלעפן וואקלעדיק האבן רויט־גווארדייער אין טפיסע אוועקגעפירט.

ארטאמאן פעגיך, וועלכער האט צעקאכט געשלאגן די סאבירים צוזאמען מיט אנדערע פויערים, האט דעם אטעם אפגעכאפט. ווי נאך א שווערער אייגמאטערנדיקער ארבעט, אויסגעווישט מיטן ארבל דעם שוויים און זיך ארומגעקוקט. דערזעענדיק סאפראנען, איז ער איבער דער גאס, דורך דעם צעקראכענעם שניי, וואס האט אויפגעבליט פון פלעקן, אוועק צו אים מיט א סאלידן, פויערשן הילער.

— הער נאר, סאפראן ! ווער איז ער עס, אט דער ערנסטער אין די ברילן ?

— פון פעלד־מיליטערישן שטאב.

— אן ערנסטער, און איינער אזוינער... א מענטש אן פאכאד !

— אפן פראנט די גאנצע מילכאמע געווען,—וואס האט ער מוירע צו האבן ? ווען איינער פון די הינטערלאנד־כעוורע, וואלט ער שוין לאנג מיט די פיס געדריגעט !

און דער מענטש אן פאכאד איז געגאנגען און האט געטראכט:

— האבן געקאנט אראפראמען ! מיד געווארן, זיך אנגעזעטיקט. דארפישע כאיע האט פלייסיק געארבעט. יא־א, סטיכיע ! פון די וועלן מיר נאך האבן צו זופן.... יא !...

אין מיט א רעגולעסדיקער האנט־באוועגונג דעם רעוואלווער א טאפ געטאן.

סאפראן האט דאס מעקאיעם פסאק זיין באגיטיקט :

— ווען וואלטט זיך דערוואר׳ט אף זיי, אף די שטאטישע,

אן אפפארטיקונג לויטן געזעץ ? האט מען שוין אוועלכע אראפגעסילעקט—איז אראפ פון מארק.

אין שטאט איז אומרו געווען מערער, ווי אין אינטערנאציאנאלאווקע. דארט, אין דארף, אונטער סעקטאנטישן רעשום האט מען נאך ניט דרייסט און אז סיידער ארייגעמישט דאס נייע אין אלטן, מער געפילדערט, ווייניקער צעשטערט. און אין שטאט האט שיין שפאצירט ברויז פון נעקאמע און פלייץ פון צארן. דורך נעבט פלעגט מען מענטשן פון אלטגעזעסענע נעסטן ארויסשלעפן, אין טפיסע אפפירן, דאס גוטס אפנעמען. דער דאזיקער אומרו האט נאך שטארקער געמאכט סאפראנס האס צו די הערן. צו די רייבינקע, געבילדעטע. ווען אנטאנינע ניקאלאוונע האט ער ניט געטראכט, געהערט אז זי איז מיטן אינסטרוקטאר אין שטאט אוועקגעפארן און באדויערט דעם אינסטרוקטאר.

— א פוסטע נעקייווע !

אף א זיצונג פון אויספירקאם איין מאל בייגעווען און איין מיטגליד פון אויספירקאם אויסגעזידלט דערפאר, וואס יענער איז געגן קאנטריבוציע געווען :

— אזעלכע ווייסינקע איז ניטא וואס צו פרעגן ! זיי דערלאנג א הייסע בלינצע, און זי זאל נאך כאלילע ניט בריען. אין אבער האקן דארף מען אזעלכע ! טאראראמען, און פון ארבעט—מיטן קאפ אין קישן...

יעדע שוואכקייט און צארטקייט האט ארויסגערופן בא אים אן אויסבראך פון צארן. האט ניט פארליטן די מאשיניסטקעס אין די אנשטאלטן.

אלע צארטינקע פרייליגס זייגען מאשיניסטקעס געווארן.

אין אויספירקאם האט ער איינע מיט לאקעלער, א מילדינקע אזעלכע אין דער מאמען אריין געמאכט. אז זי האט זיך צעוויינט, האט ער אויסגעשפיגן נעבן טיש מיט דער מאשינקע און איז רואיק אוועק.

אין שטאט האט ער זיך ווידער אין מיליטער-מאלבושים אנגעטאן. און אז ער פלעגט גיין איבער דער גאס אין שינעל, מיטן רעוואלווער און באמבע אפן גארטל, א הויכער און הארבער, מיט א שטרענגען, מיט בליי אפשיינענדיקן בליק, פלעגן רעדקין און ארטאמאן נעבן אים זיך אויסווייזן, ווי ארעסטאנטן, פון מוי-

רע איינגענורעטע. נאר צוזאמען פלעגן זיי געוויינלעך דערגיין נאר ביזן אויספירקאם.

ארטאמאן האט ניט ליב געהאט קיין אנשטאלטן, פלעגט א מאך טאן מיט דער האנט און זיך אומקערן צוריק צו די איינ־פאר־הייזער. דארט פלעגט ער אויסזוכן דארפסלייט און פאר־ברייגגען מיט זיי דעם טאג. רעדקין פלעגט אריינגיין ניט אף לאנג, פארכמורעט אנקוקן די אנגעשטעלטע און פלעגט בלייבן דארטן נאר אין פאל, ווען א פארזאמלונג פלעגט באשטימט ווערן. פאר־זאמלונגען פלעגן זיין אפט. רעדקין פלעגט זיך אומקערן געוויינ־לעך אין אכסאניע א בייזער:

— מיקויאך דארף קיין שום באשלוס!

פלעגט גיין אין לייענזאל, צייטונגען הערן. געווען אפילע איינ־מאל אף א ליבהאבער ספעקטאקל און א שטיק צייט נאכדעם הייזעריק אין דער מאמען געהאקט.

וואנקע פלעגט גאנצע טעג אין דרוקעריי פארפאלן ווערן, איינמאל האט אים סאפראן פון אויספירקאם געשיקט נאך צייטונ־גען, האט ער אלע טאג אנגעהויבן לויפן אהין. פארפירט פריינט־שאפט מיט די זעצער. זיי פלעגן אים צייטונגען און ביכלעך צום לייענען געבן. געלייענט דורשטיק, אן איבערקלייבעניש. ער האט אלץ עפעס געזוכט אין די ביכלעך און די צייטונגען. צוליב דעם, וואס ער האט קלאר געזעען ווי פלינק און לייכט עם באהאנדלען אלץ די שטאטישע און ווי שווער און טעמפ עם באנעמען אלדאס גייע די דארפישע, האט בא אים דאס הארץ פון באליידיקונג זיך צע־ברעגט:

— מיילע, זיי האט מען אין שולן געלערנט! און מיך איין ווינ־טער. מער האט די מאמע ניט געלאזט. נישקאשע! כ'וועל אלייז דערגיין!

און ווייל ער אליין האט געוואלט, ווייל מע האט אים ניט אונטערגעטראגן קיין צעקייטעם, קיין נערהאפטיקעם, פלעגט ער אסאך צייט פאטערן אף דאס אומפארשטענדלעכע, פארמאטערנ־יקע און לייענען. פלעגט מאכן אנדענקונגען פון אנדערקטן שויז, נאר ניט פארלארן דאס אייגענע און האט זיך אלץ געקרעפטיקט, א האזעדיקער, אין זיך א זיכערער און איינגעאקשנטער.

סאפראנען האט מען אין שטאט פארהאלטן. די לופט האט

אף פריילינג=שטייגער שמייכלען אנגעהויבן. אום האלבן טאג זיינען געפריידפול טראפנס פון די דעכער געשפרונגען. די לופט האט געהילכט ביז שפעט מיט קינדערשע קלינגענדיקע שטימעס. ארטאמאן האט זיך באאומרואיקט:

— מיר וועלן בלייבן שטעקן ערגעץ אין א לאך. דער שניי מוז שוין ניט האלטן! מירן שוין גיך, פארן, סאפראן, צו, וואס? אלץ קלאפל=פלאפל, און אין דארף שטייען די וועגענער ניט קיין פאריכטע. אין הימל, זע, קלינגט מען שוין!

סאפראן האט כמורע געענטפערט!

— וועסט נאך באווייזן, סט'צורעכט מאכן. אט דאס איז דאך דער אומגליק, וואס מיר זיינען צוגעוואקסן געווארן צו דער עהד און וועגן זיך אליין פארשטייען מיר ניט, די ערד זאל זיך אונז לייכטער געבן. ס'איז נאך דא איניאנים אין שטאט.

און אין שטאט האט זיך א געשעעניש געטראפן. דער אויספירקאם האט באקומען א מיטיילונג, אז אכט ווערסט הינטער שטאט האט זיך אפגעשטעלט א קאזאקן=פאלק, אדער אן אפטיילונג, נאר אסאך קאזאקן. פון פראנט אין די סטעפעס=דערפער גייען זיי צוריק. אף פערד אין פולער באוואפנונג און שלעפן אפילע מיט זיך מיט א לייכטן פעלד=הארמאט. מענטשן און פערד אויסגעמאטערטע. קלוימערשט אף אפרו זיך אפגעשטעלט. דער פעלד=מיליטערישער שטאב איז אומרואיק געווארן. קאזאקן איז א פאלק פון אלטן שניט.

צו וואס דארפן זיי א הארמאט צו זיך אין דארף? באשטימט דער אוספירקאם שיקן דעלעגאטן אף פירן שאלעם=אונטערהאנדלונגען: נאך וואס און וואוהין. פארלייגן דאס געווער אפגעבן. די דעלעגאטן האבן זיך בעשאלעם אומגעקערט. די קאזאקן האבן זיך אפגעזאגט דאס געווער אפגעבן, אבער זיי זאגן, זיי זענען פרידלעכע. מיר גייען, הייסט עס, שטאט פארביי. ראטן=מאכט אגערקענען מיר. האט מען דורכגעלאזט די מאכנע. נאר פון גובערניעשטאט איז א פארארדענונג אנגעקומען פארהאלטן די קאזאקן. האט מען באשלאסן אייליק רויטע גווארדיע ארויסשיקן. דאס איז געווען איר ערשטער ארויסטריט. ביז איצט האט זיך די רויטע גווארדיע אין שטאט פארנומען נאר מיטן אפהיטן די שטאט אליין און מיטן צונויפקלייבן די קאנטריבוציע אין די דערפער.

צו דער באשטימטער שא האבן זיך אוועקגעצויגן פון אלע גאסן צום אויספירקאם פרייער, געדונגענער כאאיל. א ברויזנדיקער, האזעדיקער, פארשיידנארטיקער לויט דער קליידונג אוילאם. מיט ביקסן, איינע אין שינעלן אפן סאלדאטישן שטייגער, די צווייטע אין פויערשע זשופיצעס און שווערע שטיוול פון הירשן-פעל. די דריטע אין שטאטישע טראנטעס מיט שטעקשיך אף די פיס. די פערטע—פרעמדלענדישע אין זייערע מאלבושים, קריגס-געפאנגענע. שפעטער פון אלעמען איז באזונדער אנגעקומען דער קירגיזישער טייל. פארויס האבן זיי געטראגן א רויטע פאן, און אף דער פיקע א מעטאלענע האלבע לעוואגע מיט גלעקלעך. נידעריקוואוקסיקע, קרום-פיסיקע, מיט ביינערדיקע פענימער זיינען זיי געגאנגען אין אומגעארדנטע רייען און געזונגען מיט גארגלדיקע שטימען א קירגיזישע ליד. פונקט ווי זיי וואלטן געשפילט אף עפעס א האלב-פארגעסענער גאר פארצייטן אלעמען א ליבער און רעגנדיקער דודע. און אלס ענטפער אף דער ליד פון ווילדע האט זיך געטראגן פון אויספירקאם אויפברויזנדיקע פון האזע און נייקייט באגריסונגס-ווערטער:

— די רויטע גווארדיע, דאס ערשטע אין רוסלאנד פרייע מיליטער פון די ארבטנדיקע, די שמירע פון דער רעוואליוציע...

אט די צוזאמענמישונג פון קירגיזישער ליד, דולן הו-הא פון פארשיידנפארביקן, פארשיידנשטימיקן, פארשיידנשפראכיקן האמוין, וואס האט זיך צונויפגעקליבן אף א באלעבאטישער גאס פון א פארוואָרפענעם העק, און די ווערטער פון א גוואלדיקן מאסשטאב, עמעס פייערלעכע, וואס שלאגן מיט געוואגטקייט פון ארויסרוף צו אלעמען, אלעמען, אלעמען, איז געווען ווילד, שרעקלעך און האט געמונטערט די נעשאמע מיט גרויסקייט, וועלכער איז אומפארשטענדלעך דעם אפגעשליסענעם הייפעלע — דער מאכנעדרייסטע, וואס האבן זיך באוויזן אין אלע שטעטלעך פון דער אויפגעשויבערטער ר. ס. פ. ס. ר. קעדיי צו פאלן ווי באמיסטיקונג פאר אירע פעלדער.

אט די גרויסע ווערטער זיינען געווען פאר זיי נאר א קלינגקלאנג פון אייגענעם דארף. האבן אן איינן אקער-פעלד, דורכשטעכן דעם טרעלבוך דעם היימישן באלעגוף מיקאלאי סטעפאניטשן, אויסגלייכן די פלייצע, דערהערן פון אייגענעם האלז דעם

פרייען, דעם ניט רעגילעסדיקן אויסגעשריי: אונזער מאכט! אבער מיטן כוש, וואס איז בעטעווע פון יעדער לעבעדיקער באשע-פעניש, און באזונדערס פון זיי די פראסטע און ניט גערירטע, האבן זיי דערשפירט די ברייטע פרייד פון וואגן.

דעריבער האבן אפילע די ניכטערע אין דעמדאזיקן האמוין אויסגעזעען ווי שיקערע. פון העפקערנדיקן ברויז פון האזע זייגען זיי פארשיקערט געווארן. אין דער לופטן פון ביקסן געשאסן, געוואלדעוועט אן קאאס, אבער מיט שוואונג זיך געזידלט. אין זעכצניעריק יאטל, פלאנטערנדיק זיך אין לאנגן, ווי פון טאטו אראפגעשלעפטן, שינעל האט פארוואונדערט און פריילעך געשריען:

— היי, באוויירים, דעם ביקס-ריגל האב איך פארלארן! היי, היי, א ביקס-ריגל האט קיינער ניט געזעען?

א בערדיקער פראנטאוויק האט גוטמוטיק-גנעדיק זיך אויס-געזידלט:

— הינטישער בען, סמארקאטש. איצטער רודער אן א ריגל!

— דעם ריגל פארלארן, קריגער! דער מאמעס ציצקע נעם אנשטאט א ריגל!

— א גרינער גאך! ט'צייטיק ווערן, וועט ער א סאלדאט זיין.

— נישקאשע, איכ'ל אן א ריגל... איכ'ל אזוי אויך... זיין מאמען דעם קאזאק פאנאנדעררינגלען. נישקאשע!

און וואוילעריש, מיט אויסגעשריי די ליד אונטערגעהאלטן:

...מיר שרויפן צום ביקס צו די שפיז...

א צווייטער, פונקט אזא גרינגער און פריידיקער, האט געש-ריען אף א הייפל קירגיזן, וואס האבן זייערע רייען צעמישט:

— היי, אט דו, דער עקסטער, ווי רופט מען דיך?.. מאל-מאלאי-דאלמאלאי, זאג: „פראלעטאריער פון אלע לענדער". ווייסט ניט? קענסט ניט?

— דאס קאנ'מיר! קליין קליין קאזאק שיסן!

דער געמישטער געפילדער, די דולע זידלערייען פון פארשיידנ-פארביקע מענטשן, אזעלכע ניט ענלעכע אף דער אלטער ארמיי. שיקערע פון האזע, די אנוועזנהייט אין די רייען אויך שיקערע פון בראנפן — איז געווען דערווידער אסאך פונם אוילאם, וואס האט א פלייץ געטאן א הער אנצוקוקן. מענטשן, וואס זעען נאר

דאס, וואס מע קאן אנטאפן, האבן ארומגערינגלט די מאכנע רויט־גוואַרדייער מיט א פיינטלעכן ברומען:

— יא, אן ארמיי! נאכן ערשטן שאס וועלן זיי זיך צעלויפן.

— די ביקס ריגלען פארלארן! און די הויזן זייגען נאך אף די פיס, צי אויך פארלארן?

— זו־ונעלע־ע, און צו וואס ט'זיך מיט זיי ס'קאמפאניעט? קער דיך אום, מ'עט דערהארגענען!

— קיין פראנטאוויקעס זעט מען ניט. אט־א־די וועלן דאס מילכאמע האלטן.

— אלע קאמאנדירן שיקער! אן ארמיי!

— זיי שפייען די קאמאנדירן זייערע אין די צורעס ארייַן! דיסציפלין!

— וואס פארא מיליטער קאן עס זיין, אז ס'איז געדונגענע?

— געפאנגענע האבן זיי מיט זיך אנגענומען! מיט אייגענע האלטן זיי מילכאמע, און פרעמדע צו זיך!

— ער, ראסייע, ראסייע פארפאלן! אינגאנצן פארפאלן!

נאר אין דעם געפילדער האבן זיך ארייַנגעפלאכטן אויסגע־שרייען נאענטע די רויט־גוואַרדייער.

ארטאמאן פעגיך, ניט טראכטנדיק דערפון, צי וועט מען אים דערהערן, צי וועט מען זיך אפרופן, האט געשריען:

— אט זייַנען אונזעריקע, דארפסלייט... ס'אי מיטראכע פאנטייעוו צי ווער?... האלט זיך! אונזער וואלאסט באשטייט פון באלשעוויקעס... האלט זיך, כעוורע!

— טייערינקע! אפילע קיין מאלבושימלעך מיליטערישע ניט אף אלעמען!

— גישקאשע, ניט קיין פריצים, וועלן אויסקומען!

— וואס שיפעסטו, וואס שיפעסטו, טרעלבוך? פיצערלעך דייַנע זעט מען ניט? שלאג!

— און דו אליין אוואו האסטו אזוינס געזעען אן ארמיי? אין דייַנע קיבינעטן? „ניט די אלטע ארמיי“. אוואו ס'טו זיך פון מיליטער דינסט אויסגעבאהאלטן? וועלכע ארמיי געזעען? נו!...

באם ארייַנפאר האט זיך באוויזן דער הויכער מיטגליד פון פעלד־מיליטערישן שטאב, דער אין די ברילן.

ווידער האבן עס אויפגעדונערט, האקנדיק די שאלעם=שאלווע פון פארווארפענעם העק, גרויסע ווערטער:

— אין ערגעץ אין דער וועלט איז ניטא קיין ראטן=רעפובליק. אין אייראפע שטיקט דער קאפיטאל...

דער „ווייסברעמעוודיקער” האט פארשטאנען, אז די רויטע גווארדיע דארף אנסטראשען אייראפע, האט ער מיט א פריידפולן קינדערשן אויסגעשריי זיך אפגערופן:

— צו בלאטע מאכן אייראפע, כאוויירים!

וואנקע האט א פארויטלטער, א פריידפולער, אויך, ווי א בארוישטער סאפראנען פארן ארבל אנגעכאפט:

— טאטקע, גיב מיך אפ צו זיי! זיי זאלן מיך נעמען!..

דער בעטנדיקער קאל איז א' קינדערשער געווארן,—אנדערש אבער פלעגט ער שטענדיק ריידן: ווי א גרויסער. גראבלעך און געזעצט. ער וואלט זיך ניט דערשראקן אז דעם פאטערס דערלויבעניש אוועק, נאר שארפער איידער די דערוואקסענע, שטארקער האט ער דערשפירט די גרויסקייט פון די וויכטיקע ווערטער, וואס האבן אויפגעפלאטערט אין קליינעם שטעטל, און האט זיך דערזען אזעלכן, ווי ער איז געווען: א אינגל צו וועמען עס איז נאך קיין צוטרוי ניט געווען.

— באשטים מיך צו זיי, טאטקעלע!

— אך, דו, שנעק! פרי. כ'וועל נאך באשטימען...

מיט א רייביקער האנט האט סאפראן א שמיר געטאן וואנקען איבערן פאנים. זיך צעלאכט פון פרייד.

נאר אז א זייט פון זיי, באם פארקאן, האט א הער אין א שווארצן מאנטל מיט א שעפסן=קאלנער בייז און הויך אויסגעשריען:

— ניט קיין רויטע גווארדיע, נאר רויטע קאנאליעס!

סאפראן האט שנעל זיך אומגעדרייט, נאר דער הער איז נאך פלינקער אין אוילאם צערונען געווארן. סאפראן האט מיטן פויסט אין אוילאם ארייך געדראט. מיטאמאל פינסטער געווארן און דערשפירט: סאנים אין די ווינקלען.

— דרייסט, כאוויירים, אין פום!

— צעשטעל זיך! היי דו, דעם שעדם פעפערשיסל, אין ריי!

— שטעל זיך!

— איי... איי... איי...—דיי...

דער האמוין האט גערוישט. דער ווינט איז אלץ שטארקער געווארן. דער רוסישער פרילינג=מאנאט האט, ווי זיך צעבייזערט אף די נייע רוסישע סאלדאטן, האט זיך דערמאנט, אז ער איז נאך א כמורער, א ווינטערדיקער...

ס'האט אנגעהויבן א שניי פאלן.

— מאמעלער, ניט אנדערש א זאווערוכע וועט זיין!

— נישקאשע אז אפילע א זאווערוכע! דער רוסישער איז געוויינט...

VI

טאג נאך טאג, ווי ביינדלער אפן רעבנברעטל, ווארפט דאס לעבן אראפ אלס הויצאע די בא אים גענומענע, אויסגעלעבטע צייט. מיט אן אומראכמאנעסדיקער גלייכגילטיקייט ברענגט דאס דעם ווידעראנאנד פון פרילינגן און ווינטערן, קיינמאל ניט פארפעלנדיק, קיינמאל ניט פלאנטערנדיק די דאטן, באשטימנדיק פאר יעדן טאג פון געפינען זיך אין לעבן זיין אומרו און בארוטקייט, זיין צאר און פרייד. און וואס נעענטער דאס לעבעדיקע איז צום אנהויב פונם זיין, אלץ אומבאדינגטער איז פאר אים דער סיידער פון אט דעם ווידעראנאנד.

דארט, הינטערן ראנד, וואו שטאט האט די לעבן=זאפטן אין קאפ ארייגעזויגט, גענויט ברייטערן זיך דעם מענטשלעכן מויאך און נעמאכט אים פאר א האזעדיקן און שטענדיק שאפנדיקן,— איז נישא קיין צייט. פעסט איינגעשטעלטע, וואס באפעלט: ניט פריער, ניט שפעטער, גלייך זאלסטו דיינס שאפן. אבער דא אין דארף, וואו די ערד, ארויסשטעלנדיק איר פרוכטבארע, גרייטע צו באפרוכפערט ווערן אדער שוין באפרוכפערטע טראכט, שטעלט איין דאמעס, ווען ס'זיינען איר נויטיק די קויכעס פונם פעסטן, צי דער ארבעט איבער איר אויסגעארבעטן פויערשן קערפער—איז מאכטפול דער געזעץ פון לעבן=סיידער, און אין אומזעטיקן שלינגען דידאזיקע קויכעס איז ער אכזאריש.

דא איז בא מענטשן פעסט דער רוקנביין, געדיכט איז אין

די אדערן די זאפט פון כאיעש בלוט, פרוכטבאר, ווי בא דער ערד די טראכט.

נאר גיריק און קארג איז די נעשאמע, שטענדיק געפייניקטע פון זאמלען, פון דורשט נאך אנקלייבן ערדישע פרוכטן פאר דער ריזיקן בויך פון אלעמען, ווער עס לעבט, פרוכפערט זיך אדער דענקט, ווער עס קיימלט צונויף די רינגען פארן דויער פון לעבן. דא איז בא מענטשן דורך עפעס א פינסטערס און אלטס, ווי די ערד אליין, צוגעדריקט דער שאפנדיקער קוואל פון געדאנק, און פארורטיילט איז דער מענטש אונטערן יאך פון דער שווערער ווירטיק ערד צו זיין בלינד און אן ראכמאנעס אפילע צו זיך אליין.

דעריבער מאכן זיך שווער אויף די מירן פון זיין נעשאמע, און מיט כאיעשער ביטערקייט באהיט ער זיי פון ברייטן שוואונג ווייטאק אדער אנטציקונג. און נאר אין שיקערן ברויז וויקלט ער זיך פאנאנדער א פינסטערער און גרויסער, פארשלאסן און פארבענקטער נאך גייסט, אין פעסטן קערפער א פארשלאסענעם. און פריידפולער ברויז נידערט אראפ אף אים, ווען די ערד גיט אים הערישעריש א רוף: שאף, ס'איז געקומען די צייט!

ס'האט די ערד באפוילן די פויערים פון אינטערנאציאנאלאווקע, אדער טאמבאווקע=ניעבעסנאווקע,—גרייטן זיך צום היי=שניט, האבן זיי אויפגעפילדערט. אויפגערודערט זיך, זיינען ארויסגעשאטן אין גאס פון די הייזער זייערע, וועלכע זיינען ווי בא כאיעם צוגעפאסט נאר אף ווינטער=שלאף, גיט אף געניסן היימלעכקייט און שטוביקע רו. די פויערים זיינען געגאנגען אין וואכעדיקע טאכטוינים און העמדער, אבער א לעבעדיקער, ריידעוודיקער, האמוין, ווי אין א יאנטעוו, זיי האבן זיך צונויפגעזאמלט בא דער גרויסער ארטעל=קוזניע, וואס איז אפן ארויספאר פון ניעבעסנאווקע געשטאנען. דער געווירצטער, געדיכטער גערוך פון דער ערד, דורך זון דורך צעפארעטער, וואס דער ווינט פון פעלדער ברענגט צו טראגן, און דער געזונטער, כאיעשער רייאך פון פי=מיסט אף די הויפן, האט ווי וויין געברויזט דאס בלוט מיט פריידפולער פארשיקערונג, געשלאגן אין קאפ, פאריונגערט די דומפע קוילעס פון אלטע לייט, געשטארקט מיט אן אינווייניקסטן, ברוסטיקן קלונג די הילכיקע אויסגעשרייען פון די יונגע, מיט זילבער דורכגעפלאכטן קינדערשע ווערטער=גלעקעלעך. אין ברויז פון דער איצטיקער פרייד

איז געווען נײַס. די פון הינטער גראבן אט יענע, אף וועמעס גוירל עס פלעגט אין די פאבריקע יארן אויספאלן גאר פריידישיין, אפגעשפיגלטע פון די באלעבאטים זייערע אויפצונעמען און דעם שטענדן רונצלען פון געדאנק: מ'שטיינס געזאגט, וואס מע קאן שוין מיט די קאסעס אנקראצן,—האבן גערויישט הײַנט געדיכט, ווי שטארקע! ווייל אין א לאנגער מאכנע האבן זיך בא דער קוזניע אויסגעשטעלט מאשינעס אויך צוליב זייער היי־שניט. זון און פרייד האבן געמאכט פון די קנייטשן אף ארטאמאן פעגיכס פאנים־שטראלן, די שמוציק־גרויע האר—פאר באזילבערטע. א קליינינקער און דארינקער, האט ער הײַנט ווי אויסגעגלייכט די פלייצעס, געבויגענע דורך באטראקישער ארבעט און, ווי ס'האט זיך גערוכט, העכער געווארן. ווי א פאראייסיקטער באלעבאס געשריען:

— קאפראן, הא קאפראן! הערסט, ארטאמאנישש, וויפיל שמידן האבן מיר?

— צע־ע־ע־ן!

— וועט זיין גענוג לוים די מאשינעס?

און אין אומרו האט זיך דורכגעקייקלט דורך די הינטערגראבנדיקע:

— און מאקע, ס'וועט קלעקן?

ארייננציענדיק דעם שווארצן, לאכמאטן קאפ אין די פלייצעס אריין, האט רעדקין די שארפע באקביינער זיינע און די גריבער פון די אויסגעדארטע באקן צו דער זון אויפגעהויבן. ווי ער וואלט ווארעמקייט געבעטן. און פריידיקע זונען־שפיגלעך האבן דאס פאנים באלעבט, דעריבער האט דער קאל זיינער מיט ווייניקער, ווי שטענדיק, אנגעשטרענגטקייט דורכגעכריפעט:

— כאזיאכקע... אן אונזעריקער... וועט זיך א סמארע טאן! איך וועלן מיר אכטונג געבן אנידערישטעלן. און וועט מען דארפן, וועלן מיר אלע זיך נעמען שמידן. וואלט נאר געווען וואס!...

דער סעקטאנט גריעבאוו—פון אים האט די זון הײַנט די כמארעס ניט פארטריבן—האט פארצארנט זיך אפגערופן:

— שמידן!... צו א מאשין דארף מען רעגילעס האבן. אזעלכענע, ווי רעדקין און פעניך וועלן אנשמידן... וועלכע צייגער ס'זיינען נאך דא גאנצע וועלן זיי אויך צעברעכן.

סאפראן האט בווזעקדיק אפגעריסן:

— נישקאשע, זאל דיר דער קאפ פאר אונז ניט דארן. מאטער צוליב אונז ניט די לעבערקעס. וועלן מיר צעברעכן, וועלן מיר אנדערע צושווייסן. מירן אליין ניט קענען, וועלן מיר דיך צופאסן. זיי זיך מאטריאך, הייסט עס, כאווער גליעבאוו, צוליב דעם נידעריקן גראד דעם פויערשן! ע-ע-ך כ'על זיך מיט א פאפירעסל מעכאיע זיין. פריילעך!

און מיט ניטגעוואוינטע פינגער א פאפיראסל אנגעהויבן צע-נויפדרייען. לעבנדיק אין גאענטער שביינעם מיט די סעקטאנטן, האבן ווייניק געדויכערט די אינטערנאציאנאלאווקער פויערים.

סאוואסקע מיטן קרומען האלז האט פון קוזניע-טיר אויס-געשריען:

— און דו, סאפראן, סטארע זיך אויס פון שטאט מאכארקע פאר די שמידן. מירן אפדינען! און אט-די-א, הינט איינע, ווייסן מיר, זיי בילן פון רישעס. מירן אונזערס פארטיק מאכן. באווייזט איר נאר, אט, ס'קומט צו רייד: ס'רופט זיך „שטערנווארמער"*) און פארוואס הייסט דאס אזוי? ווייל ס'ווארעמט דעם שטערן. דן באוויזט נאר נאך איר אין פיס-נאכגיין. ווי אונטער מוזיק. באכערעין!

— מאכארקע איז פארגרייט. היידא, מאך נאר פארטיק די מוזיק. מירן באווייזן. פויערשע פאנאנדערגריבלער לאזן זיך אונ-טערגעבן דעם טאקט,—גיב זיי נאר א לערן. אף מילכאמע ניט אונטער אזא מוזיק באוויזן. ס'עפעס, זשיגאנאוו אלעקסיי איוואַ-ניטש איז אזוי שטיל. דאס פאלק פרייט זיך, און ער מאכט קיין מויל ניט אויף. אדער מיט א אין דער מאמען אריין זיך דערווארגן?

— כא-כא-כא.

— הא-הא-הא.

— מ'קאן זיך דערווערגן! געהאלטן באהאלטן די מאשינעס פאר זיך, און איצטער היידא צו סאפראנען דינג זיך אן.

— לאמיר, ווייזט נאר, ברידער, דינגען, זשיגאנאוון פאר אן ארבעטער! הא?

*) „לאבאגרייקא" — אזא שניידמאשין, וואס די ציען זיינען בא איר פין פארנט. „לאבאגרייקא" — „שטערנווארמער" א רוסיש-פויערשער נאמען פון דער מאשין.

זשיגאנאוו האט אויסגעשפיגן, מיט די בלאע ווייסלער א בליץ געטאן, נאר רואיק געענטפערט:

— וואלטן מיר ניט געווען, וואלט ניט געווען בא וועמען מאשינעס צונעמען. פון ארבעט שאקלען מיר זיך ניט אפ. ווי, סאפראן, אין קאמונע נעמט איר אונז צו?

— א, געהאצקעט זיך, און איצט דערשפירט?

רעדקין האט זיך צעגוואלדעוועט:

— אזעלכע קאמוניקעס ציען זיך נאר נאך די מאשינעס נאך זייערע. קעדיי פון אויג ניט ארויסצולאזן! אין האלז און נאקן זיי!...

— פארשטייט זיך אז זיי! זאלן זיי היי בא אונז קויפן.

— ניט צונעמען!

— פארוואס ניט צונעמען? זאלן זיי גיין אלפיביילעק. פערד האבן זיי.

סאפראן האט דעם וויקואך אפגעהאקט:

— זאלן זיי גלייך אף גלייך מיט אונז באטראקעווען. מירן צונעמען. די הויפט זאך, מיט פערד זיינען זיי.

— רי־ו־כטיק!..

ארטאמאן פעגיך האט זיך דערפרעגט:

— ווי איז מיט היי—מ׳וועט, לויט נעפאשעס טיילן? אויב לויט נעפאשעס—איז נעם צו, ווער עס האט נאר ביישעק.

— היידא אין שול,—אין קאמונע זיך פארשרייבן!

— וואס אין כאלעם האט זיך ניט פארגעשטעלט, איז פאר די אויגן געקומען. קאמו־ו־נ־ע־ם! נו, נו, !... נו, מירן זען. אדער האר רייסט מען פאסמעוויז, אדער סקירדעס היי.

מע איז אוועק אין שול. אין קוזניע האט זיך אנגעהויבן א הייסע ארבעטס־מוזיק. רעדקין איז בא די מאשינעס געבליבן. עס האט זיך אים אליץ געדאכט, אז מע וועט זיי אפנעמען. מע דארף זיי היטן מיט א געטריי אויג. דאס דארף האט געלעבט מיט איבערגעגג פון אויפגעשרויפטע מענטשלעכע קוילעס. אף די הויפן האבן הילכיק און היים ווייבער געזידלט:

— אזא ניטדערבאקענע איז ניטא נאך וואס אין קאמונע צוגעמען, שוין בעסער אונזער כאזערוקל! ט׳זיך פלינקער א דריי טאן. איך מאך עס שפילנדיק, און דו אפילע...

אינהאלט:

1. **רעכטברעכער.** 5

2. **איבערמיסטיגונג.** 57